STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01166

PIONERN FUN YIDISHER POEZYE IN AMERIKE

N. B. Minkoff

•

Permanent preservation of this book was made possible
by Lewis & Josephine Schneider
in honor of
Trevor & Lisa Link

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נ. ב. מינקאָוו

פיאָנערן פון יידישער פּאָעזיע אין אַמעריקע

דאָם סאָציאַלע ליד

צווייטער באַנד

ניו־יאָרק — 1956

N. B. MINKOFF

PIONEERS OF YIDDISH POETRY IN AMERICA

The Social Poetry

Volume II

Copyright, 1956,
by N. B. Minkoff
New York, N. Y.

Prnted in U. S. A.

GRENICH PRINTING CORPORATION
151 West 25th Street
New York 1, N. Y.
166

געווידמעט
מיין פרוי

אינהאַלט:

בנימין ראָזענבלום:

„אָרעם פּראָלעטאַריער־קינד" — — 9
זיין קינדהייט — — — — — — — 10
אין וואַרשע — — — — — — — — 11
אין אַמעריקע — — — — — — — 13
דער פּראָצעס — — — — — — — 17
הויפּט־שטריכן אין זיין פּאָעזיע — 22
אויך אין די לירישע לידער... — — 27
אַריטמיע, אינהאַלט און פאָרם — — 29
סאָציאַלער אומיושר און פרייהייט — 35
יידישע מאָטיוון — — — — — — — 41
סאַטירע — — — — — — — — — 45
פּאָרלויפער — — — — — — — — 48

י. ש. פּרענאָוויץ:

דער סענטימענטאַלער סאָציאַלער
פּאָעט — — — — — — — — — 53
זיין קינדהייט — — — — — — — 54
אין אַמעריקע — — — — — — — 59
די ערשטע לידער — — — — — — 61
אין פילאַדעלפיע — — — — — — 70
פינצטערניש און ליכט — — — — — 73
לירישע לידער — — — — — — — 79
דער וועג צום יחידישן ליד — — — 87

אברהם ראַדוצקי:

טרוים קעגןווירקלעכקייט — — 105
קינדהייט און יוגנט אין אייראָפּע — 106
אין ענגלאַנד — — — — — — — 110
דער מענטש פון מעשים — — — 114
אין אַמעריקע — — — — — — — 116
טרוימער און מאָנער — — — — — 119
ליריקער — — — — — — — — 122
סאָציאַלע לידער — — — — — — 127

ס. לאַפּוכאָוו־קאַרמען:

דער ליריקער — — — — — — — 139
ביאָגראַפישע שטריכן — — — — — 142
ערשטע לידער — — — — — — — 146
צוואַנציק יאָר שפּעטער — — — 160
אַלעגאָרישע יחידישקייט — — — 168

יצחק זיילין:

אויפקום — — — — — — — — 185
זיין לעבן — — — — — — — — 188
זיינע לידער — — — — — — — 194
אַרבעטער־לידער — — — — — 194
טרערן־ליד — — — — — — — 197
איינגעבראָכענער געמיט — — — — 199
דאָס סאַטירישע ליד — — — — — 203
דעם פּאָעטס שליחות — — — — 205

חיים אַלעקסאַנדראָוו:

פּילזייטיקער שרייבער — — — — 211
קינדהייט אין פּעטערבורג און פּאָעטישע
טרוימען — — — — — — — — 212
אין ווילנער לערער־אינסטיטוט — — 214
עקשנות, תּפיסות און פּאָליציייאישע
אויפזיכט — — — — — — — — 215
אין ניו־יאָרק — — — — — — — 216
„דער שיקזאַל פון יידישן שרייבער
אין אַמעריקע" — — — — — — 224
קריטיק — — — — — — — — — 232

ייִדישיזם — — — — — — — 236
געזעלשאַפטלעכע טעמאַטיק — — — 240
דעקאַדענטן — — — — — — — 249
„אָ, ליבער, מיר האָבן געשלאָסן" — 255

עוזר סמאָלענסקין:

ערשטע דרייסיק יאָר אין אייראָפּע — 263
ערשטע איינפלוסן — — — — — — 265
אין אַמעריקע — — — — — — — 269
מזמור לתורה — — — — — — — 276
אַפּיקורסים — — — — — — — 281
ואתם אומרים שירה — — — — — 286
סאָציאַלער דלות און פרייהייט — — 289
„איך און מיין מוזע" — — — — 292

נייטן לעמפּערט:

פּריער טויט — — — — — — 297
ביאָגראַפישע פּרטים — — — — — 299
די ערשטע לידער — — — — — 304
קאַמף־לידער — — — — — — — 318
פּאָליטישע לידער — — — — — — 315
ייִדישע טעמאַטיק — — — — — — 320
ליִרישע לידער — — — — — — — 323

בילדער:

בנימין ראָזענבלום — — — — — — 7
בנימין ראָזענבלום צו 29 יאָר — — 23
י. ש. פרענאָוויץ — — — — — — — 51
י. ש. פרענאָוויץ — אויף דער עלטער— 81
אברהם ראַדוצקי — — — — — — — 103
אברהם ראַדוצקי — אין די עלטערע
יאָרן — — — — — — — — — 129
ס. לאַפּוכאָוו־קאַרמען — — — — — — 137
יעקב מאַרינאָוו לייענט פאַר אַ ליד
ס. לאַפּוכאָוון, דענווער, קאָלאָ־
ראַדאָ, 1895 — — — — — — — 173
יצחק זיילין — — — — — — — 183
חיים אַלעקסאַנדראָוו — — — — — — 209
חיים אַלעקסאַנדראָוו — צו 35 יאָר — 237
עוזר סמאָלענסקין — — — — — — 261
נייטן לעמפּערט — — — — — — — 295

בנימין ראָזענבלום

1902 — 1872

בנימין ראָזענבלום

„אָרעם פּראָלעטאַריער־קינד״

אין דעם יולי־נומער „צוקונפט״, 1902, איז אין ווינטשעווסקיס אָפּטיילונג „רונדשוי״ דערשינען אַ רירנדיקער נעקראָלאָג:

„אָרעם פּראָלעטאַריער־קינד!

„מיט אַ מאָנאַט צוריק איז אין אונדזער זשורנאַל דערשינען אַן אַרטיקל פון אים; מיט דער צייט וועט זיין גענוג מאַטעריאַל פאַר אַ ביאָגראַפיע פון אים; היינט —ביים קבר, אויף וועלכן די ערד איז נאָך ניט פאַרהאַרטעוועט — גיבן מיר דיזן זיפץ נאָך אים.

„אַ יתום אין דלות; דאַן אַ שלאָסער מיט אַ געוואַלדיקן וויסנס־דראַנג; דאַן אַ לערנער מיט אַ ליידיקן מאָגן; דאַן אַ סטודענט, אַר־בעטנדיק צו דערהאַלטן דאָס לעבן, און איצט אַ ברך־מינן, נאָכדעם ווי ער האָט ענדלעך נאָך אַ לאַנגן, געפערלעכן קלעטערן ערגרייכט דעם שפּיץ־באַרג — דיזע פינף־אַקטיקע טראַגעדיע באַשרייבט דאָס לעבן פון בנימין ראָזענבלום.

„און די אויגן זיינען אויף אייביק געשלאָסן געוואָרן גראָדע אין דעם מאָמענט ווען אין זיין פּענצטערל האָט אַריינגעשיינט אַ וואַרעמער זו־נענשטראַל. — און די ליבפולע האַרץ האָט אויפגעהערט צו קלאַפּן אין דעם אויגנבליק ווען מאַדאַם פאָרטונאַ מיט מתנות אין האַנט האָט ענדלעך אָנגעקלאַפּט אין טיר. — און די הענט זיינען געוואָרן קאַלט און בלאַס און שטאַר אַזוי גיך ווי עס איז פאַר זיי געקומען די צייט עמפּפאַנגען דעם לאָרבער־קראַנץ, וועלכן זיין טאַלאַנט האָט פאַר אים אויסגעפלאָכטן.

„מיט מי, מיט שוויס, דורך הונגער און דורך ליידן איז ער ענד־לעך געוועזן צוגעקומען צום עץ־הדעת. קוים האָט ער דערגרייכט דעם ערשטן פרוכט־באַלאַדענעם צווייג, איז שטיל, ווי אַ פייגלינג אַ מערדער, אונטערגעקומען דער טויט, האָט אים אָפּגעהאַקט פון די פיס און מיט די ערשטע עץ־הדעת־פרוכט צווישן די פינגער איז

בנימין ראָזענבלום אַנידערגעפאַלן אויף דער ערד און דער פאַרהאַנג האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף דער אויסגעשפּילטער טראַגעדיע.
„אָרעם פּראָלעטאַריער־קינד!"

זיין קינדהייט

בנימין ראָזענבלום איז געבוירן געוואָרן אין גראָדנע, דעם 16טן דעצעמבער, 1872. אַזוי האָט ער אַליין אָנגעגעבן אין אַלע אָפיציעלע פּאַפּירן. די דאָזיקע דאַטע איז פאַרצייכנט אין סטודענטן־לייסטער פון ראָטגערס אוניווערסיטעט („אַלומנאַי ענד סטודענטס אָוו דהי קאָלעדזש פאָר מען, 1774—1932"), אַרויסגעגעבן פון דער געזעלשאַפט פאַר די גראַדואירטע סטודענטן פון ראָטגערס קאָלעדזש. דאָס טראַגישסטע אין זיין לעבן איז געווען דאָס, וואָס ער איז געווען — „אַ יתום אין דלות". אָט־די טראַגיק געפינען מיר אין ראָזענבלומס אויטאָביאָגראַפיש ליד „איך קען ניט זינגען קיין פריילעכע לידער". דאָ האָבן מיר אונדזער דיכטערס לעבנס־באַשרייבונג בעת ער איז געווען אַ קינד ביי זיין מאַמען אין הויז:

איך קען ניט זינגען קיין פריילעכע לידער,
איך האָב אין דער יוגנט זיי זעלבסט ניט געהערט,
דאָס קלאָגן און וויינען די שוועסטער און ברידער —
דאָס איז נאָר געווען מיר צו הערן באַשערט.

נאָך היינט אויך געדענק איך אַכט צורות ווי לייכעס,
פאַרמאַגערטע, דאַרע — כ'וועל נימאָלס פאַרגעסן —
וואָס שרייען און בעטן פאַרצווייפלט, אָן כוחות,
„גיב, מאַמע, גיב ברויט אונדז, מיר ווילן שטאַרק עסן".

מיר פלעגן אין ענגשאַפט אויף שטרוי ווינטער ליגן,
פון קעלט און פון הונגער פאַרשמאַכט און פאַרפראָרן,
דער ווינט פלעגט אונדז זינגען און פייפן, פאַרוויגן,
ביז וואַנעט מיר זיינען אַנטשלאָפן געוואָרן.

אָפט פלעג איך דערוואַכן האַלב נאַכט ניט געגעסן,
און אַלץ נאָך די העמדער מיין מוטער פלעגט נייען,

זאָ איז זי געבויגן אין דרייען געזעסן,
פון מאָרגן ביז וואַנען די הענער פלעגן קרייען.

שוין לאַנג ליגט מיין פאָטער אויף דעם בית־הקברות,
און לאַנג איז מיין אָרעמע מוטער שוין טויט,
די שוועסטער און ברידער, נאָך ליידן זיי צרות,
און אַרבעטן שטענדיק און האָבן קיין ברויט.

כ'קען פריילעך ניט זינגען. איך קען נאָר באַקלאָגן
די לאַגע, די שלעכטע, פון מענטשן, פון ברידער.
צי האָט ווער פון אונדז דען קיין צרות פאַרטראָגן?
צי הערט ווער פון אונדז דען אויך פריילעכע לידער?

(„פרייע אַרבעטער שטימע", דעם 6טן מאַי, 1892)

אומפאַרמיטלט, אומהיימלעך גיט אונדז דער דיכטער איבער, אויף אַ פשוטן, דירעקטן אופן, אַ גרויליק בילד וועגן טיפער אָרעמקייט, וועגן גרויסע יסורים.

ראָזענבלומס פאָטער איז געווען אַ רב. אויף וויפל עס לאָזט זיך פעסטשטעלן, איז ער געווען רב אין זאַווילין, מינסקער גובערניע. דער פאָטער איז יונג געשטאָרבן און איבערגעלאָזן אַן אלמנה מיט אַכט קליינע קינדער. די משפחה האָט זיך דעמאָלט באַזעצט אין בריסק־ליטאָווסק, וואו די אלמנה האָט געהאַט עטלעכע אָרעמע קרובים. אין גיכן, אָבער, איז אויך די מוטער געשטאָרבן. איז די דערציערין און פאַרזאָרגערין געוואָרן די עלטסטע טאָכטער, אַ מיידל פון 16 יאָר.

דאָס איז אַלץ, וואָס מיר ווייסן וועגן ראָזענבלומס קינדהייט.

אין וואַרשע

ווען ראָזענבלום איז געקומען קיין וואַרשע, איז ער נאָך קיין 15 יאָר ניט אַלט געווען. ער האָט שוין ד'עמאָלט געקענט אָפּלערנען אַ בלאַט גמרא. אין וואַרשע זיינען געווען צוויי באַוואוסטע יידישע פּי־לאַנטראָפּישע פאַך־שולן. איין שולע איז געווען אויף מוראַנאָוו. דאָס

איז געווען די ד"ר פּאָזנאַנסקי־שולע. די צווייטע, די דיקשטיין־שולע, האָט זיך געפונען אויף דער שליסקע גאַס. ראָזענבלום האָט באַזוכט די שולע „די „שקאָלאַ זשעמיעשאַניצא", אויף שליסקע גאַס. ער האָט זיך דאָרטן געלערנט שלאָסעריי. די שילער פון ביידע שולן האָבן געגעסן צוזאַמען אין אַ געמיינשאַפטלעכן רעסטאָראַן. די שקאָלעס האָבן געדעקט די הוצאות. אין אַט־דעם רעסטאָראַן האָט זיך ראָזענבלום געטראָפן יעדן טאָג מיט דעם צוקונפטיקן דיכטער מאַקס מילטאָן. מיל־טאָנס עלטערער ברודער יודל קאָלטאָן און ראָזענבלום זיינען געווען צוויי האַרציקע חברים. דער זייער אינטערעסאַנטער יודל קאָלטאָן — דער שפּעטערדיקער וועלט־וואַנדערער, באַהעם, גרויסער קינסטלער אין שניצעריי — איז געווען עלטער פון ראָזענבלומען מיט אַן ערך זעקס יאָר. זיי זיינען צוזאַמען געקומען קיין אַמעריקע, אין יאָר 1891.

ראָזענבלום איז געווען ביי אַלעמען באַליבט. ער האָט געהאַט, ווי מ'דריקט זיך אויס, אַ דימענטענע נשמה. ער איז געווען אַ שווייגנ־דיקער יונגערמאַן, מיט אַ דינעם שמייכל אויפן פּנים. אַ טעמפּע־ראַמענטפולער ביז נערוועזיטעט, זייער ריין אָנגעטאָן, אינטעליגענט און אַריסטאָקראַטיש אין אויסזען. נאָך אין וואַרשע—אַדאַנק זיין האַלטונג האָט ער געקראָגן אַ צוטריט צו די צוויי פּאָפּולערסטע הייזער צווישן די וואַרשעווער משכילים, די קאַרנאָווסקיס און די קאַמינסקיס. דאָרטן האָט ער זיך געטראָפן מיט לעאָן גאָטליבן, יעקב מילכן און אַ סך פּראָ־גרעסיווע יונגעלייט, וואָס האָבן שפּעטער געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין יידישן לעבן. אין אַ געוויסער צייט האָט ער אין וואַרשע געוואוינט ביי טימפּאָווסקין. טימפּאָווסקי איז געווען באַוואוסט אין וואַרשע ווי אַ גאָר גוטער לערער. זיין הויז איז שטענדיק געווען פול מיט עקס־טערנעס. ער האָט זיי געגרייט צו די עקזאַמענס אין די פאַרשיידענע לערן־אַנשטאַלטן. דאָרטן האָט אַ צייט געוואוינט דעם באַוואוסטן אַנאַרכיסט ד"ר מיכאל קאָהנס ברודער. אין אַט־דער אַטמאָספערע — לערנען, טרוימען און שטרעבן — האָט דער שלאָסער־שילער דורכ־געלעבט זיינע יאָרן אין וואַרשע. העברעאיש און רוסיש האָט ראָזענבלום זייער גוט געקענט. אַ געוויסע צייט האָט ער געאַרבעט אין „הצפירה", דערנאָך אין „האשכול".

אין אַמעריקע

מיט אַ יאָר שפּעטער ווי ראָזענבלום איז געקומען קיין אַמעריקע האָט ער אָנגעהויבן פּאָרעפֿנטלעכן לידער. זיינע ערשטע לידער זיינען דערשינען אין יאָר 1892. אין יענעם יאָר איז אין קאָלאָראַדאָ געשטאָרבן עדעלשטאַט און באָוושאָווערס נאָמען האָט אָנגעהויבן ווערן באַקאַנט. גוט באַקאַנט זיינען שוין דעמאָלט געווען די פּאָעטן ג. ב. באַבאַד און י. זעילין. צווישן די פּאָעטן אין יענער צייט האָט זיך אָנגעהויבן הערן דער נאָמען בנימין ראָזענבלום. די דעמאָלטדיקע ליטעראַרישע קרייזן האָבן אים אויפגענומען מיט ליבשאַפט און גרויס אָנערקענונג. ער האָט אין יענעם יאָר זיך געדרוקט אין לאָנדאָנער „אַרבייטער פריינד", אין „פרייער אַרבייטער שטימע" און אין „צוקונפט". אין אַלגעמיין איז דאָס יאָר 1892 געווען זיין פּראָדוקטיווסט יאָר. שפּעטער האָט דאָס צו־גרייטן זיך צום אוניווערסיטעט און דאָס לערנען אין אוניווערסיטעט אים אָפּגעריסן פון ליטעראַרישער אַרבעט, הגם ניט אין גאַנצן. אין שפּעטערדיקע יאָרן האָט ער זיך געמיט אומקערן צו שרייבן לידער. אָבער ער איז שוין דעמאָלט געווען געפערלעך קראַנק. יונגערהייט איז ער אַוועק פון דער וועלט.

די ערשטע יאָרן אין ניו־יאָרק האָט ער געלעבט אין גרויס דחקות, ווי אַלע אימיגראַנטן־אינטעליגענטן. אַ גאַנצן טאָג האָט מען געאַרבעט אין די שוויצפאַבריקן, און ביינאַכט האָט מען זיך געלערנט אין די נאַכט־שולן (נאַיט־סקולס).

לאַנג איז ראָזענבלום ניט געווען אין ניו־יאָרק. ער איז אַוועק זיך לערנען אין דער באַראָן הירש אַגריקולטור־שולע אין וואודבאַין, ניו־דזשוירזי. נאָכדעם איז ער געקומען קיין נואַרק, ניו־דזשוירזי. ווי אַזוי און פאַרוואָס ראָזענבלום איז געקומען קיין נואַרק איז ניט קלאָר. אפשר האָט נעטערס הויז געהאַט אַ שייכות מיט ראָזענבלומס איבער־קלייבן זיך אַהין. נעטער, דער ערשטער פאַרוואַלטער פון „צוקונפט", האָט געוואוינט אין נואַרק. זיין הויז איז געווען דער צענטער פאַר אַלע ראַדיקאַלן אין יענער שטאַט. סוף־וואָך און ימים־טובים פלעגן צו אים קומען געסט פון די אַרומיקע געגנטן, דער עיקר, פון ניו־יאָרק. נעטער און זיין פרוי מיט זיינע גרעסטע טעכטער זיינען געווען ליבע מענטשן און גרויס מכניסי־אורחים. קומענדיק מיט פריינד זייער אָפט צו די נעטערס, האָט ראָזענבלום זיך, מן־הסתם, באַקענט מיט דער

שטאָט, געפונען אַרבעט אין אַ בעקעריי און אַזוי נאָך איז ער געבליבן אין נוּאַרק.

ווען ער איז אָנגעקומען אין נוּאַרק אין האַי־סקול, אין מיטלשול, האָט ער געאַרבעט ביי פאַרשיידענע צופעליקע מלאכות. אַ געוויסע צייט האָט ער געאַרבעט ווי אַ שיק־יינגל ביי אַ קצב. זייער אָפט האָט ער ניט געהאַט וואו צו שלאָפן. דער אַמביציעזער ראָזענבלום איז, אָבער, געווען זייער שטאָלץ. ער האָט די נעטערס ניט דערציילט וועגן זיין מצב. אַ שמש אין אַ בית־מדרש האָט באַמערקט דעם שטאָלצן יונגנ־מאַן און ער האָט שנעל אַלץ באַגריפן. האָט ער דערלויבט ראָזענבלו־מען שלאָפן אין בית־מדרש. אין יענעם בית־מדרש האָט ער פאַר־לאָרן דעם גרעסטן טייל זיינע ניט־פאַרעפנטלעכטע כתבים.

דער פאַל האָט זייער שטאַרק געווירקט אויף דעם נערוועזן און אויפגערעגטן ראָזענבלומען. ער האָט זיך דעמאָלט געוואָלט נעמען דאָס לעבן. צוויי יאָר צייט האָט ער געלערנט אין נוּאַרקער האַי־סקול. פאַרענדיקט האָט ער דאָרטן זיין לערנען מיט אַן אויסצייכענונג: ער האָט געקראָגן אַ שטאָט־סטיפענדיע, זיך לערנען אין אוניווערסיטעט. אין 1896 איז ער אָנגעקומען אין ראָטגערס קאָלעדזש, אין ניו־בראָנזוויק. פיר יאָר צייט האָט ראָזענבלום געוואוינט דאָרטן, ביז ער האָט געענדיקט דעם אוניווערסיטעט אין 1899.

זיין געמיט־צושטאַנד אין יענער צייט, זיין בליק אויף זיין נייער היים, קען מען זען אין דער סאָציאַליסטישער פּאַראָדיע אויף געטעס באַרימט יחידיש ליד:

קענסטו דאָס לאַנד

(נאָך געטע)

קענסטו דאָס לאַנד, די פינצטערע,
וואו אייביק הערשט די מאַכט?
דאָרט וואו דער ריז, דער שלאָפנדער,
האָט קיינמאָל ניט דערוואַכט?
וואו סוואוינען וועלף פאַרווילדעטע און בערן סטאַרעטנווייז;
וואו ווייט און ברייט די ווּסטעניש
און פיל באַדעקט מיט אייז; —
קענסטו דאָס קאַלטע ווילדע לאַנד? —
דאָס איז מיין אַלטע פאָטערלאַנד!

קענסטו דעם בער „צאַר־קאָלאָקאָל״
וואָס שלעפערט איין דעם ריז?
וואו אויף אַ סטאַדע שעפּסעלעך
אַ טיגער פּאַסטוך איז;
וואו פול איז פּעטראָפּאַוולאָווסקי
און גאַלעריעס־וויסט;
דאָרט וואָלגאַ־מאַטושקאַ
מיט בלוט און טרערן פליסט? —
קענסטו דאָס פרומע רויבער־לאַנד? —
דאָס איז מיין אַלטע פאָטערלאַנד!

קענסטו דאָס פרייע גאָלדן־לאַנד,
מיט שטיינער, קלאַבס און שנאַפּס,
וואו מיידל ווענוס ליבט זיך איין
מערקורי דעם קאַצאַפּ?
„אָלל מען אַר באָרן איקוועל — דאָס
האָט שקלאַפן־בלוט געקאָסט.
און איצט האָט זי דאָך ליבער דעם,
וואָס האַלט, „אין גאָד ווי טראָסט״...
קענסטו דאָס פרייע שקלאַפן־לאַנד? —
דאָס איז מיין נייע קבר־לאַנד!

(„פרייע אַרבייטער שטימע״, מאַי 26, 1893)

אין ביו־בראָנזוויק האָט ראָזענבלום אַ געוויסע צייט געוואוינט אויף האַיראַם סטריט, נומער 14, אין אַ טונקל צימער, אין אַן אַלט־מאָדיש, דריי־שטאָקיק הויז פון רויטע ציגל. אין יענע צייטן איז אין דער דאָזיקער געגנט געווען אַ טומלדיקער מאַרק. דער מאַרק האָט ממש געקאָכט מיט די געשרייען פון פּעדלערס, קונים, קינדער, פאַר־בייגייער, לאַסט־וועגנער און טראַמווייען. אָט אין דעם טומל האָט געוואוינט דער נערוועזער דיכטער, דער סטודענט־אימיגראַנט. זיין פאַרגעניגן איז געווען — זיך אַריבערכאַפּן צו די נעטערס אין נואַרק. דאָרטן פלעגט ער זיך טרעפן מיט זיינע פריינד, חברים און קאָלעגן. דורך נעטערס הויז איז ער געקומען אין שטענדיקן באַריר מיט דער יידישער ראַדיקאַלער אימיגראַנטישער וועלט, ווי אויך מיט דער יידי־שער ליטעראַטור.

די פּראָדוקטיוויטעט צייט אין זיין שאַפן — ווי דערמאָנט — איז געווען דאָס יאָר 1892. מיר ווייסן ניט גענוי וואָס און וויפל ראָזענבלום האָט געשריבן בעת ער איז געווען אין קאַלעדזש. קיין סך האָט ער דעמאָלט ניט געדרוקט. פון יענער צייט זיינען אונדז באַקאַנט זיינע עטלעכע לידער אין יידיש: „אַן אומעדיקעס ליד", „על קידוש השם", „ביי דעם ברעג".

וועגן יענער צייט ווייסן מיר אויך: זיינער אַ נאָענטער פריינד איז געווען זיין אוניווערסיטעטן־חבר, מיט וועמען ער האָט צוזאַמען געלערנט געוויסע לימודים אין זעלבן קלאַס. דאָס איז געווען דער שפּעטערדיקער ספּעציאַליסט אין ערד־כעמיע און באַקטעריאָלאָגיע, פּראָפעסאָר דזשייקאָב גודעיל ליפּמאַן. באַקאַנט האָט זיך ראָזענבלום מיט ליפּמאַנען נאָך אין יאָר 1894, בעת זיי האָבן זיך ביידע געלערנט, אַ געוויסע צייט, אין דער באַראָן הירש אַגריקולטור־שול אין וואודבאַין, ניו־דזשוירזי.

אין ראָטגערס קאַלעדזש האָט ראָזענבלום שטודירט וויסנשאַפטן און געענדיקט ווי אַ ציווילער אינזשינער. ער איז געווען פאַררעכנט צווישן די בעסטע סטודענטן. ביי דער גראַדואיר־צערעמאָניע, אין יאָר 1899, האָט מען אים און נאָך אַ צווייטן סטודענט, אויסגעקליבן צו האַלטן די וואַלעדיקטאָריעס, די געזעגענונגס־רעדעס ביים אויסטיילן די דיפּלאָמעס די געענדיקטע סטודענטן. אין די אַמעריקאַנער אוניווערסיטעטן איז עס פאַררעכנט פאַר אַ גרויסער אויסצייכענונג.

ווען ער האָט געענדיקט דעם אוניווערסיטעט האָט ער געקראָגן אַ שטעלע ווי אַ געאָמעטער (אַן אויסמעסטער) ביי דער „דזשוירזי סענטראַל ראָוד". דעם 20סטן דעצעמבער, 1900, האָט ער געקראָגן אַ שטאָטישע רעגירונג־שטעלע אין דער טאָפּאָגראַפישער אָפּטיילונג אין ברוקלין. ער האָט געצייכנט מאַפּעס פאַר נייע ברוקלינער גאַסן, וואָס מען האָט דעמאָלט געשניטן. זיין געהאַלט איז געווען אַ גאַנץ שיינער פאַר יענע צייטן — 1200 דאָלאַר אַ יאָר. געבליבן איז ער אויף דער דאָזיקער שטעלע ביזן טאָג פון זיין טויט, דעם 2טן יוני, 1902, ד"ה דריי יאָר נאָכדעם ווי ער האָט געענדיקט דעם אוניווערסיטעט. געשטאָרבן איז ער יונג, אין עלטער פון דרייסיק יאָר.

די לעצטע דריי יאָר פון זיין לעבן האָט ער זיך שוין געקענט דערלויבן צו לעבן ווי אַ מענטש. זיינען די דאָזיקע יאָרן גאָר געווען פאַר אים יאָרן פול מיט יסורים. ער איז געווען קראַנק: געשווירן

אין מאָגן, וואָס ער האָט זיך אָפּגעשפּאָרט אין די הונגער־יאָרן. חוץ דעם האָט ער געהאַט אויף זיך אַ פּראָצעס אַ קנאַפּן יאָר פאַר זיין טויט.

דער פּראָצעס

דער דעפּאַרטמענט, וואו ראָזענבלום האָט געאַרבעט, האָט זיך געפונען אויפן אַכטן שטאָק אין דער דזשעפערסאָן־געביידע אויף קאָרט סקווער, לעבן דער פולטאָן גאַס, אין ברוקלין. צוזאַמען מיט אים האָבן דאָרטן געאַרבעט נאָך עטלעכע מאַפּע־צייכענער, ציווילע אינזשינערן. איינער איז געווען אַ טשעך, קלעטשקאַ, אַ פּעאיקער מענטש, אָבער אַ שיכור. קלעטשקאַ איז, אייגנטלעך, געווען די סיבה פון אַלע צרות אין ראָזענבלומס אַרעסט. דער צווייטער איז געווען דער 60־יאָריקער דייטש, עדגאַר שרעדער. שרעדער האָט געאַרבעט אין דעם דעפּאַרטמענט אַרום 15 יאָר. ער האָט אין דייטשלאַנד געקראָגן אַ מיליטערישע בילדונג און געדינט אין דער דייטשער אַרמיי. אַ געוויסע צייט האָט ער געדינט אין וואַטיקאַן, אין דער פּויפּסט־אַרמיי, ווען פּיוס דער 7טער איז געווען דער פּויפּסט. שרעדער האָט אויך געדינט אין דער פּראָנוויזיש־פּרייסישער און אין דער איטאַליענישער מלחמה. אין אַמעריקע איז ער געווען אַ לייטענאַנט אין בירגערקריג. דער דריטער צווישן ראָזענבלומס חברים־אינזשינערן איז געווען דזשיימז דזשעיקאָבס (יעקב יאַקאָבס). דזשעימז דזשעיקאָבסעס רוסישע לידער האָבן זיך געדרוקט אין אַמעריקע. זיין טאַטע, אַ קרוב פון די ווילנער סטראַשונס, האָט אָנטיילגענומען אין אַמעריקאַנער בירגערקריג, אין 1863. נאָכן בירגערקריג האָט ער געגומען זיינע קינדער, געבוירענע אין אַמעריקע, און איז אַוועק קיין אייראָפּע. די קינדער האָבן זיך דערצויגן אין רוסלאַנד. שפּעטער האָבן זיי עמיגרירט קיין אַמעריקע און געבליבן רוסישע אינטעליגענטן. דזשעיקאָבס און ראָזענבלום זיינען געווען נאָענטע חברים. זיי האָט דערנעענטערט די זעלביקע פּאָעטישע חלומות און ליטעראַרישע אינטערעסן.

דעם 15טן יולי, 1901, צען מינוט נאָך אַכט אין דער פרי, האָט דער בריוווטרעגער געבראַכט די פּאָסט אין דער דזשעפערסאָן־געביידע. צווישן די בריוו און פּעקלעך האָט זיך אויך געפונען אַ קעסטעלע, ווי פאַר נאָדלען, אַדרעסירט צו דזשאָן קלעטשקאָ. פאַרגדיק אַרויף און אַראָפּ מיטן עלעווייטאָר, האָט דער עלעווייטאָר־בחור אויסגעטיילט די בריוו

און די פּעקלעך. קלעטשקאָס פּעקל האָט ער געהאַלטן ביי זיך אין קעשענע ביז קלעטשקאָ איז געקומען צו ד׳ער אַרבעט. אין אַ שעה אַרום איז קלעטשקאָ געקומען. דער עלעוויטאָר־בחור גיט אים איבער דאָס קעסטעלע און פירט אים אַרויף אויפן אַכטן שטאָק, וואו קלעטשקאָס ביוראָ האָט זיך געפונען. ווען קלעטשקאָ איז אַריין אין ביוראָ האָט ער אַ וויז געטאָן ראָזענבלומען דאָס פּעקל און אַ זאָג געטאָן: דאָס איז דזשעיקאָבס אַ שפּיצל. קלעטשקאָ האָט זיך אויף דעם געריכט. מיט אַ צייט צוריק האָט מען דזשעיקאָבסן טעלעפאָנירט אין ביוראָ און אים אָנגעזאָגט, ער מוז גלייך אַריבערגיין אין קאָראָנערס אָפיס. דזשעיקאָבס האָט זיך זייער דערשראָקן. ווי באַוואוסט, אין קאָראָנערס אָפיס רופט מען בלויז דעמאָלט, ווען מען דאַרף אונטערזוכן פאַרדעכטיקע טויט־פאַלן. ווען דזשעיקאָבס איז געקומען אַהין צולויפן האָט מען אים געענטפערט, אַז זיי וויסן ניט פון וואָס צו זאָגן. האָט ער פאַרשטאַנען — דאָס האָט דזשאַן קלעטשקאָ אים אָפּגעטאָן אַ שפּיצל. ער איז געקומען צוריק אַ פאַרשעמטער, אַ ברוגזער. די קאָלעגן האָבן דעמאָלט ניט אויפגעהערט צו חוזקן פון אים.

קלעטשקאָ איז געווען זיכער, אַז דאָס פּעקלע, וואָס ער האָט דערהאַלטן, יענעם מאָנטיק, האָט צו טאָן מיט דזשעיקאָבסעס נקמה. ווען שרעדער האָט דערזען דאָס פּעקלע, האָט ער עס אַרויסגעכאַפּט פון קלעטשקאָס האַנט. ער האָט עס געוואָלט עפענען מיט אַ שאַרף מעסערל, וואָס ער האָט שוין געהאַלטן אָנגעגרייט. ווען ער האָט ניט געקענט עפענען דעם איבערשטן טייל קעסטעלע מיטן מעסערל, האָט ער גענומען דרייען דעם אונטערשטן טייל, און דעמאָלט האָט זיך דאָס קעסטעלע אויפגעריסן מיט אַ קראַך ווי אַ באָמבע. ווען מ׳איז זיך אָנגעלאָפן אין צימער, איז שרעדער געלעגן אויפן דיל אַ פאַרבלוטיקטער, אַ שטיקל לינקע האַנט אָפּגעריסן. ווען דער אַמבולאַנס וואָלט אַזוי גיך ניט געקומען, וואָלט שרעדער זיכער אָפּגעגאַנגען מיט בלוט. קלעטשקאָ איז אויך געלעגן אויפן דיל, אָבער ער איז אָפּגעקומען מיט עטלעכע שניטן פון די שטיקלעך צעשמעטערטע פענצטער. דער פּאָליציי־קאַפּיטאַן קענעדי איז אָנגעקומען מיט דריי דעטעקטיווס פון אַדאַמס סטריט אָפּטיילונג און אַוועקגענומען אַהין קלעטשקאָן, אים דאָרטן אויסצופרעגן. אין פּאָליציי־אַמט האָט קלעטשקאָ דערציילט דעם קאַפּיטאַן קענעדי עטלעכע זאַכן. איינס — ער האָט געהאַט צו טאָן מיטן ווייבס שוועסטער. ער האָט איר צוגעזאָגט געלט און איר דאָס ניט געגעבן. צוויי — ער האָט ניט לאַנג צוריק געהאַט אַן איבעררייד מיט ראָזענבלומען, און

ראָזענבלום רעדט ניט מיט אים. דריי — ער אַליין האָט געענדיקט די באַרג־בוי (מיִנען)־שול אין קאָלאָמביע אוניווערסיטעט; אָבער ראָזענבלום איז אַ געענדיקטער כעמיקער. פֿיר — ראָזענבלום איז די לעצטע עטלעכע טעג געווען טאַקע אין ניו־דזשוירזי, פֿון וואַנען דאָס פּעקל איז אָנגעקומען.

דאָס וואָס קלעטשקאָ איז אַ שיכור, האָט צו טאָן מיט אַנדערע כּוויען, זיין אייגן ווייב האָט פֿון אים אויסגעריסענע צרות—דאָס אַלץ האָט ניט געמאַכט קיין שטאַרקן איינדרוק אויף דעם פּאָליציי־קאַפּיטאַן קענעדי. קענעדי האָט, אָבער, געהאַט אַ מיינונג וועגן „רוסן"—ווי אַ סך אַמעריקאַנער אין יענער צייט. קענעדי האָט געוואוסט איין זאַך: אַ רוס איז זיכער אַ ניהיליסט, און אַ ניהיליסט וואַרפֿט באָמבעס. איז ער געקומען צום „איינפּאַכן" אויספֿיר: ראָזענבלום, דער ניהיליסט, איז שולדיק אין אויפֿרייס. דערצו האָט ער געהאַט עטלעכע באַווייזן: ראָזענבלום איז אַ כעמיקער; ער איז געווען שבת און זונטיק אין ניו־דזשוירזי, פֿון וואַנען מ'האָט געשיקט די באָמבע; ער איז ניט געווען שווה־בשווה מיט קלעטשקאָן; פֿון צימער, וואו דער אויפֿרייס איז געקומען, איז ער אַרויס עטלעכע מינוט פֿאַרן אויפֿרייס. דאָ איז צוגעקומען נאָך אַ שפּאָגל־נייער באַווייז. מען האָט דורכגענישטערט דאָס מעבלירטע צימער, וואו ראָזענבלום האָט געוואוינט אין ברוקלין, אויף 35 ווילאָבי סטריט. מען האָט דאָרטן געפֿונען אַ ליידיק פֿלעשל באָראַליפּטאָל. אויפֿן עטיקעט איז געשטאַנען, אַז 5 פּראָצענט פֿון דעם שטאָף איז אַצעטאָ־באָראַ־גליצערין. קענעדי האָט פֿון דעם אַלעם געדרונגען: ראָזענבלום איז דאָך אַ כעמיקער, האָט ער פֿון דאַנען אַרויסגעקראָגן ניטראָ־גליצערין. אויפֿן זעלביקן עטיקעט איז געשטאַנען, אַז דאָס איז אַן אַנטיסעפּטיק. באַזונדערס גוט פֿאַר שווענקען אַ קראַנקן האַלדז. אויף דעם, אָבער, האָט זיך קענעדי ניט אומגעקוקט. און ניט קיין וואונדער — מען האָט קענעדיס צעשראָקענע פֿאַנטאַזיע געגערט מיט אַ מעשה־נורא: ראָזענבלום איז ניט נאָר אַ ניהיליסט, נאָר אַ פֿירער פֿון אַ געהיימען רוסישן אָרדן אין פּעטערסאָן, ניו־דזשוירזי. אָט־די אַנאָנימע אינפֿאָרמאַציע האָט קענעדי אויפֿגענומען זייער ערנסט. ער האָט אַהין תּיכּף אַרויסגעשיקט צוויי דעטעקטיוון.

שרעדערס באַלעבאָסטע, מר"ס ריינהאָלד, האָט געהאַט אַן אַנדער טעאָריע. זי האָט גוט געקענט ביידן, אי שרעדערן, אי קלעטשקאָן. קלעטשקאָ האָט אַ געווויסע צייט ביי איר געוואוינט. זי האָט געטענהט: דאָס איז קלעטשקאָס אַ שפּיצל. ער האָט ליב אָפּצוטאָן שפּיצלעך. און

חוץ דעם — קלעטשקאָ איז שולדיק שרעדערן געלט. ווייל ער פּטור ווערן פון שרעדערן.

אויף קענעדיס באַפעל האָט מען פאַרגליכן ראָזענבלומס האַנט־שריפט מיט דער האַנטשריפט אויפן פּעקל. קענעדי איז אויך אַוועק צו שרעדערן אין שפּיטאָל, וואו מען האָט שרעדערן אַראָפּגענומען אַ שטיק האַנט ביזן געלענק. אַלץ, וואָס קענעדי האָט געקענט באַווייזן שרעדערן, איז „טשקאָ", פיר אותיות — דעם סוף פון קלעטשקאָס נאָמען, און „ינג" — דעם סוף פון וואָרט „בילדינג". שרעדער האָט ניט צוגעגעבן, אַז דאָס איז ראָזענבלומס האַנטשריפט. ער איז אָבער באַשטאַנען, אַז זי איז אים קאַנטיק. פאַר קענעדין איז דאָס געווען גענוג. איז ער געקומען צום אויספיר: דאָס איז ראָזענבלומס האַנט־שריפט. און זויב דאָס איז ניט ראָזענבלומס האַנטשריפט, האָט ער אַן אַנדער באַווייז. ראָזענבלום האָט געהאַט אַ געהילף, וועמענס האַנט־שריפט איז שרעדערן באַקאַנט. און אַזאַ באַקאַנטער איז דאָך געווען אונטער דער האַנט. דאָס איז געווען דער צווייטער ניהיליסט — דזשיימז דזשעיקאָבס, ראָזענבלומס חבר אין דער זעלביקער אָפּטיילונג.

נאָך אַ נאַכט אַרעסט, איז פרייטיק, דעם 19טן יולי, געקומען ראָ־זענבלומס אַדוואָקאַט, וואָס די שטאָט האָט אים אַנגעשטעלט. געפאָדערט האָט ער, מען זאָל באַפרייען דעם אַרעסטירטן און באַשטימען פאַר אים ערבות־געלט (בעיל), אָדער מען זאָל אים תיכּף אויספרעגן. ביז זונ־טיק איז פאַרגעקומען אַ גאַנצער קאַמף אַרום דער פראַגע. ריכטער דולי האָט געטענהט אַז, די אויספאָרשונג־טעג זיינען דינסטיק און דאָנער־שטיק. דעריבער מוז דער אַרעסטירטער זיין פאַרשפּאַרט ביז קומענדיקן דאָנערשטיק. דאָס איז דער פריסטער טאָג, ווען מען קען אים עק־זאַמענירן. ראָזענבלומס אַדוואָקאַט בעט דעם ריכטער, ער זאָל באַ־שטימען די ערבות־סומע און פריי לאָזן דעם אַרעסטירטן. דער ריכ־טער איז שוין גענייגט דאָס צו טאָן. מישט זיך אַריין קענעדי און דער־קלערט: דער פּראָקוראָר קלאַרק איז קעגן פריי לאָזן דעם אַרעסטירטן. דער אַדוואָקאַט ווענדט זיך נאָך אַ האַבעאַס קאָרפּוס צום העכערן גע־ריכט, צום סופרים־קאָרט ריכטער הוקער. דער גרונט איז — אין דער באַשולדיקונג איז ניטאָ מער ווי אַ חשד וועגן דעם אַרעסטירטנס כוונה דערהרגענען קלעטשקאָן. דער אַדוואָקאַט האָט אַרויסגעקראָגן דעם האַבעאַס קאָרפּוס, און זונטיק האָט מען ראָזענבלומען באַפרייט ביזן טאָג פון פּראָצעס.

ראָזענבלום איז יענעם זונטיק אַוועקגעפאָרן מיט זיינע חברים פאַרברענגען אין מאַנהעטן ביטש.

קענעדיין איז אַלצדינג געווען קשה. ער האָט ניט געקענט פאַרשטיין ווי אַזוי אַ יונגערמאַן ווי ראָזענבלום, וואָס פאַרדינט אַ סך געלט, לויט זיין השגה, האָט ניט קיין גראָשן ביי דער נשמה און קען ניט באַצאָלן „בעיל" פאַר זיך. וואו טוט ער אַהין דאָס געלט? נאָך מאָדנער האָט אים אויסגעזען דאָס, וואָס דער אַרעסטירטער האָט אַזויפיל פריינד, וואָס לייגן איין וועלטן. דאָך איז קיינער ניטאָ אַוועקצולייגן פאַר אים די סומע. אַ יונגע פרוי פון ניו־דזשוירזי האָט צוגעזאָגט ברענגען די סומע. איז זי נעלם געוואָרן. קענעדי האָט, מן־הסתם, געהאַט אין זינען נעטערס אַ טאָכטער, צו וועמען ראָזענבלום איז ניט געווען אינגאַנצן גלייכגילטיק. דעם „בעיל" האָט ענדלעך איינגעצאָלט אַ ווילדפרעמדער ייד ליפּמאַן לאַסקאָווסקי, פון 1707 פּיטקין עוועניו, בראַנזוויל.

אין שייכות מיט ראָזענבלומס אַרעסט האָט דער שפּעטער וועלט־באַרימטער פּראָפעסאָר, דזשעיקאָב ג. ליפּמאַן, אַרויסגעגעבן אין ראַטגערס אוניווערסיטעט די פאָלגנדיקע דערקלערונג:

„מ"ר ראָזענבלום און איך זיינען געווען קלאַס־חברים דאָ, אין ראַטגערס־קאָלעדזש, און מיר האָבן דעם קאָלעדזש פאַרענדיקט מיט צוויי יאָר צוריק. פון דעמאָלט אָן האָב איך אים זעלטן געזען. לעצטנס האָט ער מיר געשריבן און זיך אָנגעפרעגט צי ער קען מיך קומען זען און כאַפּן אַ שמועס וועגן די אַלטע קאָלעדזש־טעג. איך האָב אים געהייסן קומען. ער האָט דאָ פאַרבראַכט, פרייטיק, שבת און זונטיק, און מיר האָבן ווייניק־וואָס גערעדט וועגן אַנדערע זאַכן חוץ אונדזערע קאָלעדזש־דערפאַרונגען. איך געדענק ניט, מיר זאָלן האָבן גערעדט וועגן כעמיע. ער האָט מיר דערציילט וואָס ער טוט. ער האָט מיר אָבער גאָרניט דערציילט צי ער האָט עפּעס קעגן עמעצן. מ"ר ראָזענבלום, האָט, פאַרשטייט זיך, געלערנט כעמיע אין קאָלעדזש און האָט זיך אויסגעצייכנט אין דעם לימוד, אָבער דאָס איז ניט געווען קיין העכערער קורס. מיטן וויסן, וואָס ער האָט געהאַט ביים פאַרענדיקן קאָלעדזש, וואָלט ער קוים געוואַגט זיך פאַרנעמען מיט אויפרייס־שטאָפן.

„ער איז זייער אַ געבילדעטער מענטש און ער האָט געהאַט איינעם פון די בעסטע כאַראַקטערן. ער האָט קיין וואָרט ענגליש ניט פאַרשטאַנען ווען מען האָט אים געבראַכט פון ניו־יאָרק אין דער באַראָן דע

הירש פאַרם־שול אין וואודבאַין. און אין פינף יאָר צייט האָט ער פאַר־ענדיקט קאָלעדזש. דאָס באַווייזט ווי פעאיק ער איז געווען. נאָכדעם האָט ער געאַרבעט פאַר דער „דזשוירזי סענטראַל ראָוד" ווי אַ „ראַד־מען", און מיט זעקס חדשים צוריק האָט ער געקראָגן די שטעלע אין ברוקלין. איך גלויב בשום אופן ניט, אַז ער איז דער סאָרט מענטש, וואָס זאָל אָפּטאָן אַזאַ זאַך".

אויפן פּראָצעס, דעם 30סטן יולי, 1901, האָט קלעטשקאָ אָנגע־הויבן לייקענען, אַז די האַנטשריפט אויפן פּעקל איז געווען ראָזענבלומס. מען איז, אָבער, צוגעשטאַנען צו אים פאַרוואָס האָט ער אונטערגעשריבן אַן אַפידייוויט, און געשוואָרן, אַז די האַנטשריפט אויפן פּעקל איז יאָ געווען ראָזענבלומס. האָט ער געענטפערט: ער האָט געשוואָרן אונטערן דרוק פון אויפרעגונג. ווי נאָר דאָס איז געוואָרן קלאָר, צוזאַמען מיט אַנדערע לעפישקייטן מצד דער אָנקלאָגע, האָט דאָס געריכט אָפּגע־שטעלט דעם פּראָצעס און באַפרייט ראָזענבלומען.

קיין סך נחת האָט שוין ראָזענבלום ניט דערלעבט. ער איז שוין דעמאָלט געווען זייער קראַנק. די געשווירן אין מאָגן — אַן אָפּרוף פון זיינע הונגער־יאָרן — האָבן אים פאַרשאַפט גרויסע יסורים. אין אַ יאָר אַרום, דעם 2טן יוני, 1902, איז ראָזענבלום געשטאָרבן אין מאַונט־סיני שפּיטאָל.

הויפּט־שטריכן אין זיין פּאָעזיע

קיין בוך לידער האָט ראָזענבלום ניט געלאָזן נאָך זיך. ער האָט זיך געדרוקט אין דער ראַדיקאַלער פּרעסע. מאָריס ווינטשעווסקי האָט אים זייער דערמוטיקט. אין ווינטשעווסקיס באָסטאָנער „אמת" האָט זיך געדרוקט זיין ליד „אַן אומעטיקעס ליד" (דעם 6טן דעצעמבער, 1895). ער האָט זיך ווידער באַוויזן אין „צוקונפט" אונטער ווינטשעוו־סקיס רעדאַקציע, פעברואַר, 1902. אין יענעם נומער איז דערשינען זיינס אַן איבערזעצונג פון היינעס ליד „1649־1792???" („די ענג־לענדער האָבן זיך פיין ניט באַגאַנגען מיט זייער קעניג..."). אין דעם זעלביקן נומער איז דערשינען ראָזענבלומס אַ פּאָפּולאַריזאַציע: „טע־לעגראַף אָן דראָטן" — מאַרקאָניס דערפינדונג, דערקלערט פון פּראָ־פעסאָר פופין. ווי מען קען זיך אָנשטויסן, באַזונדערס פון דער פּאָ־

פּאָלאַריזאַציע, ווי אויך פון ווינטשעווסקיס נעקראָלאָג־נאָטיץ אין יולי־נומער, 1902, האָט ראָזענבלום זיך ערשט געקליבן פאַנאַנדערנעמען זיינע פליגלען. ער האָט געוואָלט דעריאָגן דאָס, וואָס ער האָט פאַר־פעלט דורך די יאָרן בשעת ער האָט שטודירט, און בשעת ער האָט זיך צוגעשלאָגן צו אַ שטיקל תכלית. איידער אָבער זיינע פליגלען האָט אים אָוועקגעטראָגן, האָט דער טויט זיי פאַרשניטן.

בנימין ראָזענבלום
צו 29 יאָר

ווען ניט דער טויט וואָלט ראָזענבלום זיכער געוואָרן איינער פון די באַדייטנדיקסטע יידישע פּאָעטן. ער איז געווען קערנדיק, עכט, רייך אין טעמע, מאָטיוון, ריטם און אַלגעמיינער פאָרם. שוין אין זיין, מעגלעך, ערשט געדרוקט ליד, „צום ציל" (דעם 25סטן מערץ, 1892, „פרייע אַרבייטער שטימע") ליגן פאַרלייגט, פאַר יענער צייט, אינטערעסאַנטע גראַמען־האַרמאָניעס. זיי שאַפן אַן אייגנאַרטיקן טעמפּ אין ליד. וויכטיק איז עס דערמיט, וואָס מען באַמערקט עס כמעט

ניט. אין דעם זעלביקן ליד פילט זיך שוין אַ לאַנגער אָטעם אין יעדער שורה. און יעדע שורה זייבע איז קרעפטיק:

צום ציל

איך האָב געבלאָנדזשעט לאַנגע צייטן און געזוכט אַ זעג,
דורך פיל וויסטע וועלדער, פעלדער, אָן אַן עק, אַ ברעג.
איך בין געגאַנגען אין דער יוגנט איינזאַם, עלנט, שטיל;
אַהין, אַהין צו אַ גן־עדן איז געווען מיין ציל,
אַהין, אַהין צו אַ גן־עדן, וואו דער אידעאַל
באַהערשט מיט פרייהייט, וואַרהייט אַלע הערצער איבעראַל.

ניט איין מאָל געטראָפן פילע פינצטערע גריבער
און מעכטיקע פעלזן האָב איך אויף מיין וועג;
דאַן בין איך די פעלזן, די גריבער אַריבער
מיט קוואַלן און צרות אָן אַ שיעור, אָן אַ ברעג.
דער וואַלד פון מיין פאַלן פלעגט אָפטמאָל דערוואַכן,
די ביימער, די פייגל פלעגן אויך פון מיר לאַכן; —
איך האָב ניט פאַרצווייפלט, בין ווייטער געגאַנגען;
פאָרויס איז געפלויגן אַ מחנה פאַרלאַנגען,
פון הינטן — די יאָרן, וואָס זיינען פאַרגאַנגען.

און פינצטערער אַלץ געוואָרן איז אום מיר אַרום,
אַלץ שרעקלעכער דער וועג, קיין אויסגאַנג! אומעטום
וואַר נאַכט. קיין איינציק שטראַל האָט האָפנונג מיר געגעבן;
און יאָרן פליען, רויבן ביסלעכוויז מיין מוט,
איך ווער וואָס ווייטער שוואַכער, ס׳קילט אין מיר מיין בלוט.
„ניטאָ קיין וועג אַהין, אומזיסט איז שוין מיין שטרעבן!
ניטאָ קיין ציל, ניטאָ קיין גליק פאַר מיר אַמאָל אין לעבן!"
— האָב איך געשריען ווילד.

דאָך האָט געבראַכט די צייט
מיך ווייט פון דאָרט אַרויס, גאָר אויף אַן אַנדער וועג;
איך זע, איך פיל אָן דאָרט, מיין ציל איז שוין ניט ווייט,

עס קלאַפּט אין מיר מיין האַרץ פון פריידע אָן אַ ברעג.
איך הער פון דאָרט אַ שטים, ווי אַנגענעם זי קלינגט,
פון פרייהייט, וואַרהייט, ליבע, הער איך ווי זי זינגט,
עס שיינט אַ ליכט, אַ זון פון יענער געגנט דאָרט,
פיל וואַנדערער מיד און קראַנק פון אַלע זייטן קומען:
מיר גייען זוכן רו אַהין צו יענעם אָרט.

אויף יענע רייכע פעלדער צווישן רויזן־בלומען — — — — — — — —
פאָרווערטס, ברידער!
פאַלט ניט נידער,
הייבט זיך, שטאַרקט זיך, ווייטער גייט!
קומט — אָן דאָרטן
אין דעם גאָרטן,
האַלט דאָס גליק די הענט צעשפּרייט!...

די לעצטע סטראָפע (די לעצטע זעקס שורות) איז דאָ, אפשר, אי־בעריק. צוגעטראָכט און קלינגט רעטאָריש. אָבער דאָס גאַנצע ליד האָט אין זיך ברייטע ריטמען, געלונגענע אַריטמישע אָפּשטעלן, אַ וואַגיקן גאַנג. די זעלבע מעלות קען מען ביי אים זען אויך אין אַ ליד, וואָס טראָגט אין זיך אַ סך אימפּעט, רוף און פּאַרצווייפלטן געשריי. דאָס ליד איז אַ „שוואַכער כעסן", נאָך דעם העברעאישן דיכטער יהל"ל („אַר־בייטער פריינד", לאָנדאָן, דעם 16טן דעצעמבער, 1892).

„מיין פעדער! זאָלסט ווערן אַ חלף אַ שאַרפער,
אַ ביקס און אַ שפּיז, און אַ שווערד און האַמער;
מיט גאַל זאָל איך קריצן, אין בלוט זאָל איך טונקען,
אין בלוט און אין גאַל זאָל זיך באָדן מיין פעדער.

מיין האַנט! דו זאָלסט ווערן ווי אייזן און שטאָל האַרט,
אַ באָמבער, קאַנאָנע, אַ שטיינערנער האָגל;
זאָל טראַסקען מיין קולאַק, זאָל ווערן אַ דונער,
זאָל ציטערן, פלאַטערן הימל און ערד.

זאָל טראַסקען, צעשמעטערן... — און גוואַלד, וואו בין איך?
די וועלט איז די זעלבע, און איך בין אין צימער;

פֿאַרדאַמט ווער מיין פעדער, ביסט גרינג ווי אַ פעדער,
פֿאַרפלוכט ווער מיין האַנט, דו ביסט פלייש, ניט קיין דונער!

צי זאָל איך דאָ זיצן און צוזען גלייכגילטיק,
ווי איין מענטש דעם אַנדערן רויבט און דערמאָרדעט?
ווי הונדערטער טויזנטער מענטשן, ווי שעפסן
זאָלן ווערן געשאָרן, געשלאַכטעט פון איינעם?

זאָל ווערן פֿאַרשקלאַפט, באַרויבט און דערמאָרדעט?
צי קען מען דאָס צוזען? גוואַלד, פייער און פלאַמען!
מיין בלוט קאָכט און זידט און עס ברענט מיר די נערוון.
אַ ווינט־אורקאַן אין מיין ברוסט ברויזט און שטורעמט.
מיין האַרץ פלאַצט און קראַכט און זי שפּאַלט זיך אויף צווייען.

איך גיס הייסע טרערן, איך גיס זיי ווי וואַסער,
איך קלאַפּ מיר אין האַרצן, איך רייס מיר די האָר אויס,
איך שריי און איך וויין — נאָר וואָס העלף איך דען איינער?
און רויבער אַזויפיל!... אָט, גיט מיר אַ חלף!

ווי הונדערטער טויזנטער ווערן אין קייטן
פֿאַרשמידט צו מאַשינען פון וויגל ביז קבר,
ווי שוועכלעכע פרויען און יונגינקע קינדער.

שנעל גיט מיר אַ מעסער, גיט שווערדן, קאַנאָנען,
כ׳וויל שטערן, פֿאַרניכטן... וואָס טוט זיך? ווי קומען
אַהער רויטע קעלנער? וואָס ווילן זיי האָבן? —
— מען שמידט מיך אין קייטן... איך בין אַ פֿאַרברעכער!...

בין איך אַ פֿאַרברעכער? האַ, איך אַ פֿאַרברעכער?
אָ, וועלט, פול מיט רויבער!... פֿאַרפלוכט און פֿאַרדאַמט ווער!
און זיי אַלע, גיפטיקע פּיאַווקעס און שלאַנגען
און זיי זיינען ערלעך? און איך אַ פֿאַרברעכער?
אָ, וועלט, פול מיט רויבער!... פֿאַרפלוכט און פֿאַרדאַמט ווער!!

אויך אין די לירישע לידער . . .

אויך אין זיינע לירישע לידער פֿילט זיך אַ לאַנגער אָטעם און זיכערער קרעפֿטיקער ריטם. צוליב דעם ליריזם אין אַזעלכע לידער קענען אין זיי ניט זיין קיין שאַרפֿע איבערבראָכן אָדער אַריטמישע אָפּשטעלן, וואָס דינען ווי הפסקות פֿאַר אַ ווייטערדיקן ברייטן גאַנג. דאָך הערט מען אין זיי דעם פּאָעטס שטים און געמיט — זייערע איבערגאַנגען און מאָדולאַציעס. און דאָס פֿאַרטיפֿט דאָס ליד, ברענגט עס נעענטער צוווירקלעכע איבערלעבונגען, צו נאַטירלעכקייט. אין דעם טיף־לירישן ליד וועגן טייך ווערט דער רעאַליזם, די נאַטירלעכקייט אין ליד ממש אוניווערסאַליזירט. דאָס ליד ווערט דערהייבן און פֿאַראַלגעמיינערט אַדאַנק דעם אינהאַלט, דעם מיסטישן אינהאַלט.

ביי דעם ברעג

(צום אָנדענקן פֿון י. סלאָנים)

דער טייך ליגט אויסגעצויגן ווייט און ברייט,
און ווי אַ גלאַטע סטענגע איינגעדרייט
שלאָפֿט ער אין טיפֿן טאָל:
עס בלאָזט און אָטעמט ניט קיין קלענסטער ווינט,
עס קנייטשט זיך ניט קיין קלענסטע שוואַכסטע אינד,
דאָס וואַסער, אומשולדיק ווי אַ קליין קינד,
זעט קלאָר אויס ווי קרישטאָל.

נאָר פּלוצלונג וואַכט אויף שנעל דער שטילער טייך,
עס פּלושקעט, בולבעט עפּעס זיך און גלייך
פֿאַרזינקט אַ מענטש אין שלונד:
עס מורמלט נאָר אַ קליינע כוואַליע שטילערהייט.
וואָס קימערט דען דער וועלט וואָס יונגערהייט
געפֿינט אַ מענטש אַ קאַלטן נאַסן טויט
אין טיפֿן שטילן גרונד?

דער טייך ליגט אויסגעצויגן ווייט און ברייט,
און ווי אַ גלאַטע שלאַנג ליגט איינגעדרייט

צו רויבן זיין געיעג...
דאָס וואַסער זעט אויס אומשולדיק און קלאָר,
און פאַלש איז אויפן גרונט זיין בוזעם גאָר.
עס שווייגט — די קליינע אינדן שעפּטשען נאָר
די סודות אויפן ברעג...

אַמאָל ווערט ביי אים קרעפּטיק אַ סטראָפע, ניט נאָר מחמת דעם זיכערן לאַנגזאַמען שטראָם אָדער זיכערער לאַנגזאַמער באַשרייבונג. זי ווערט אַזוי אויך דורך דעם, וואָס ער האַקט איבער דעם גאַנג פון אַ זאַץ — כמעט ביים סוף זאַץ — און פאַרענדיקט עס אויף אַ נייער שורה.

דער פאַרברעכער

שטום, פאַרצווייפלט מיט אַ טויטן
בלאַסן, מאָגערן געזיכט,
פירט מען אים געשמידט אין קייטן
צום געריכט.

מענטשן קוקן אָן, באַטראַכטן,
און ער ווערט נאָך מערער בלאַס...
פרייע מענטשן... זיי באַטראַכטן
אים מיט האַס.

דומע מענטשן! ווער צום לעזן
טיף אין האַרץ איז ניט בלינד,
לעזט, וואָס איז מיט אים געוועזן,
ביז זיין זינד...

לעזט די צרות, זיין געשיכטע
פון דעם ווינדל ביז דער קייט,
שוואַרצע שורות די געדיכטע
פול מיט נויט.

זאָגט, צופרידן בלייבט איר אימער,
„שיינע, פיינע בראַווע לייט״.

זאָל נאָר ווערן שלימער, שלימער
אייך די צייט.

פּרוּווט אַמאָל אַ טאָג ניט עסן
שלאָפן „פריי״ אין סטריט אויף קעלט...
וואָלט איר דעמאָלט אַלץ פאַרגעסן
אויף דער וועלט.

לעבט דען רואיק, ווען געפערלעך
פייניקט ראַכע, דריקט די נויט,
פּרוּווט צו זיין דאַן בראַוו און ערלעך
אָנע ברויט!...

ס'איז אַזעלכע ווייט צו זוכן...
וואָס זשע האָסט איר דיזן פאַל?
האָסן דאַרפט איר נאָר און פלוכן
זיין שיקזאַל...

(„דער אַרבייטער פריינד״, דעם 15טן יולי, 1892)

אריטמיע, אינהאַלט און פאָרם

ראָזענבלומס מעלות זיינען: קערנדיקע שפּראַך, זיכערע אויסגע־צויגענע שורה, לאַנגער אָטעם, קרעפטיקע סטראָפע, לאַנגער זאַץ, וואָס גייט דורך דורך עטלעכע שורות און, צומאָל, דורך אַ גאַנצער סטראָפע. ראָזענבלום איז קאָנקרעט און דירעקט. מחמת אָט־די אַלע מעלות האָט ער געקענט אָרקעסטרירן זיין ליד אין פאַרשיידענע מאָדו־לאַציעס. ניט אומזיסט האָט ער ביים סאַמע אָנהייב זיך פאַרמאָסטן גאַנץ גרויס. מיט דער פערז־קולטור אָנהייב ניינציקער יאָרן האָט מען קיין גרויסע זאַכן ניט געקענט אונטערנעמען. דאָך האָט ער שוין אין 1892 אָפּגעדרוקט אַ פרייע איבערזעצונג פון בייראָנס „דער געפאַנגענער פון שילאָן״.

פאַר דעם היסטאָריקער ווי פאַר דעם קריטיקער פון דער יידישער איבערזעצונג־קונסט וועט ראָזענבלומס איבערזעצונג „דער געפאַנגענער פון שילאָן״ זיין בלי־ספק זייער וויכטיק. רייך איז די פאָעטישע איבער־

זעצונג־קונסט דעמאָלט ניט געווען. קיין צופיל פּאָעטישע איבער־געזעצטע ווערק קען מען אין יענער צייט ניט אָנציילן. פאַר יענער צייט איז „דער געפאַנגענער פון שילאָן" געווען ניט קיין גרינגע זאַך איבערזעצן. ווען מען נעמט אין אַכט די דעמאָלטיקע פּערז־קולטור ווערט קלאָר, אַז אַנדערש ווי פריי איבערזעצן האָט מען דעמאָלט ניט געקענט. מען איז פּשוט ניט געווען גענוג פּאָעטיש קולטיווירט צו האַלטן זיך וואָס נעענטער צום זעלבן ריטם, גראַם־שליסל, וואָרט, קלאַנג און ליכט. דאָך באַווייזט אונדז די איבערזעצונג איין זאַך: מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ היפּש רייפן פּאָעט, ניט געקוקט אויף דעם וואָס ער איז דעמאָלט געווען אַן אָנפאַנגער.

ראָזענבלומס מעלות האָבן פאַר אים גרינג געמאַכט דעם וועג צום נאַראָטיוו. אָן שום שוועריקייטן שרייבט ער נאַראַטיווע לידער. צווישן די ערשטע לידער אַזעלכע איז פאַראַן זיין שיינע באַלאַדע „די בלום". איך דערלויב זיך אָפּטיילן יעדע סטראָפע מיט אַן אָפּשטאַנד, דעם לייע־נער זאָל פּשוט זיין גרינגער צו לייענען. מעגלעך, דאָס איז אויך געווען דער אופן ווי דער דיכטער האָט עס אָריגינעל אָנגעשריבן. אין לאָנדאָ־נער „אַרבייטער פריינד", וואו דאָס ליד איז געווען געדרוקט דעם 2טן סעפּטעמבער, 1892, זיינען אַלע סטראָפעס געדרוקט צוזאַמען. דוחק אין פּלאַץ האָט, מעגלעך, געצוואונגען דעם רעדאַקטאָר צו דרוקן די סטראָפעס צוזאַמען.

די בלום

(באַלאַדע)

אין אַ גרויסן, ברייטן מדבר
וואַקסט אַ שיינע בלום,
ניט קיין מענטשן, ניט קיין לעבן
זעט מען ווייט אַרום.

נאָר די ברענענד זון פון אויבן
שמייכלט איר און לאַכט,
נאָר דער שטורעם־ווינט פון צפון
וויגט איר איין ביינאַכט.

„גרויסע געטער״ — טוט זי תפילה —
נעמט מיר צו פון דאַנט!
זאָל מיך צווישן ליבע מענטשן
זעצן אייער האַנט!

ס׳בלאָזט אַ ווינטל, וויגט די בלום איין
אין איר ווינטן היים,
און איר חלומט זיך אַ מאָדנער
וואונדערבאַרער טרוים:

אין אַ רייכן פּרעכטיק גאָרטן
וואַקסט זי דאָרטן יעצט
און פון אַלע הערלעך בלומען
איז זי מער געשעצט.

אַלע שיינע, רייכע דאַמען
רימען איר אָן אַ שיעור;
אַלע פיינע יונגע הערן
ליבן, קושן איר...

און צופרידן איז געוואָרן
אונדזער ווילדע בלום,
שטאָלץ מיט יונגע רייכע פריינדע,
וואָס זי האָט אַרום.

אַך, ווי גליקלעך האָט געשעצט זיך
אונדזער בלום גאָר דאַן.
ווען צום באַל האָט אויסגעריסן
איר אַ יונגער מאַן;

אויפן שוואַרצן ראָק אין קליאַפּע
האָט די בלום געשיינט,
אַזש באַצויבערט זיין געוואָרן
פון איר זיינע פריינט...

אָבער ס׳האָט ניט לאַנג געדויערט,
אונזער בלום האָט באַלד
אָנגעהויבן אין זיך פילן,
אַז עס ווערט איר קאַלט.

אַז וואָס ווייטער שטאַרבט אָפּ שנעלער
יעדער איינציק בלאַט;
אַז איר קערפּער ווערט פאַרטריקנט
און די פאַרב ווערט מאַט...

באַלד האָט מיט אַ קרומע מינע
איר באַמערקט דער פראַנט,
און ער האָט אַוועקגעשליידערט
איר פון זיך מיט שאַנד.

„אַך, ווי גליקלעך וואר איך דעמאָלט״
— האָט די בלום געקלערט,
ווען עס האָבן בייזע מענטשן
נאָך מיר ניט געשטערט;

ווען איך וואַר נאָך פול מיט לעבן,
רוע, לוסט און מוט; —
אַך, ווי ס׳איז מיר אין דער וויסטע
דאַן געוועזן גוט!...

**
*

אויפן ברייטן דרום־הימל
שיינט די זון און לאַכט,
ס׳בלאָזט אַ שטאַרקער ווינט פון צפון
און די בלום ערוואַכט.

פון איר שלעכטן בייזן חלום
האָט די בלום ערוואַכט
און אַ לאַנגע צייט פאַרוואונדערט
שטייט זי שטום, פאַרטראַכט...

ראָזענבלום האָט, קאָנטיק, געפילט די אַלע אָנגעוויזענע פאָרם־פּראָבלעמען, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט זיין שרייבן. ווען מען קוקט זיך צו ווי אַזוי זיינע לידער האָבן זיך אַנטוויקלט, זעט מען ווי אַזוי ער האָט קולטיווירט זיין פערז. די אַריטמיע אין געוויסע שורות קען, אויפן ערשטן בליק, אויסזען ווי דאָס וואָלט געשריבן אַן אומדערפאַרענער דיכטער. אין זיין אָנפאַנגער־ליד „איך קען איך ניט זינגען" איז פאַראַן אַזאַ אומבאַהאָלפענע שורה, די לעצטע שורה אין דער סטראָפע:

„אָפט פלעג איך דערוואַכן האַלב נאַכט ניט געגעסן,
און אַלץ נאָך די העמדער מיין מוטער פלעגט נייען,
זאָ איז זי געבויגן אין דרייען געזעסן,
פון מאָרגן ביז וואַנען די הענער פלעגן קרייען".

אַן ענלעכע שורה איז אויך פאַראַן אין זיין, מעגלעך, לעצט ליד — אַגב, זייער אַ שיין ליריש ליד:

אָוונט־געדאַנקען

שוין ווידער אַ טאָג פון מיין לעבן פאָריבער
שוין ווידער ווערט טונקל, עס קומט אָן די נאַכט;
איך גיי פון דער אַרבעט אָן כוחות, פאַרמאַטערט,
איך שלעפּ זיך פאַמעלעך פאַרחלומט, פאַרטראַכט.

די זון זינקט אין מערב־זייט ביסלעכווייז ביידער
די שטראַלן די לעצטע זיי נעמען באַלד אָפּשייד,
די גאַנצע נאַטור ווי זי וואָלט געווען שלעפריק
און אָפּרוען לייגט זיך פאַרמאַטערטערהייט.

עס ציען זיך שאָטנס ווי טונקעלע שלייערס —
פאַרהענגען דעם הימל, באַהאַלטן דאָס ליכט;
עס בלאָזט מיר אַ קילנדער פרישינקער ווינטעלע
גלייך אין ברענענדן הייסן געזיכט.

איך ליב דיך, דו קילנדער, שפּילינקער ווינטל,
מיין איינציקער טרייסט אין מיין לעבן ביסטו! —

איך אַרבעט געדולדיק דעם גאַנצן טאָג האָפּנדיק,
באַלד קומט שוין די שטונדע פון פרייהייט און רו.

וואָס בין איך זאָ אומעטיק — לאָזט מיר צופרידן! —
איר שוואַרצע געדאַנקען געגנוג שוין געפּלאָגט.
אָך לאָזט מיר איין שטונדע פאַרגעסן די צרות,
צי האָב איך נאָך ווייניק געיאָמערט, געקלאָגט!?

(„צוקונפט", מערץ, 1903)

די ערשטע און דריטע שורה אין יעדער סטראָפע ענדיקט זיך מיט אַן אַקצענט אויף דער פאָרלעצטער זילבע, ד"ה אויף דער צווייטער זילבעביים סוף. און אָט די אַקצענטירונג דערוואַרט מען אומבאַוואוסט־זיניק אין יעדער ערשטער און דריטער שורה אין יעדער סטראָפע. אין צוויי פאַלן איז צעשטערט דער נאַטירלעכער גאַנג: אין דער דריטער סטראָפע, שורה דריי, און אין דער פערטער סטראָפע, שורה דריי. אנשטאָט דער אַקצענט זאָל זיין אויף דער צווייטער שורה ביים סוף, ווי, למשל:

„די שטראַלן די לעצטע זיי נעמען באַלד אָפּשייד"

ווערן אין די צוויי דערמאָנטע פאַלן די אַקצענטן אַריבערגעטראָגן פון דער צווייטער זילבע ביים סוף אויף דער דריטער זילבע ביים סוף:

„עס בלאָזט מיר אַ קילנדער פרישינקער ווינטעלע"

אָדער:

„איך אַרבעט געדולדיק דעם גאַנצן טאָג האָפּנדיק".

אנשטאָט איין ניט־אַקצענטירטער זילבע ביים סוף, ווערט אין די צוויי שורות צוויי ניט־אַקצענטירטע זילבעס ביים סוף.

עס איז דאָ, אָבער, אַ דערקלערונג פאַר דעם. בדרך כלל איז ראָזענבלום געווען אַ גוטער פּאָעט און אַ גוטער טעכניקער. פאַרוואָס האָט ער אין זיין לעצט ליד געמאַכט אַזעלכע פעלערן? ראָזענבלום אַליין האָט טאַקע דאָס ליד ניט אָפּגעדרוקט. ער האָט, מן־הסתם, געוואָלט נאָך אַרבעטן אויפן ליד. דאָס ליד איז געווען געדרוקט אין „צוקונפט", מערץ, 1903, ביין חדשים נאָך זיין טויט.ביים ליד איז פאַראַן אַ באַמערקונג: איבערגעגעבן צום דרוק פון י. וויינטרויב.

דאָס זיינען די צוויי אויסנאַמען אין ראָזענבלומס לידער. בדרך כלל איז זיין אַריטמיע אַ באַוואוסטזיניקע. זי האָט אַ באַשטימטן דראַמאַטישן ציל. זי דינט אין קאָנצענטרירן אַ טראַף. טיילמאָל — כדי שווערער און וואָגיקער מאַכן די שורה, אָפּכאַפּן דעם אָטעם פּאַר אַ ווייטער, לאַנגער מוזיקאַליש־דראַמאַטישער פּראַזירונג. אַזוי איז דאָס ליד „דער שוואַכער כעסן" (לויט יהל"ל).

פאָרם איז, אָבער, ניט געווען ראָזענבלומס הויפּט־אינטערעס. ער האָט אפשר געטראַכט וועגן דעם מער ווי אַ סך אַנדערע דעמאָלטיקע פּאָעטן. אָבער פּונקט ווי זיי, האָט אים ניט אינטערעסירט אַנטוויקלען דעם פּערז פאָרמעל, קולטיווירן די פּאָעטישע אָרקעסטרירונג. ניט צוליב דעם האָט ער געשריבן לידער אין פאַרשיידענע שליסלען. ניט צוליב דעם האָט זיין ליד פאַרמאָגט ברייטן פאַרנעם, וואָג, קראַפט, צאָרן, רוף. ניין, אים האָט בפירוש אינטערעסירט בלויז דער אינהאַלט. אים האָט אינטערעסירט פאָרם, כדי דער אינהאַלט זאָל זיין ווי ער וויל. ער האָט געפילט און געוואוסט: דער אינהאַלט און די פאָרם זיינען איינס. ער האָט ניט איבערגעזעצט בייראָנס „געפאַנגענער פון שילאָן" צוליב פאָרם־חריפות. ער האָט עס איבערגעזעצט צוליבן אינהאַלט.

סאָציאַלער אומיושר און פרייהייט

ראָזענבלום איז געווען דורכויס אַ סאָציאַלער פּאָעט. ביי אים איז ניט פאַראַן קיין איין ליד, וואָס זאָל ניט האָבן דעם סאָציאַלן עלעמענט אין זיך. דאָס ליד מעג זיך זיין אַפילו ליריש־אינדיווידואַליסטיש, אַפילו נאַציאָנאַל. ס'איז כדאַי זיך צוקוקן געניי צו די עסטעטישע ווערטן אין זיינע לידער. זיין רעאַליזם איז ניט — באַשרייבן טאָג־טעגלעכע געשעענישן, טאָג־טעגלעכע געשטאַלטן, טאָג־טעגלעכע ווירקלעכקייט. אין זיין מרה־שחורהדיק ליד „איך קען אייך ניט זינגען..." ווערט די געשטאַלט פון דער מוטער־אַלמנה, וואָס נייט העמדער דורך דער נאַכט, פאַרוואַנדלט אין עפּעס מער ווי אַ ווירקלעכע געשטאַלט. עס שאַפט זיך אַ בילד פון שטילער גרויל־ווירקלעכקייט, אַ שטומע אימה אין דער שטילקייט פון נאַכט.

אים האָט טאַקע אינטערעסירט די רעאַליסטישע געשטאַלט, די מיאוסע אומגליקלעכע ווירקלעכקייט. ער האָט עס געזען אַרום זיך פון קינדוויז אָן. אָבער דער פּראָטעסטירער, דער וועקער אין אים, איז

געווען אָנגעשטעקט מיטן טראַגישן „סאָציאַלן שמערץ״. דאָס איז יענע מרה־שחורה־שטימונג, וואָס דערפילט דעם אנטאגאניזם צווישן מענטשלעכע אידעאַלן און דער אַרומיקער סביבה, צווישן סאָציאַלער טיראַניע און מענטשלעכן געוויסן, צווישן פאַרשקלאַפונג און פרייהייט.

„דער געפאַנגענער פון שילאָן״ איז פאַר ראָזענבלומען געווען דער טראַגישער אַפּאָטעאָז פון אַ פרייהייט־קעמפער, פון באָניוואַרן. אין זיין באַמערקונג צו דער איבערזעצונג שטעלט ער זיך אָפּ, דער עיקר, אויף דעם עטישן און טראַגישן לעבן פון דעם העלד. דאָס האָט ראָזענבלומען אינטערעסירט מער ווי אַלץ. אָט איז זיי הקדמה:

„דער געפאַנגענער פון שילאָן איז דאָס דער באַרימטער און באַליבטער באָניוואַר וועלכער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1436 אין גענף, שווייץ. ער האָט שטודירט אין טורין, איטאַליע, און האָט גערשנט אַ גרויסע רייכטום פון זיינעם אַ פעטער.

„זיין ליבע צו דער פרייהייט האָט איבערגעשטיגן אַלע גרענעצן. פאַר אים איז קיין זאַך ניט שווער געווען צו טאָן. אַבי ער זאָל זען זיין פאָטערלאַנד גליקלעך און פריי פון פרעמדע און אייגענע הערשער. ער איז שטענדיק געווען גרייט צו אָפּערן זיין אייגענע פרייהייט פאַר די פרייהייט פון זיינע מיטברידער; ער האָט ניט געזוכט קיין כבוד, האָט פאַרהאַסט זיין רייכטום און האָט זיך אָפּגעגעבן נאָר צו העלפן אַלע אָרעמע, געדריקטע און פאַרשקלאַפטע מיטמענטשן, ניט מיט ווערטער, נאָר מיט טאַטן. די געשיכטע פון גענף, וועלכע ער האָט געשריבן, איז באַרימט געוואָרן דורך פילאָסאָפישע און ריכטיקע אָנמערקונגען.

„אין 1519 האָבן זיך ערשט אָנגעפאַנגען זיינע ליידן פאַר זיין פאָטערלאַנד: דער הערצאָג פון סאַוואָיען האָט מיט 5000 מאַן באַזיגט גענף און האָט באָניוואַרן, אַזוי ווי דעם פאָרשטייער פון שטאָט און דעם גרעסטן שונא זיינעם, פאַרשפאַרט אין קערקער, וואו ער איז אָפּגעזעסן צוויי יאָר. עס האָט אים געגליקט דערנאָך באַפרייט צו ווערן און דאַן האָט ער, אום אויסצומיידן ווייטערע אומגליקן, פאַרלאָזן זיין געליבטע שטאָט און איז לאַנגע צייטן געווען נע ונד אין פרעמדע לענדער. אין 1530 יאָר זיינען אים באַפאַלן רויבער און האָבן אים ווידער איבערגעגעבן דעם הערצאָג אין די הענט. דער לעצטער האָט אים, אָן דין און משפט, פאַרשפאַרט אויף לעבנס־לענג אין געפענגעניש פון שילאָן; אָבער אין 1536 האָבן די איינוואוינער פון בערן באַזיגט דעם הערצאָג פון סאַוואָיען מיט זיין מיטהעלפער דעם בישאָף און האָבן באָניוואַרן באַפרייט אאַז״וו.״

ראָזענבלומען האָט דאָ אינטערעסירט דאָס געזאַנג צום „אייביקן גייסט", דאָס געזאַנג צו פרייהייט, און די מאָנונג, די מאָנונג פון „טויזנ־טער געדריקטע", ווי דאָס האָט ראָזענבלום אויסגעדריקט אין זיין פרייער איבערזעצונג „שיר צו שילאָן" (דעם סאָנעט וועגן שילאָן):

„דו אייביקער גייסט, וואָס דו היילסט אַלע וואונדן —
דו פרייהייט! — אין קערקער פאַרברענגסטו די יאָרן,
אין קערקער ביי שקלאַפן אין האַרצן פאַרבונדן,
פאַרבונדן מיט ליבע שטריק ביסטו געוואָרן!

ווען דיינע געבראָטענע קינדער אין תפיסה
פאַרברענגען דעם לעבן אין צרות און קוואַלן —
דאַן הערט זיך די שטימע די ליבע, די זיסע,
דאַן ווערן די קייטן צעשמעטערט, צעפאַלן.

***

שילאָן! עס איז הייליק אין דיר יעדע צעלע!
ווען ס'האָט אין דיין גרוב זיך געמאַטערט אַ העלע,
אַ זעלע פון פרייהייט, דורך קוואַלן און פּלאָגן;
זאָל באָניוואַר, איינער פון טויזנט געדריקטע,
וואָס שמאַכטן אין קערקערס, די ענגע, פאַרשטיקטע, —
זאָל ער פאַר הער וועלט די טיראַנען פאַרקלאָגן!!"

פונקט ווי אַלע פּאָעטן אין די 90ער יאָרן, האָט ראָזענבלומען, דעם פרייהייטס־טרוימער, אינטערעסירט אין דעם ווערק בלויז דער סיפור־המעשה און דער מרה־שחורהדיקער בייראָניזם, דער וועלט־שמערץ. דערפאַר האָט ער די קאָמפּליצירטע שילאָן־איבערזעצונג איבערגעגעבן פריי. דער אמת איז — כמעט אַלע איבערזעצונגען אין יענער צייט זיינען געווען פרייע. און זייער אָפט, צו־פרייע איבערזעצונגען. אין אַ סך פאַלן האָבן די איבערזעצער ניט געפונען פאַר נייטיק איבערצוגעבן דעם אמתן נאָמען פון ליד אין אָריגינאַל, אַפילו ניט דעם מחברס נאָמען. מען האָט אָפט צוגעשטעלט אַן אונטערקעפּל: פון רוסישן, אָדער, פון דייטש אאַז"וו. אין דער שילאָן־איבערזעצונג האָט ראָזענבלום זיך דערלויבט בייטן אַפילו בייראָנס גראַם־שליסל. דאָך — ניט געקוקט

אויף די אַלע פּרייקייטן, האָט מען געמוזט פֿאַרמאָגן אַ גוטע טעכניק, אַ ווירטואָזיטעט, כּדי, אין 1892, איבערזעצן דעם „געפֿאַנגענעם פֿון שילאָן".

פּריי האָט ראָזענבלום אויך איבערגעזעצט היינעס ליד "1649 — 1792 ? ? ?" (געדרוקט אין „צוקונפֿט", פֿעברואַר, 1902): די איבערזעצונג האָט בשעתו געמאַכט אַ רושם. ראַדיקאַלע יונגעלייט האָבן זיך עס אויסגעלערנט אויף אויסווייניק און אָפֿט דעקלאַמירט.

פֿון היינע

1792—1649

די ענגלענדער האָבן זיך פֿיין ניט באַגאַנגען
מיט זייערן קעניג. — ער האָט אין דער תּפֿיסה
כּמעט ניט געשלאָפֿן די גאַנצע נאַכט פֿריער
איידער מען האָט אים געפֿירט צו דער מיתה.
ווייל ס'האָבן געהערט זיך געלעכטערס און שפּאָט
פֿון רעבל, אין בויענדיק דעם עשאַפֿאָט.

און אויך די פֿראַנצויזן זיינען ניט געווען העפֿלעך
מיט זייערן קעניג ביי זיין בייזן דין;
זיי האָבן געפֿירט אים אָן שום צערעמאָניעס
צו ווערן געטויטעט אויף דער גילאָטין.
אָן שטאַט און אָן מאָדע, אָן טאַקט און אָן טאָלק,
ווי ס'וואָלט זיך געפּאַסט פֿאַר אַן איידעלן פֿאָלק.

און ערגער פֿון אַלעמען איז אַנטאָניעטע,
ביי איין סאַנקולאָט נאָכגעפֿאָרן באַגלייטעט,
אָן בלומען, גירליאַנדעס, אָן סוויטעס, הויף־דאַמען,
איז זי ווי איר מאַן אויך געוואָרן געטויטעט.
איר ליפּ איז פֿאַר שאַנדע נאָך גרעבער געוואָרן
(ביי האַבסבורגער איז אַ גראָבע ליפּ קיין חסרון).

דאָך ענגלענדער און אויך אפֿילו פֿראַנצויזן
באַזיצן ניט זאָלכע, גאַלאַנטע מאַניערן

ווי ס'האָבן די דייטשן, וואָס ווערן אויך איידל
פֿאַרבלייבן ווען אַ רעוואָלושן (רעוואָלוציע) זאָל ווערן.
די דייטשן ווערן אימער דעם קעניג הויך שעצן
און וועלן ניט זיינע געפילן פֿאַרלעצן.

אין שענסטע קאַרעטן, די פערד ווי די אָדלערס,
מיט שוואַרצע גירליאַנדן באַפּוצט און באַצירט,
וועט ווערן, אוי האָף איך, במהרה אין גיכן
אַ דייטשישער קיסר מיט ערע געפירט,
מיט העפלעכקייט, אָן קיין געלעכטערס און שפּאָט,
צו ווערן געטויטעט אויף דעם עשאַפאָט...

(„צוקונפט", פעברואַר, 1902)

ווי פריער דערמאָנט — ניט געקוקט אויף זיין גוטער טעכניק, אויף דער רייפער פאָרם, האָט ראָזענבלומען, ווי אַלע דעמאָלטיקע פּאָעטן, אינטערעסירט בלויז דער אינהאַלט, די אידייע אין ליד. וואָס שייך דעם אינהאַלט, דער אידייע, איז ער געווען אויסשליסלעך אַ סאָציאַלער פּאָעט. כמעט יעדער ליד זיינס איז דורכגעדרונגען מיטן פּראָלעטאַרישן מאָטיוו.

אין אַזעלכע לידער ווי „צום פּראָלעטאַריאַט" זעט זיך עס אָן זייער קלאָר:

צום פּראָלעטאַריאַט

איך האָב דיך באַדויערט פאַרשקלאַפטער, געדריקטער
איך האָב דיינע ליידן, ווי דו שטיל פאַרטראָגן;
אין קרעכץ פון דיין האַרצן אַ טיפער, פאַרשטיקטער
האָט מיך ווי אַ שטורעם, ערוועקט הויך צו קלאָגן.

דיין קרעכץ פלעגט מיין בלוט מאַכן קאָכן און זידן,
מיין האַרץ פלעגט צעשפּריגנען פון האַס און פון צאָרן;
און דו פלעגסט גלייכגילטיק דיינע קייטן זעלבסט שמידן,
און דו ביסט וואָס ווייטער פאַרשקלאַפט מער געוואָרן.

איך האָב דיך באַדויערט... נאָר איצט, ווען געבויגן
דו שטייסט פאַר דיין הער הוילע ציטערניש, שרעקן,

ווען די האָסט ניט צו אויפהייבן מוט דיינע אויגן,
ווען עס טוט זיך ביי דיר קיין געפיל ניט ערוועקן;

קיין געפיל פון אַל־מענטשלעכע רעכט און ערע,
געפילן פון פרייהייט, פון שטאָלץ און פון ראַכע;
דאַן זאָג, איך: גיי שקלאַף, טראָג דיין משא די שווערע;
דאַן האַס איך, פאַרדאַם איך די מענטשן די שוואַכע...

און ווייסטו ניט קנעכט נאָך, צו וואָס דו קענסט דאַרפן
די פרייהייט, וואָס מאַכט ניט מיט ברויט פול דעם מאָגן?
דאַן, ברידער, ווער גיט מיר אַ בויער אַ שאַרפן?
דיין אויער, דו שקלאַף, צו דעם טויער צושלאָגן!...
(„אַרבייטער פריינד״, דעם 22טן יולי, 1892)

אָבער זיין פּראָלעטאַרישקייט גייט אַ סך טיפער. זי איז ניט בלויז אינהאַלט, אידייע. אין זיינע לירישע לידער, אין די לידער, וואו ס׳קומט צום אויסדרוק אויך דער פּערזענלעכער מאָטיוו, גייט דורך אַן אָפּשיין, אַ דורכליכט פון סאָציאַלן באַנעם:

אויפן בית־עולם

אין אַ שוואַרצן, פינצטערן מאַנטל
ציט זיך אָן די נאַכט,
און איך גיי אויפן בית־עולם
עלנט, שטיל, פאַרטראַכט.

כ׳טראַכט פון פילע פרייהייטס־קעמפער
וועלכע ליגן טויט,
כ׳צייל די קברים, וועלכע זיינען
ווייט אַרום פאַרשפּרייט.

כ׳צייל און צייל און ווער פאַרטומלט,
כ׳צייל זיי נאָכאַמאָל:
אַך, אומזיסט — די קברים זיינען
אָן אַ שיעור, אָן צאָל.

שטיל, פאַרצווייפלט האַלדז איך, קוש איך
יעדן קאַלטן שטיין,
איינזאַם עלנט, גיי איך, בלאָנדזשע
און איך וויין און וויין.

דאָך עס ווערט מיר לייכטער, גרינגער
ווען איך זע אַרום,
ווי פון יעדן קבר־בערגל
בליט אַרויס אַ בלום.

(„אַרבייטער צייטונג", דעם 30טן סעפּטעמבער, 1892
אויך „צוקונפט", פעברואַר, 1903)

הגם דער דיכטער זאָגט עס ניט, פילט מען דעם סאָציאַלן מיין אַפילו אין אַזאַ האַלב־מיסטישן „וועלט־שמערץ"־ליד ווי „ביי דעם ברעג", וואָס מיר האָבן פריער ציטירט. דער זעלבסטמערדער אינעם ליד קומט אום אין אַן אומגערעכטער וועלט. דאָ טייטש מען ניט אַריין עפּעס פרעמדס אין ראָזענבלומס ליד. אַזוי איז געווען זיין טראַכטן און באַנעמען אַלץ אַרום זיך. אַגב, פאַר יענער צייט איז אַ חידוש דער סוגעסטירנדיקער טאָן, דער רמז, דער פּאָעטישער רמז, וואָס איז געקומען צום פולן אויסדרוק ערשט מיט יאָרן שפּעטער ביי אַ טייל „יונגע" און נאָך מער ביי אַ טייל אינזיכיסטן. אין ראָזענבלומען זיינען געווען פאַרלייגט קערנער פון דער שפּעטערדיקער יידישער פּאָעזיע.

זיין ליד „ביי דעם ברעג" איז איינע פון די בעסטע אילוסטראַציעס, וואָס דייטן־אָן אויף די פאַרשיידענע מעגלעכקייטן אין ראָזענבלומס ליד.

יידישע מאָטיוון

אין ראָזענבלומס עטלעכע לידער הערט מען נאַציאָנאַלע אָדער יידיש־טראַדיציאָנעלע טענער. אַזאַ ליד איז די לענגערע פּאָעמע „על קידוש השם" („צוקונפט", מאַי 1897). אַ יונג יידיש בחורל, צוועלף יאָר אַלט, אַן עלוי, האָסט די גויישע וועלט, מיט איר גאַנצער טומאה. רייסט ער זיך אַריין אין קלויסטער, מאַכט חרוב די צלמים און הייליקע בילדער. דאָס רופט אַרויס אַ פּאָגראָם אין שטעטל. נאָכדעם פאַרשיקט מען דעם עילוי אין סיביר. פאַראַן איז דער פּאָעמע סאַטירע. דער פּאָעט סאַטירי־

זירט די גויִיש־אַבערגלויבערישע וועלט, אויך — די יידישע וועלט, וואָס ביי איר איז די שיינע וועלט בלויז „אַ פּאָרהויז". דאָך זיינען פאַראַן אין דער פּאָעמע אַזעלכע שורות: „ער, דער קליינער, שוואַכער, גוטער, שלאָגט זיך מיט דער יויזלס מוטער, מיטן גאָט פון גאַנצער וועלט; מיטן גאָט פון פיל מיליאָנען, פון קיסרים, וועלכע קאָנען, אַלעס טאָן, וואָס זיי געפעלט".

די טעמע אין דעם נאַרוואָס־דערמאָנטן „על קידוש השם" איז כמעט אַ נאַציאָנאַל־רעליגיעזע. דאָך רייסט זיך אַריין אין דער פּאָעמע אַ סאָציאַלער טאָן. גאָר בולט סאָציאַל — אין אַ יידישן לבוש — איז דאָס ליד „גיב אונדז אַ מלך". דאָס ליד איז טאָקע אינגאַנצן סאָ־ציאַל. די טעמאַטיק, אָבער, איז אַ ביבלישע. יידן בעטן אַ מלך ביי שמואל הנביא.

„גיב אונדז אַ מלך"

(שמואל א. ה.)

פילע שטילע, גוטע יאָרן,
רואיק, גליקלעך, זאַט, צופרידן
פריי פון פרעמדע, אייגנהערשער
האָבן דאָן געלעבט די יידן
אין דער אַלטער, אַלטער צייט,
אויף די פרייע ציונס פעלדער,
ביי דעם ירדנס קלאָרן וואַסער,
אין לבנונס אַלע וועלדער —
אַלע ווי אין איין געזינדן,
ברידער, שוועסטער ביי איין מאַמען,
פול מיט ליבע, טריַיהייט, פריַיקייט
האָבן זיי געוואוינט צוזאַמען.

און דער אַלטער, קלוגער שמואל,
ווי אַ זיידע פון דער משפחה
פלעגט זיי געבן גוטע עצות,
פלעגט זיי שענקען פריי זיין ברכה —
אָט דער אַלטער נביא שמואל,

וואָס פון זיינע יונגע יאָרן
ניט געטרונקען האָט קיין וויינען
און די האָר ניט אָפּגעשאָרן;
וואָס האָט אימער זיך צו לערנען
אַלע חכמות אָפּגעגעבן;
וואָס איז גרייט געווען פאַר אמת
אָפּערן זיך מיט זיין לעבן —

יעקבס קינדער, וואָס זיי זיינען
ערשט ניט לאַנג באַפרייט געוואָרן
פון דעם גלות פון מצרים,
וואו זיי האָבן לאַנגע יאָרן
דאָרט פאַרבראַכט אין קנעטן, בויען
טורעמס, הייזער, פּיראַמידן —
קענען זיי דען, וויסטע שקלאַפן,
פון דער פרייהייט זיין צופרידן?
ווי דעם שקלאַף, וואָס ליבט די קייטן,
וואָס אין זיי איז ער געבאָרן!
פלוך אויף דעם, וואָס פאַר אַ גאָלדן
קייט איז ער אַ שקלאַף געוואָרן!

און עס האָבן זיך צוזאַמען
ביי דעם אַלטן נביא שמואל
אויפגעקליבן אַלע יידן,
אויפגערעגט און אומצופרידן:
„גיב אונדז, שמואל — גיב אַ מלך,
ער זאָל איבער אונדז רעגירן".
בלאַס געוואָרן איז דעם אַלטן
נביאס פּנים — ס'איז ניט פריילעך!
„קינדער! האָט ער אויסגעשריען —
געבן וועל איך אייך אַ מלך!

— איר זאָלט אָבער וויסן פריער
נאַרן'מענטשן, אייערע קינדער

וועט ער שפּאַנען אין זיין וואָגן,
וועט זיי טרייבן ווי די ריבהער,
אייער מלך, דומע שקלאַפן!
וועט אייך בויטן גיין אין סאָכע,
זיינע פעלדער וועט איר מוזן
אַרבעטן, יעדע משפּחה;
אייערע שיינע, ליבע טעכטער
וועלן אים גאָר מוזן נוצן:
פרעגלען, בראָטן, באַקן, קאָכן,
נייען, וואַשען, קערן, פוצן".

יאָרן זיינען פיל פאַריבער —
שמואל ליגט שוין באַלד באַגראָבן:
זיינע ווערטער הערט מען שטענדיק,
ווי ער וואָלט זיי אימער זאָגן.
און ניט איינמאָל האָבן ייִדן
וועןן געוועזן איז זיי ביטער
אונטער שאולס, שלמהס אַרבעט
און יהבעמס פייכטע ריטער;
און ניט איינמאָל האָבן ייִדן
אונטער יעדן יאָך אַ שווערן,
זיך דערמאָנט אָן שמואלס ווערטער,
און פאַרגאָסן טייכן טרערן...

(„אַרבייטער צייטונג", דעם 15טן יולי, 1892;
איבערגעדרוקט אין „צוקונפט", יאַנואַר, 1905)

ראָזענבלומס מעטאַפאָריק, זיינע עפּיטעטן, אין די אויבן־ציטיר־טע לידער, ווייזן אָן אויף טראַדיציאָנעלע, אויף נאַציאָנאַל־טראַדיציאָנעלע עלעמענטן. אין יעדער ליד איז ער טאַקע סאָציאַל. ער פאַרמאָגט, אָבער, אויך ריין־ייִדישע, פאָלקלאָריסטישע וואָרצלען און אַ געפיל פאַרן ייִדישן פאָלקס־לעבן. אַגב, דאָס איז אַ זאַך, וואָס מ'זעט ווייניק ביי אַ סך, כמעט ביי די מערסטע סאָציאַלע פּאָעטן אין די 80ער און 90ער יאָרן. דער עיקר זעט מען עס ניט ביי די, וואָס זיינען געווען דורכגענומען מיט דער רוסישער פאָלקיסטישער קולטור „נאַראָדני־טשעסטוואָ".

כאַראַקטעריסטיש פאַר זיין טראַדיציאָנעלער פאָלקלאָריסטיק איז דאָס ליד —

אַן אומעטיקעס ליד

לאַנגזאַם ציען זיך די שטונדן
אין דעם לאַנגן שווערן תענית,
אין דעם תשעה־באָב פון לעבן
ציט אין האַרצן אָן רחמנות.

און די שטונדן ווערן יאָרן.
כ׳וואָלט שוין וועלן, נאַכט זאָל ווערן! —
באַלד וועט מען שוין דאַווענען מנחה,
אָן, עס זעען זיך דריי שטערן.

אָפּגעפּאַסט און אָפּגעהונגערט,
אָט אַזוי דעם גאַנצן לעבן,
קעלטער ווערט די זון פון יוגנט,
עס גייט אויס די קראַפט צום שטרעבן.

שוואַכער, קעלטער, קראַנקער, עלטער, —
אַך! דער לעבן איז פאַרפלאָסן!
באַלד וועל איך דערפאַר פאַרפאַסטן
מיט שור הבור און מיט לויתן.

(„אמת״, באָסטאָן, דעם 6טן דעצעמבער, 1895)

ס אַ ט י ר ע

אַחוץ די פאָלקלאָריסטישע סימנים האָבן ראָזענבלומס סאָציאַלע לידער נאָך אַ וויכטיקן עלעמענט. ער איז זייער אָפט איינגעוועבט אין סאָציאַלן ליד. ביי ראָזענבלומען איז ער אַ ביסל אַנדערש. דאָס איז — סאַטירע.

די גרונט־מאָטיוון אין סאָציאַלן ליד זיינען געווען: נויט און אומ־יושר, קאַמף און רוף. אַ גרונט־מאָטיוו איז אויך געווען סאַטירע.

שפּאָטן, אָפּצולאַכן, „רייסן פּאַסן" — דאָס איז געווען דאָס געווער. בולט האָט מען דערזען יענע געשטאַלטן, יענע געשעענישן, וואָס האָבן געבראַכט אומגליק דעם אונטערדריקטן פּראָלעטאַריער. דאָס איז געווען אַ בויטיקער מאָטיוו אין סאָציאַלן ליד. דאָס סאָציאַלע ליד איז געווען מיליטאַנטיש, קעמפעריש, ציל־באַוואוסט. דאָס סאָציאַלע ליד האָט געצוואונגען דעם דיכטער צו ווערן אַ צד אין קאַמף. ער אַליין, דער סאָציאַלער דיכטער, האָט געוואוסט — ער מוז אויספירן אַ באַשטימט שליחות. ער דאַרף עמאָציאָנעל און בילדלעך אַנטבלויזן דאָס סאָציאַלע אומרעכט. ער דאַרף זיין דער ביטערער שטראָפער, דער וועקער, דער רופער. ער דאַרף אָנזאָגן און פאָרשטעלן די אָנקומענדיקע רעוואָלוציע. ער איז אויך דער אָפּשפּאָטער. ער רייסט אַראָפּ פאַלשע מאַסקעס. דער סאַטיריקער איז געווען אַן עצמדיקער עלעמענט אין דעם קאָמפּלעקס סאָציאַלע פּאָעזיע.

ראָזענבלומס סאַטירע איז, אָבער, שווער צו דערקענען: איז עס טאַקע סאַטירע צי ניט? אָט־דער אומבאַשטימטער צושטאַנד באַווירקט זייער שטאַרק, ווי יעדער אומבאַשטימטער צושטאַנד אין קונסט. דאָס לעצטע ליד, למשל, וואָס מיר האָבן ציטירט „אַן אומעטיקעס ליד" זעט אויס סאַטיריש, אָבער זאָגן דאָס אויף זיכער קען מען ניט. דאָס איינציקע וואָס מאַכט עס, אפשר, סאַטיריש איז דער רעליגיעזער פאָלקלאָר אין אַ סאָציאַלן מאָטיוו. ביים איבערלייענען דאָס ליד, ביים איבערטראַכטן, הייבט זיך אָן דוכטן: אפשר איז דער טראַדיציאָנעלער פאָלקלאָר אָרגאַניש אין ליד, און רופט גאָר ניט אַרויס דאָס געפיל, ווי אין סאַטירע. פאַראַן ביי אים אַזעלכע לידער. וואו דער פאָלקלאָריסטישער עלעמענט איז ניט בולט, אָדער, ער איז אינגאַנצן ניטאָ. אויך אין זיי פילט זיך ראָזענבלומס באַזונדערער מין סאַטירע: די אומבאַשטימטע סאַטירע. אָט איז אַ ליד, וואו עס זיינען, אַגב, נאָך פאַראַן פאָלקלאָריסטישע סימנים:

לעבעדיקע און טויטע

כ'ליב צו גיין אויף אַ לוויה
אײדער לויפן אויף אַ ברית;
אײדער מאַכן קאַנטשאַפּט נייע
איז מיר זעגענען זיך זיס.

אײדער זען װי ס'װערט געבאָרן
נאָך אַ נפש אויף דער װעלט.
נאָך אַ שקלאַף אויף לאַנגע יאָרן
לײדן הונגער, נויט און קעלט.

גײ איך מיר אויף אַ לויה
בײ אַ טויטן אַרבעטס־מאַן,
„מינדער שקלאַפן, מערער פרײַע
װעט כאָטש װערן" — זאָג איך דאַן.

אימער גײ איך נאָר באַגלײטן
מײנע ליבע ביז צום גרוב,
איך פאַרפעל ניט קײן אײן טויטן,
איך פאַרפעל ניט קײן אײן שטוב.

אָבער, אַך, עס איז אוממעגלעך
צו ערפילן רעכט מײן פליכט,
דען די שקלאַפן הונדערט טעגלעך
קרענקען, גײען אויס װי ליכט...

כ'ליב שוין בעסער גײן אויף בריתן,
װי אויף אַ לויה זײן: —
זאָל דאָס קינד אין װיג געניסן
פון דער װעלט דאָס ליכטיק שײן.

זאָל נאָר װאַקסן, בליען שטרעבן,
יונגע קרעפטן, הײסע בלוט;
זאָל נאָר זאַט זײן זײער לעבן
מיט מער ראַכע, האַס און מוט, —

דאַן צעברעכן װעט די קײטן
אונדזער יונגער, נײַער דור...

אײדער טויטע גײן באַגלײטן,
ליב איך בעסער בריתן נאָר...

(„אַרבײטער פרײַנד", דעם 19טן סעפטעמבער, 1892)

און אָט איז אַ ליד, וואו פאָלקלאָריסטישע עלעמענטן זיינען ניט פאַראַן:

אַ פּראָסטער חשבון

כ׳האָב אין יוגנט ניט פאַרשטאַנען
ווי אַ פּראָסטער איינס זאָל קאָנען
ווערן פּלוצלונג פון אַ שטריכל
צענדליק, טויזנטער מיליאָנען.

יעצט פאַרשטיי איך, אַז די נולן
וואָס פון הינטער מער, אַלץ גלייכער
פאַר דעם איינס איז, ער זאָל ווערן
אַן דער שפּיצע רייכער, רייכער...

(„אַרבייטער פריינד״, דעם 23טן סעפּטעמבער, 1892)

אין די לעצטע צוויי לידער איז דער סאַטירע־מאָטיוו אַ סך קלע־רער, ווי אין זיינע אַנדערע לידער. דאָך בלייבט גילטיק די פריער־דערמאָנטע כאַראַקטעריסטיק — בדרך כלל איז זיין סאַטירע אומבאַ־שטימט. נעמען נעמט זיך עס דערפון, וואָס ער איז ליריש אין אַלע זיינע לידער. פאַראַן נאָך אַ סיבה — אים פעלט די פאַרביטערונג, די שפּאָטישע פאַרביטערונג, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר סאַטירע. צייטנווייז איז שווער צו באַשטימען צי זיין סאַטירע איז טאַקע סאַטירע, צי דאָס איז מרה־שחורה, איבערגעגעבן אין אומהיימלעכע רעאַליסטי־שע בילדער. על כל פנים, זיין ליריזם און מרה־שחורה נייטראַליזירן דאָ די שאַרפקייט, וואָס מיר געפינען אין סאַטירע. זיין סאַטירע איז, אַזוי נאָך, אַ טרויעריק־לירישע, ניט־בולטע, אַ באַדויערנדיקע, אַן אומ־היימלעך־שטילע.

פארלויפער

אַ גרויסן פאַרלוסט האָט די יידישע פּאָעזיע געליטן דורך ראָזענ־בלומס פריצייטיקן טויט. ער האָט פאַרמאָגט אַ פּליסיקע, דאָך סאָלידע טעכניק, אַ חוש פאַר אינהאַלט און פאָרם. זיין ליריש מרה־שחורהדיקע כמו־סאַטירע איז געווען אומבאַשטימט. אין דעם האָט ער זיך אויסגע־

צייכנט. אין דעם איז ער געווען אַ פֿאָרלויפֿער פֿון דער מאָדערנער, באַזונדערס פֿון דער מאָדערניסטישער פּאָעזיע. אין אים זיינען געווען פֿאַרלייגט וויכטיקע קערנער. ניט אַלע זיינען אויפֿגעקומען פֿול און רייף.

דער טויט האָט צו־פֿרי פֿאַרשניטן דעם טאַלענטירטן, דעם אַ סך צוזאָגנדיקן דיכטער. אַט־דער וויכטיקער סאָציאַלער פּאָעט איז געווען אַ קרבן פֿון דעם גרויזאַמען אימיגראַנטישן סאָציאַלן אומיושר, וואָס קעגן דעם איז געווען אָנגעצויגן יעדע סטרונע אין זיין האַרצן, יעדער ניואַנס אין זיין אויפֿגייענדיק ליד.

י. ש. פרענאָוויץ

1938 — 1871

י. ש. פרענאָוויץ

דער סענטימענטאַלער סאָציאַלער פּאָעט

ביי די סאָציאַלע פּאָעטן אין די 80ער און 90ער יאָרן איז געווען אַ חרפּה צו שרייבן יחידישע לידער, סתם וועגן נאַטור, וועגן ליבע. נאָכמער, פאַר זיי איז עס ממש געווען אַ פאַרברעך זיך אָפּגעבן מיט פּערזענלעכע מאָטיוון. געמיינט האָט עס: אָט קומט שוין דער גרויסער יום־הדין, די סאָציאַלע רעוואָלוציע. עס ברענט ממש די גאַנצע וועלט, און איר, פּאָעטן, שטאָט שטיין אין קאַמף פאַר דער אונטערדריקטער מענטשהייט, לויפט איר אַוועק פון די וויכטיקסטע פּאָזיציעס. און וואו לויפט איר? — גאָר קליינלעכע תענוגים, נאָך עגאָאיסטישער באַפרידיקונג. ניט איין פּאָעט איז בשעתו געווען גאָר אַ צאַרטער, שטילער טרוימער, אַ סענטימענטאַלער, אַ רך לב, אָדער גאָר אַ בעל־בכי. האָט ער אָבער געמוזט אונטערדריקן אין זיך דעם סתם סענטימענטאַלן לירקער. ער האָט געמוזט זינגען לידער מיט אַ סאָציאַלער טענדענץ. ניט איין פּאָעט האָט זיך אַזוי איינגעלעבט אין דער ראָל, ניט איין פּאָעט האָט ערלעך און אויפריכטיק געגלויבט — אַזוי דאַרף עס טאַקע זיין. ער טוט דאָך עס אין נאָמען פון גערעכטיקייט, אויך צו לינדערן די גרויסע ליידן פון דעם אונטערדריקטן. האָט ער, דעריבער, אָנגענומען פאַר ליב דעם גזר פון צייט. טייל פּאָעטן זיינען גאָר ניט געווען אַזוי שאַרף רעוואָלוציאָנער נאָך זייער טעמפּעראַמענט נאָך. פאַרקערט, — „שטיל״, „צאַרט״ האָבן זיי צוגעטראָגן זייערע פּאָעטישע שאַפונגען צום מזבח פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע.

איינער אַזאַ פּאָעט איז געווען דער סענטימענטאַלער לירקער יוסף שלמה פרענאָוויץ. ניט איינמאָל איז אים אויסגעקומען זיך באַהאַלטן אונטער די פּסעוודאָנימען — „געאָרג ראַטנער״ אָדער „האַמלעט״. ער האָט דאָס געטאָן פאַר חרפּה. אונטער זיין אייגענעם נאָמען האָט ער זיך פּשוט געשעמט דרוקן לידער וועגן ליבע און נאַטור, אָדער גאָר וועגן זיך אַליין. די נייגונג צו פּערזענלעכער ליריק האָט סוף־כל־סוף מנצח געווען. חוץ סאָציאַלע מאָטיוון, איז געבליבן נאָך אים אַ סעריע סענטימענטאַלע, רירנדיקע לידער. די דאָזיקע לידער האָט ער ניט

באַוויזן צו דרוקן, הגם ער האָט זיי אָנגעשריבן אַרום אַ צענדליגג יאָר פאַר זיין טויט. האָט ער זיך געשעמט אויך מיט די דאָזיקע ליריש־יחידישע לידער מחמת דעם פּריוואַטן טאָן, וואָס מען הערט אין זיי? ווי די זאַך זאָל ניט זיין, פרענאָוויצעס לידער גיבן אונדז די מעגלעכקייט אַריינקוקן אין דעם מעכאַניזם פון אַ באַשטימטן מין סאָציאַלן דיכטער. דאָס איז אַ דיכטער, וואָס האָט געמוזט זיין סאָציאַל. ער האָט, אָבער, אין דער זעלביקער צייט, געבענקט אויסצודריקן פּערזענלעכע יחידישע מאָטיוון, נאָך איידער דער אינדיווידואַליזם האָט אָנגעהויבן באַהערשן דאָס יידישע ליד.

זיין קינדהייט

יוסף שלמה פרענאָוויץ איז געבוירן געוואָרן פסח, די צווייטע סדר־נאַכט, 1871, אין אַלעקסאַט, אַ שטעטל ניט ווייט פון קאָוונע. ווי אין יעדער ליטוויש שטעטל זיינען אויך אין אַלעקסאַט געווען שמאָלינקע געסלעך פון „הילצערנע שטיבלעך געלאָקטע, פאַראַרעמט און קליין”. אין זיין אויטאָביאָגראַפישער פּאָעמע „שטויב” (זאַמלשריפט „פעדער”, 1937) באַשרייבט ער די אָרעמקייט אין שטעטל מיט אויסער־געוויינלעכער צאַרטקייט. אויך — דעם לעבן־שטייגער אין אַ פרום־יידיש שטעטל („און די טאַטעס אין טליתים קומען אין דער היים פון קלויז”). ער שילדערט אויך די נאַטור, די שיינע נאַטור פון שטעטל:

עס גלעט אירע ברעגן דער ניעמאַן
און רוימט איר איין סודות ביינאַכט;
זי באָדט זיך אין ליכט אין פרימאָרגן,
אין אָונט — אין זילבערנער פראַכט.

עס ציען זיך מיילנווייט פעלדער
מיט גאָלדענע זאַנגען אָן שיעור;
זיי שיקן הורך פריילעכע ווינטלעך,
די זיסעסטע ריחות צו איר.

עס שטייט אויף אַ באַרג ווי פאַרחלומט
איר שכן, דער יאַלדע, פול מיט חן;
דער באַרג איז זיין טראָן, און די זון איז
זיין הערלעכע גאָלדענע קרוין.

אין אַ קאַפּיטל דערינערונגען „ערב שבועות אין דער היים" שיל־דערט ער דאָס שטעטל מיט מער פּרטים: „מיין געבורט־שטעטל, אַלעקסאָט, איז איינגעהילט אין צערטלעכע וונען־שטראַלן, און איז אַרומגערינגלט מיט פעלדער, וועלכע צעשפּרייטן זיך ווייט, און זיי שפּיג־לען זיך אונטער דער זון מיט זייער פּרעכטיקער גרינקייט. אין מזרח זייט, גראָד אַנטקעגן אונדזער הויז, וואו איך האָב צום ערשטן מאָל דערזען דאָס ליכט, זעען זיך אָרעמע הייזלעך פון דעם דאָרף „פריידע". און אַ ביסל אָפּגעריקט פון זיי שטעקט אַרויס אַ פּאַלאַץ — דאָס איז דער פּאַלאַץ פון דעם פּוילישן שטאָלצן פּריץ, פּאַן גודלעווסקי, וועלכער פלעגט אַלעמאָל, יוען ער פלעגט דורכפאָרן אונדזער שטעטל, אַפילו די אויגן ניט אויפהייבן. אַ ביסל נעענטער געפינט זיך אַ צווייט דאָרף, וואָס געהערט צום דייטש, געבלער, און הינטער דעם פּאַלאַץ זיינעם געפינט זיך אַ געדיכטער וואַלד דורך וועלכן די פרימאָרגן זון ברעכט זיך דורך מיט אירע שטראַלן און צינדט אונדזערע פענצטער מיט גאָל־דיקע פלאַמען... אין דרום־זייט געפינט זיך ווידער אַ גרויס דאָרף, וואו עס וואוינט דער יידישער פּריץ, וואָס איז געקומען פון אַמעריקע מיט אַ סך געלט, און האָט דאָס דאָרף געקויפט... ער קען קיין יידיש ניט רעדן, איז קיינמאָל אין חדר ניט געגאַנגען, אָבער, קומט אַ יום־טוב ווערט ער אַ ייד... רופט צוזאַמען ישובניקעס צו דאַוונען, און ער — שאָקלט זיך אויך, טראַגנדיק אויף זיינע שולטערן אַ קליינעם טליתל... טיילט „ברכה" נאָכן דאַוונען און — פילט זיך יום־טובדיק... דורך דער גאַנצער לענג פון מיין ליב שטעטעלע שניידט זיך דורך אַ שאָסיי פון צפון צו דרום, און ענדיקט זיך אין צפון, ביים אַלעקסאָטער בריק, וואָס ליגט אויפן ניעמאַן, און פאַראייניקט אַלעקסאָט מיט קאָוונע. אין דרום־זייט ציט ער דורך אוליאַנאַ, דורך גודלעווע, פּרען און אַנדערע שטעטלעך, וואו יידן האָבן געוואוינט און זיך געמאַטערט"...

מיר גיבן דאָ איבער די אַלע קלייניקייטן, ניט מחמת זיין שטעטל איז אונדז וויכטיק. מיר ווילן דערמיט בלויז אָנווייזן אַ וויכטיקן שטריך: פרענאַוויץ האָט זיך אינטערעסירט מיט פּרטים. אמת, ער איז געווען אַ דיכטער, וואָס „שוועבט אין די וואָלקנס". ער האָט גערעדט אין דער פּאַראַלגעמיינערטער בלומען־שפּראַך בעת ער האָט געשילדערט די נאַ־טור, ליבע און פערזענלעכע איבערלעבונגען. דאָך האָט ער זיך איג־טערעסירט מיט פּרטים. דאָ איז כדאַי צו באַטאָנען: זיין צייט און סביבה האָבן אים ניט פאַרמשפּט צו זיין אַ סאָציאַלער דיכטער. עס איז אמת, — ער איז געווען אינגאַנצן אַ דיכטער מיט יחידישע נייגונגען.

אין אַן אַנדער תקופה און סביבה וואָלט ער קיינמאָל ניט געוואָרן אַ סאָציאַלער דיכטער. ער האָט אָבער פאַרמאָגט אַ נייגונג צו זען פּרטים. אויף אים האָט אויך געווירקט דער סאָציאַלער אומיושר, וואָס ער האָט געזען אין זיין קינדהייט. זיי האָבן, אין אַ געוויסער מאָס, באַרעכטיקט זיין פאַרנעמען זיך אויפן שליאַך פון סאָציאַלער פּאָעזיע. סוף־כּל־סוף, צוויי זאַכן האָט ער שטענדיק געזען פאַר די אויגן, צוויי זאַכן האָבן געריסן זיין האַרץ: פון איין זייט — שיינקייטן אין לעבן און אין דער נאַטור; פון דער צווייטער זייט — די גרוילן און די העסלעכקייט אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. אין זיין פּאָעמע „שטויב", אַגב, דערמאָנט ער צוויי שאַרפע קאָנטראַסטן אין זיין שטעטל, קאָנטראַסטן, וואָס זיינען אויך כאַראַקטעריסטיש פאַר אים. דאָס שטעטל, שרייבט ער —

שטענדיק באַדט זי זיך אין דחקות
און אין פּראַכט און גאָלדענעם שיין.

אין דעם צאַרטן פרענאָוויצן האָבן די צוויי זייטן לעבן איבערגעלאָזן טיפע צייכנס. אַזוי איז געווען זיין גאַנץ לעבן: פון איין זייט — וואַרעמקייט און ליכט; פון דער צווייטער זייט — קומער. זיין קינדהייט האָט ער פאַרבראַכט אין דער צערטלעכער אַטמאָספערע פון זיינע גוטע עלטערן, ברידער און שוועסטער. זיין פאָטער ר' וואָלף איז געווען אַן ערלעכער, אַ האָרעפּאַשנער, פרומער ייד, אַ לב טוב. די מוטער אסתר־לאה איז געווען אינגאַנצן איבערגעגעבן די קינדער ווי מערסטע יידישע מאַמעס. אין דער פריער דערמאָנטער פּאָעמע „שטויב" באַשרייבט פרענאָוויץ, זייער אידיליש, ווי מען פירט אים צום ערשטן מאָל אין חדר:

די מאַמע איז פריילעך, איז גליקלעך,
עס יום־טובט אין האַרצן ביי איר.

אַפילו דער רבי, וואָס ווערט אומעטום געמאָלן ווי אַ קראַנקער, בייזער, אויפגערעגטער ייד, זעט אויס גאָר אַנדערש ביים סענטימענטאַלן גוטמוטיקן פרענאָוויצן:

עס קומט אונדז אַנטקעגן דער רבי
און זאָגט מיט אַ צערטלעכער שטים:
זאָל זיין אסתר־לאה, מיט מזל,
זאָלסט האָבן פיל נחת פון אים.

דער רבי לערנט אים דעם אַלף־בית, אַ מלאך וואַרפט אַראָפּ אַ קאָפּיקע פון הימל. בדרך כלל איז דאָס לעבן אין חדר פול מיט פאַרגעניגן: מען שטיפט, מען לאַכט, מען שפּרינגט... דאָך נעמט ער מיט זיך אין לעבן אויך די מרה־שחורהדיקע דערינערונגען וועגן חדר:

דאָך זע איך נאָך אַלץ יענעם חדר —
די ווענט זיינע — נאַקעט און הויל;
דער טיש און די שטולן — זיי סקריפּען
און זיינען פאַרחושכט ווי קויל.

אָבער ווי תמיד, איז זיין מרה־שחורה ניט קיין פאַרצווייפלטע. זי איז אַ שטילע, אַ שטיל־ווייטיקדיקע, פול מיט צער.

זיין קינדהייט איז געווען ממש אַן אידילישע. האָבן אומעטיקע געשעענישן אים אויסגעזען אַ סך אומעטיקער ווי געוויינלעך. זיי האָבן איבערגעלאָזן שטענדיקע סימנים אין האַרץ פון דעם צאַרטן, גוט־האַרציקן יינגל. צווישן זיינע פינצטערע דערינערונגען איז געווען די מעשה מיט זיין שוועסטער פייגע־היהלע. צו צען יאָר דערוויסט ער זיך: זיין שוועסטער איז ניט אַ שוועסטער פון איין מאַמען. זיין מאַמע איז גאָר דעם פאָטערס צווייטע פרוי. זי איז געווען דער ערשטער פרויס אַ שוועסטער, און די ערשטע פרוי איז געשטאָרבן יונגערהייט. דאָס האָט אויף דעם יונגן פרענאָוויץ געמאַכט אַ שרעקלעכן איינדרוק. ער האָט זיך שטאַרק פונאַנדערגעוויינט. ביז וואַנען די מעשה וועגן זיין שוועסטער האָט זיך איינגעשטילט אין אים, האָט ער זייער אַ סך געליטן.

אַ צווייטער קוואַל יסורים איז פאַר אים געווען יהודית, דעם רבס בת־יחידה, וואָס צו איר האָט אים געצויגן ווי אַ מאַגנעט:

איך זע זי... עס טרעפן זיך אונדזערע בליקן...
זי לאָזט ווי פאַרשעמט זיי אַראָפּ;
איר פנים ווערט רויטלעך, די האָר אירע לאַנגע —
זיי הענגען ווי שטראַלן פון קאָפּ.

אָט שטייט זי געהילט אין פרכות פון אומשולד,
היט הייליק דעם בוראס געבאָט —

זי שטייט ווי אַ ליליע. מיר דוכט זיך זי מורמלט —
אַ ליליע זינגט שירה צו גאָט!

און ניט סתם מליצות זיינען די ווערטער וועגן דעם גרויסן טרויער, וואָס זי האָט פאַרזייט אין אים.

יהודית — דער שטורעם דער בייזער פון לעבן
ער האָט זי פאַרטראָגן פון מיר;
מיין האַרץ איז איר אייביקער קבר געוואָרן,
מיין זעל — אַ מצבה נאָך איר!...

(פון דער פּאָעמע „שטויב")

נאָך אַ קוואַל יסורים זיינען געווען — בריוו. ער האָט געשריבן בריוו פאַר די אָרעמע, אומגליקלעכע און דערשלאָגענע. צו צוועלף יאָר איז ער געווען באַקאַנט פאַרן בעסטן און „האַרציקסטן" בריוו-שרייבער אין שטעטל. פאַר גרויס רחמנות אויף די אומגליקלעכע האָט די גוט-האַרציקע מוטער אים געשיקט „קליענטן". האָט ער פאַר אַלעמען געשריבן האַרצרייסנדיקע בריוו. שרייבנדיק די בריוו האָט ער זיך אָנגעהערט מיט צער, צרות און ליידן. די „דערשלאָגענע און באַליידיקטע" האָבן פאַר אים אַנטפּלעקט די סאַמע אינטימסטע געפילן. געווען אַפילו אַ פאַל: אַן אַנטלאָפענער חתן איז צוריקגעקומען נעמען די דינסט רייכל. אַזוי האָט דער קליינער יאָסל געדירט דעם חתנס האַרץ מיטן האַרצרייסנדיקן בריוו.

דאָס צאַרטע סענטימענטאַלע יינגל איז געווען גרינג אויף טרערן. האָבן די אַלע געשעענישן איבערגעלאָזן אין אים טיפע צייכנס, אויפן גאַנצן לעבן. זיין שטענדיקע זוניקייט האָט זיך ניט זעלטן פאַרוואָלקנט. נאָך מער וואָלקנס האָבן זיך אָנגעקליבן אין זיין נשמה בשעת ער איז געקומען קיין אַמעריקע. געווען איז ער 17 יאָר אַלט. וואָס אַ טאָג, אַלץ מער ליידן און צרות האָט דער לב־טוב פרענאָוויץ דורכגעטראָגן אין זיין אימיגראַנטיש לעבן.

אין אַמעריקע

געקומען איז פרענאַוויץ קיין ניו־יאָרק אין 1888 צו זיין שוועסטער פייגע־חיהלע. געוואוינט האָט זי מיט איר מאַן און דריי קינדער אויף מעדיסאָן סטריט. אין איר ענגער דירה האָט מען ווי־עס־איז געפונען אַ שטיקל פּלאַץ פאַרן גרינעם ברודער. אין גיכן האָט זיין שוואָגער, הערמאַן גלאַדסטאָון, זיך אַריבערגעצויגן מיט דער גאַנצער משפּחה קיין שיקאַגע, געזוכט דאָרט בעסערע גליקן. דער יונגער פרענאַוויץ איז מיט זיי מיטגעפאָרן. ער האָט זיך דאָרטן גענומען צו פּעדלערײַ. פריער האָט ער געפּעדלט מיט זיידנס, שפּעטער מיט שנאַפּס, נאָכדעם האָט ער געהאַנדלט מיט העמדער. אַלע האָבן אים ליב געהאַט, אים געטרויט, געהאַלטן פון אים אַן עולם ומלואו. אָבער קיין פּרנסה האָט ער ניט געהאַט פון די אַלע גליקן.

אין זיינער אַ דערינערונג „וואָרטנדיק אויף דער סאָציאַלער רע־וואָלוציע", אין זיין בוך „פון לעבן", גיט ער איבער די דעמאָלטיקע שטימונג ביי דער ראַדיקאַלער פאָלקס־אינטעליגענץ אין שיקאַגע. אין יאָר 1921 האָט ער שוין געקענט שרייבן וועגן דעם מיט הומאָר. אָבער אין יאָר 1892 וואָלט ער ניט געוואָגט באַשרייבן מיט הומאָר ווי אַזוי מען האָט געוואַרט אויף דער סאָציאַלער רעוואָלוציע.

געווען איז דאָס טאַקע אין יאָר 1892, בעת דער אויסשטעלונג אין שיקאַגע. דעמאָלט האָט געבושעוועט אַ שרעקלעכער קריזיס אין לאַנד. „מיר האָבן געליטן הונגער — שרייבט פרענאַוויץ — ווי געהעריק איז. ניט געווען וואו צו שלאָפן, און וואו דעם קאָפּ אָנצושפּאַרן..." אָבער גאָט האָט צוגעשיקט די רפואה פאַר דער מכה. דער ראַדיקאַלער עלע־מענט אין שיקאַגע האָט אָבער געהאַט דעם „פּראָגרעסיוו קלוב", אויפן ווינקל דזשאַנסטאָן און דער 14טער. דאָרטן האָט מען געקענט הונגערן אינאיינעם, וואָרטנדיק אויף דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. אַחוץ דעם האָט אין שיקאַגע דעמאָלט געוואוינט די משפּחה עדעלשטאַט. פון דאָרטן איז קיינער ניט אַרויס אַ הונגעריקער. אָבער צווישן די וויכ־טיקסטע געשעענישן איז געווען אַן אַנטדעקונג מצד איינעם אַ קלוב־מיטגליד. ער האָט, בעמלעך, אַנטדעקט אַ שמאַלץ־גרוב, וואָס האָט אַלעמען איבערראַשט. ס'איז געוואָרן אַ בהלה אין די ראַדיקאַלע קרייזן. אַגב, צו זיי האָט דעמאָלט אויך געהערט יצחק אייזיק הורוויטש. דער שמאַלץ־גרוב איז געווען אַ ביר־סאַלון, אין סטעיט־סטריט, וואו מען

האָט געקענט „קריגן כמעט אַ גאַנצן מאָלצייט, ווען מען טרינקט דאָרטן אַ גלאָז ביר...״ דער סוף איז געווען זייער אַ טרויעריקער. זיי האָבן דעם באַלעבאָס פון סאַלון געשטעלט ממש בדיל הדל. אין איין שיינעם נאָכמיטיק האָט ער אַוועקגעשטעלט עטלעכע „שטאַרקע״ ביי דער טיר און מען האָט די „עסער־גרופּע״ אַרויסגעטראָסקעט פון דאָרטן.

אַזוי האָבן דעמאָלט געלעבט ראַדיקאַלע פּאָלקס־אינטעליגענטן אין שיקאַגע און געוואַרט: — די רעוואָלוציע האָט געזאָלט אויסברעכן אַ ליאַדע טאָג ביים „לעיק־פראָנט״, ביים לעיק מישיגען, צווישן לעיק און מישיגען עוועניו. דאָרטן האָבן זיך שטענדיק געפונען די אַרבעטס־לאָזע פון דער גרייסער ווינט־שטאָט.

אַחוץ אונטערהונגערן האָט פּרענאָוויץ שוין געהאַט דערפאַרונגען אין אַן ערך 28 מלאכות און פּרנסות: אין אַ ציגעלניע און אין אַ גוס־פאַבריק, אין קוילנשאַכטעס און אין אַ וועשעריי, אין אַ שניידער־פאַ־בריק און ביי מאַשינען. ווי אַ סך אַנדערע אימיגראַנטן האָט ער זיך זייער שטאַרק געפּלאָגט, אַרומגעוואַנדערט וואו נאָר אַ ווינקל און אַלץ געזוכט פּרנסה.

אין אַ געוויסער געגנט אין די דרום־שטאַטן האָט ער זיך איינמאָל אָנגעטראָפן אויפן הויפּט־פּעדלער. דער הויפּט־פּעדלער האָט דעם „ראַדיקאַלן״ יונגנמאַן אויסגעריכט מיט אַ פערד־און־וואָגן, מיט סחורה, און אים געשיקט פּעדלען איבער די פאַרמס. איינמאָל איז פּרענאָוויץ צוגעקומען צו אַ רייכער פאַרם. געווען איז עס אָוונט־צייט. ער האָט אָנגעקלאַפּט און געבעטן, מען זאָל אים דערלויבן דאָרטן איבערנעכטיקן. מען האָט אים אויפגענומען ווי די אמתע דרומדיקע מכניסי־אורחים נע־מען אויף. ביים אָוונט־מאָלצייט איז ער געזעסן אין געהאַקטע צרות. ער איז געווען פאַרשטויבט, ניט ראַזירט, אָפּגעריסן־אָפּגעשליסן. און דאָ שטייט אַ שוואַרצער און פאָכעט מיט אַ פעכער. און אַלץ איז אַזוי צירלעך־מאַנירלעך. אָבער די אמתע צרות האָבן זיך אָנגעהויבן ווען מען האָט זיך געדאַרפט לייגן שלאָפן. מען גיט אים אָפּ אַ באַזונדער צימער. ריין. ציכטיק. דאָס בעט איז אַזאַ פיינס, ער האָט פשוט מורא זיך לייגן שלאָפן אין אַזאַ בעט. איז ער שוין אָפּגעשלאָפן די נאַכט אויף דער ערד. דער רייכער גוט־באַזיצער לאָזט אים אָבער ניט אַוועק מיט ליידיקן. פריער פאַר אַלץ רעדט ער אים אויס אַלמאַי ער איז געשלאָפן אויף דער ערד. ער כאַפּט דאָס בעטגעוואַנט, צעדרייט אַלצ־דינג, מאַכט אַ מושב פון גאַנצן צימער און זאָגט פּרענאָוויצן: פון איצט

אַן זאָל ער זיך לייגן שלאָפן אין בעט. ניט געקוקט אויף דעם, וואָס דער באַלעבאָס איז געווען אַן עלעגאַנטער גוט־באַזיצער, אַ מיוחס, האָט ער זיך אַרויפגעזעצט מיט דעם צרהדיקן פעדלער פּרענאָוויצן אויפן וואָגן, מיטגענומען טאַצן מיט זיך און מיט אַ געפילדער איז ער פאַרפאָרן אין שטעטל. במשך עטלעכע שעה האָט ער אויסגעפּאַרקויפט דאָס גאַנצע ביסל סחורה, וואָס פּרענאָוויץ האָט געהאַט אויפן וואָגן.

די ערשטע לידער

אָט די אַלע זאַכן האָבן זיך פאַרלאָפן מיט פּרענאָוויצן ווען ער איז אין זיינע קרייזן שוין געווען באַוואוסט ווי אַ פּאָעט. ער האָט זיך שוין געהאַט געדרוקט אין לאָנדאָנער „אַרבייטער פריינד”, אין ניו־יאָרקער „פרייע אַרבייטער שטימע” און אין אַנדערע צייטשריפטן. אין זיינע ביטערע אימיגראַנטישע יאָרן איז זיין פּאָעזיע, אייגנטלעך, געווען זיין איינציקע טרייסט.

די נייגונג צו שרייבן האָט ער שוין געהאַט אין די פריע קינדער־יאָרן. אין חדר האָט ער ליב געהאַט פאַרשרייבן אַלע ליידיקע ערטער אין די ספרים — אויף די שער־בלעטלעך, ראַנדן. ער האָט דאָרטן פאַרשריבן פאַרשיידענע לידלעך און גראַמען. דער רבי האָט זיך ניט איינמאָל באַקלאָגט פאַר פּרענאָוויצעס מאַמען. און דער מאַמעס ענט־פער איז שטענדיק געווען: „נאָט איך, איך באַצאָל פאַרן שאָדן, נאָט איך געלט, און לאָזט יאָסעלען צורו”. די נייגונג צו פּאָעזיע האָט ער געירשנט פון זיין מאַמען. אַליין האָט זי ניט געקענט לייענען און שרייבן. אָבער ווען די קינדער האָבן זיך פאַרקליבן אין מרחקים, און זי איז געבליבן איינע אַליין, האָט זי ליב געהאַט דיקטירן בריוו צו זיי, בריוו פול מיט פאַרגלייכן און בילדער. למשל: — „איך בין ווי אַ בוים אין אָסיען, וואָס זיינע בלעטער פאַלן אַראָפּ, אַזוי בין איך גע־בליבן אָן מיינע פייגעלעך”.

זיין ערשט געדרוקט ליד האָט ער דערזען אין שיקאַגע. איינמאָל איז זיין שוואָגער הערמאַן גלאַדסטאָון אַריינגעקומען מיט אַ יידישער צייטונג אין האַנט. דאָס איז געווען „דער פאָלקס־אַדוואָקאַט” פון ניו־יאָרק. ער עפנט די צייטונג און ווייזט אָן פּרענאָוויצן אויף אַ גע־דרוקט ליד. פּרענאָוויץ איז געוואָרן בלאַס און פאַרחידושט: „זע נאָר, דער נאָמען און דאָס ליד איז דאָך וואָרט אין וואָרט ווי מיין ליד!”

ער איז געוואָרן אויסער זיך: „אַ בעלנות. עמיצער האָט דאָך געגנבעט מיין ליד!" דער שוואָגער האָט אים אָנגעהויבן באַרואיקן און אים געהייסן זיך צוקוקן צום נאָמען פון מחבר. פרענאָוויץ האָט שיר ניט געחלשט. ער האָט דערזען זיין נאָמען געדרוקט. שפּעטער האָט ער זיך דערוואוסט וועגן דער גאַנצער מעשה. דער שוואָגער זיינער האָט אַוועקגעשיקט דאָס ליד אין „פאָלקס־אַדוואָקאַט" און דער „פאָלקס־אַדוואָקאַט" האָט עס תיכף אָפּגעדרוקט. יענע נאַכט איז שוין דער יונגער דיכטער ניט געשלאָפן. ער האָט יעדע ווייל אָנגעצונדן דאָס לעמפּל און זיך צוגעקוקט — איז דאָס טאַקע זיין ליד און זיין נאָמען. געווען איז דאָס אין יאָר 1892 און אַלט איז ער דעמאָלט געווען 21 יאָר. דער נאָמען פון ליד איז: „צו אַ בייבי". דאָס ליד געפינט זיך אויך אין זיינע צוויי ביכער לידער, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן: — „געדיכטע", יאָר 1910, פילאַדעלפיע, אַרויסגעבער „אָזער בראָדערס"; און — „לידער", אַרויסגעגעבן דעם 15טן מאַי, 1921, אין פילאַדעלפיע, פון י. ש. פרענאָוויץ יובליי־קאָמיטעט, צוזאַמענגעשטעלט פון אַלע יידישע צענטראַלע אַרבעטער־קערפּערשאַפטן.

אין דעם דאָזיקן ערשטן ליד זעט מען שוין דעם צוקונפטיקן פרענאָוויצן. דאָס ליד איז אַ סאָציאַל ליד. דער טאָן, אָבער, איז אַ סענטימענטאַלער, אַ פּעסימיסטישער, אַ דעפּיטיסטישער. ער ווענדט זיך צום קינד: „שלאָף זיך, מיין ליבינקע, שלאָף אין דיין רו", „זיס דיין דרעמל, פון זאָרגן — נאָך ווייט". ער דערציילט דעם קינד ווי:

די טרוימען פאַרשווינדן, דאָס גוטע פאַרגייט;
עס קומען אָן צייטן פון זאָרגן און נויט;
עס ווילט זיך דאַן שלאָפן און טרוימען זיך פריי —
עס לאָזט ניט, מען קען ניט, די צייט איז פאַרביי.

ער דערציילט דעם קינד „ווי קליינינקע קינדערלעך לויפן אַרום, באָרוועס און נאַקעט, מיט „פּעיפּערס" ביי דער זייט. דאָס יאָגט זיי, דאָס טרייבט זיי צו עלנט, די צייט". ער באַשרייבט דעם קינד „פון לעבן דעם קאַמף", דעם „שפּעטער", און ער פאַרענדיקט דאָס ליד:

ווערסט ווערן נאָר עלטער, ווערסט וויסן, ווערסט זען,
אַז איצטיקער טרוים איז דיין בעסטער געווען.
טאָ שלאָף זיך, מיין קינד — ביסט פון זאָרגן נאָך ווייט,
איצט איז צום שלאָפן דיין טייערסטע צייט.

דאָס פינצטערע אימיגראַנטישע לעבן אין אַמעריקע — שווערע אַרבעט, אָפט בלייבן אָן אַרבעט, הונגער, פּלאָגענישן, דאגות — דאָס אַלץ פאַרוואַנדלט דעם אידילישן, ווייכהאַרציקן פּרענאָוויצן אין אַ סאָציאַלן בעל־בכי. זיין ליד באַוועגט זיך אויסשליסלעך אין איין ריכטונג — צו דער סאָציאַלער דיכטונג. ווי אַ סך אַנהייבער כאַפּט ער אויף די בולטסטע סימנים אין דער דעמאָלטיקער פּאָעזיע. אַ נייע וועלט האָט זיך פאַר אים געעפנט. ער נעמט זי אויף אייפעריק ווי יעדער נאָרוואָס־באַקערטער אין אַ נייעם גלויבן. ער „דערזעט" אַ נייע זאַך. זיינע פּערזענלעכע יסורים און דער מענטשהייטס ליידן האָבן וואָרצלען, סיבות. ער דערקענט די דאָזיקע תוך־סיבות. און די געדאַנקען וועגן דעם פאַרכאַפּן זיין גאַנץ וועזן. ער ווערט אָנגעשטעקט מיט קאַמף־גרייטקייט, מיט הויכן רעטאָרישן טאָן פון וועק־ און רופלידער. ער ווערט אין זיינע לידער — אַ טריבון. אינגיכן ווייזן זיך זיינע שאַרף־קעמפערישע לידער אין דעם לאָנדאָנער „אַרבייטער פריינד". די ערשטע, וואָס ווייזן זיך דאָרטן, זיינען רעטאָרישע לידער מיט אַ הויכן אָראַטאָרישן גאַנג. זיי זיינען, אָבער, ניט געווען אָרגאַניש פאַר דעם צאַרטן פּרענאָוויצן. ניט אַלע ערשטע רעוואָלוציאָנערע לידער זיינע האָט ער אַריינגענומען אין זיין ערשט ביכל (1910). ער האָט זיי אויך ניט אַריינגענומען אין זיין צווייט בוך לידער (1921). די דאָזיקע לידער זיינען: „אַ מאָנאָלאָג פון די פרייהייט" (דעם 21סטן מאַי, 1893), „צום אַרבייטער פריינד" (דעם 21סטן יולי, 1893), „אונדזער ציל" (דעם 11טן אויגוסט, 1893), „צום יאָרצייט פון ד. עדעלשטאַט" (דעם 20סטן אָקטאָבער, 1893) און „עמין העברי" (דעם 15טן יוני, 1894). ווי פריער דערמאָנט, די אַלע לידער זיינען געווען געדרוקט אין לאָנדאָנער „אַרבייטער פריינד".

זיין ערשט ליד אין „אַרבעטער פריינד" גיט אונדז אַ גוטן באַגריף וועגן דער דאָזיקער גרופּע לידער. אַגב, דאָס איז אויך אַן אַנטי־רעליגיעז ליד, נאָכן נוסח און נאָכן גאַנצן שולחן־ערוך ביי די דעמאָלטיקע „בעזבאָזשניקעס".

אַ מאָנאָלאָג פון די פרייהייט

זעט איר די שטערן,
וואָס ברענען זאָ גערן —
אַט־די װעלכע װערן —

אין הימל געשטעלט ?
דאָרט אין די רייען,
וואו ס׳הערט זיך קיין ווייען,
קיין יאָמער־געשרייען,
אָט דאָרט איז מיין וועלט.

הערט איר, געדריקטע,
געפּלאָגטע, געשטיקטע,
אין עלנט פאַרוויגטע,
אין שמערץ און אין פּיין !
ווילט איר געניסן
אַ לעבן אַ זיסן,
קיין טרערן זאָל פליסן, —
טאָ הערט־זשע זיך איין :

באַקעמפט מיט דער וואָרהייט,
מיט שכל, מיט קלאָרהייט,
די שלעכטקייט, די נאַרהייט,
די קייט — רעליגיאָן !
די דומהייט, די עטער
פון זעלן די „רעטער",
די פרומע „פאַרטרעטער"
פון הימלישן „טראָן" !

אָט דיזע רבנים,
שמשים, דינים,
און דוכט זיך, „רחמנים"
מיט איידעלן מוט —
אָט די זייגען פּרָזסער,
גומזיסטיקע עסער,
וואָס בויען אויף שלעסער
פון טרערן און בלוט !

אָט די „שטילע טויבן"
פון אייך, די וואָס רויבן,

אין נאָמען פון גלויבן
דעם גייסט פון דעם „איך“ !
אַט די אַלע שינדער,
די געטלעכע זינדער, —
זיי, יעדן באַזונדער
פאַרשליידערט פון זיך !

פאַראייניקט, ווי ברידער,
די העצער, די גלידער,
און שטעלט זיך אַנידער
ווי העלדן — אַ מאַכט !
פאַרניכטעט די בייטן,
פון אַרמוט און נייטן,
און קעגן די קייטן
גייט, שטעלט זיך אין שלאַכט !

קיין געטער, קיין טראָנען,
קיין שווערדן, קאַנאָנען —
די קערקערס מיליאָנען
פאַרוויסטעט, צעבראָכט !
קיין הערשער, קיין „מיינע“,
קיין „יענעמס“, קיין „דיינע“,
קיין פריצימלעך פיינע
קיין הערן קיין קנעכט !

נאָך האַן, איר געדריקטע,
געפלאָגטע, געשטיקטע,
קענט ווערן באַגליקטע
אויף ערדישן רייך !
און דאַן וועל איך, פריהייט,
אין צייטן דער נייהייט —
מיט ליבע און טרייהייט
אויך קומען צו אייך !

ווען מען קוקט זיך דאָ צו צו דער טעכניק, צו דער פערזיפיקאַציע, דערפילט מען ווינטשעווסקיס איינפלוסן. מיט קליינע אויסנאַמען האָט ווינטשעווסקי בשעתו באַאײַנפלוסט אַ סך אָנהייבער־פּאָעטן, דירעקט אָדער אומדירעקט. אין פּרענאָוויצן קען מען דערפילן נאָך אַן איינ־פלוס — דעם מער עמאָציאָנעלן און רעוואָלוציאָנער־מיסטישן עדעל־שטאַטן. עדעלשטאַט איז געווען דער גייסט, וואָס צו אים האָבן זיך געצויגן די געדאַנקען פון די דעמאָלטיקע אַלע יונגע פּאָעטן. די מערסטע זיינען געקומען אין דער פּאָעזיע בעת עדעלשטאַט איז אַזוי פּאָעטיש־מאַרטירעריש יונג געשטאָרבן. עדעלשטאַט איז פאַר זיי געווען אַ לעגענדע. אַזוי איז עס געווען מיט באָוושאָווערן, אַזוי איז עס געווען מיט בנימין ראָזענבלומען, זעלינען באַבאַדן, וויליאַם קאַיזערן. אַזוי איז עס אויך געווען מיט דעם יונגן, אויפגעצאָרנטן ליריקער פּרענאָוויצן. די דעמאָלטיקע פּאָעטן האָבן געווידמעט לידער עדעלשטאַטן: באַבאַד — „צום פּאָעט" און „אין מעמאָריאַם אָוו ד. עדעלשטאַט" (טיטל אין ענגליש); י. זיילין — „צום פּאָעט"; באָוושאָווער — „צום אָנדענק פון דוד עדעלשטאַט". פּרענאָוויץ האָט אויך צוגעטראָגן זיין באַשיי־דענעם בייטראַג. זיין ליד „צום יאָרצייט פון ד. עדעלשטאַט" איז געווען געדרוקט אין לאָנדאָנער „אַרבייטער פריינד", דעם 20סטן אָקטאָבער, 1893. דאָס ליד געהערט צו דער גרופּע לידער, וואָס פּרענאָוויץ האָט ניט אַריינגענומען אין זיינע ביכער, ווי אַן אומבאַקאַנט ליד גיבן מיר עס דאָ איבער בשלימות:

צום יאָרצייט פון ד. עדעלשטאַט

שלאָף זיך, שלאָף זיך, פרייהייטס־דיכטער,
זײַן דיין יונגן רום —
אַלעס, אַרום דייך טויטן־גראַב,
איז ווי שטיינער שטום!
ביסט געפאַלן מיטן זעבל
אין דער פרייהייטס־שלאַכט!
שלאָף זיך, שלאָף זיך, בראַווער
אין דער לאַנגער נאַכט.

האָסט געלערנט וואָרהייט ליבן,
האַסן וואָס איז שלעכט.

האָסט געזונגען טרויער־לידער
פון דעם וויסטן קנעכט.
דיין שטורעם־ליד האָט אים באַצויבערט,
הימלישער פּאָעט!
שלאָף זיך, שלאָף זיך, קינד דער וואַרהייט,
אין דיין קאַלטע בעט...

דערנער האָסטו אויסגעריסן,
פון די ווילדע בייט...
און אָט דאָרטן, אין דער ווילדהייט —
בלימעלעך פּאַרזייט! —
און עס בליען יונגע בלומען —
אך, ווי שיין עס ריכט!
שלאָף זיך, רואיק, רייכער דענקער,
האָסט געטאָן דיין פליכט!

דאָך דער טויט, דער ווילדער מערדער —
האָט דיין וועלט צעשטערט!
האָט דיין יוגנט שנעל צעבראָכן
מיט זיין שרעקנס־שווערד.
דיך ענטריסן פון דיין אַרבעט —
זיסן אידעאַל!
שלאָף זיך, שלאָף זיך, ריינע זעלע
אין דעם שוואַרצן טאַל...

דיינע ברידער, וועלכע טראָגן
קייטן אָן אַ שיעור,
דיזע בלודנע, וויכטע שקלאַפן,
ריידן אָפט פון דיר —
זיי פאַרגיסן הייסע טרערן
ביי דעם אייזן שטאַב —
שלאָף זיך, שלאָף זיך — קענסטו שלאָפן
אין זיין קאַלטן גראַב?

נאָר איך הער אַ שטורעם שטימע
אין דיין „לעצטנס" ליד:
„פון מיין קבר וועל איך זינגען
פונעם קריסט און ייד".
זינגען ניט פון זאַנגען־שטראַלן
און אַ פרילינגס־בלום,
נאָר פון שווערע, שווערע קייטן —
פון דעם שקלאַפענטום!

יאָ, דו ביסט אין קאַמף געפאַלן,
ביט אַ קריגס־געשריי!
האָסט געקעמפט פאַר דיינע ברידער —
טרוימסט אין גראָב פון זיי...
האָסט געדאָנערט: „ווייטער! ווייטער!"
ווי אַ פעלדמאַרשאַל —
האָסט געפילט די שמערצן־קינדער
און דעם גליק פאַר אַל.

אַגב, — פרענאָוויץ דערמאָנט דאָ עדעלשטאַטס צוויי שורות פונעם ליד „מיין צוואה". עדעלשטאַטס „מיין צוואה" איז דעמאָלט געווען ממש פאַרגעטערט. דאָס דאָזיקע ליד מיטן נאָמען „מיין צוואה", האָבן אַ סך געמיינט, איז געווען עדעלשטאַטס צוואה, ד"ה זיין לעצט ליד. פרענאָוויץ, ווי אַלע, מאַכט אויך דעם זעלביקן טעות, ווען ער רופט עס אָן „דיין לעצטעס ליד". באמת געהערט עס גאָר צו עדעלשטאַטס ערשטע לידער. דאָס איז עדעלשטאַטס זיבעט ליד געשריבן אין יידיש.

פון דער גאַנצער גרופע לידער, געדרוקט אין לאָנדאָנער „אַרבייטער פריינד", האָט פרענאָוויץ בלויז דריי לידער אַריינגענומען אין זיין ביכל „געדיכטע" (1910). דאָס זיינען: „שלעכטע צייטן", „אַהין", „דער מענטש אַלס קינד און אַלס מאַן". אין זיין שפּעטערדיק בוך „לידער" (1921), האָט ער אַריינגענומען בלויז צוויי. ער אַליין האָט געפילט — די ברויזנדיקע רעטאָריק אין ליד איז ניט זיין עלעמענט און איז ניט אָרגאַניש פאַר זיין פּאָעטישן געמיט. ער שטילט אין די שטורעם־רעטאָריק אין זיין ליד. אפשר אומבאַוואוסטזיניק, דערציילט ער אונדז אַליין וועגן דעם ריס אין אים צווישן צוויי וועלטן, צוויי געפיל־וועלטן, וואָס רייסן אים אין פאַרקערטע ריכטונגען. אין אַ סך לידער זיינע פילט מען אָט־דעם ריס. אַפילו אין זיינע ערשטע לידער,

די ברויזנדיק־רעוואָלוציאָנערע, ווי אויך די מרה־שחורהדיקע סאָציאַלע לידער, הערט זיך שוין דער מאָטיוו פון קעגנזאָצן: דאָס רעטאָריש־רעוואָלוציאָנערע און זיין אינטימע, טרוימערישע וועלט. אין דעם ערשטן ליד, געדרוקט אין לאָנדאָנער „אַרבייטער פריינד", הערן זיך אָט די ווערטער, גלייך ביים אָנהייב:

זעט איר די שטערן,
וואָס ברענען זאָ גערן —
אָט־די וועלכע ווערן
אין הימל געשטעלט?
דאָרט אין די רייען,
וואו ס'הערט זיך קיין ווייען
קיין יאָמער־געשרייען, —
אָט דאָרט איז מיין וועלט.

נאָך בולטער דריקט ער אויס דעם זעלביקן געדאַנק אין דעם ליד „אַהין":

אַהין, וואו עס שטראַלן פון פרייהייט די ליכטער,
וואו לעבן באַלעבט אַלע מענטשן געזיכטער,
און דאָרט, וואו עס דריקט ניט פון עלנט דער שמערץ —
אַהין, דאָרטן רייסט זיך מיין פילנדעס הערץ!

אַהין, וואו עס דופטעט, אין פרילינגס־פערפיומען,
צעטראָגן זיך רייך פון די פעלדער און בלומען
און צלץ איז באַגאָסן מיט הימלישן חן —
אַהין וואָלט איך ציען, אַהין וואָלט איך גיין.

איך וואָלט דאַן געזונגען נאָר פריילעכע לידער,
דערמונטערט, באַגייסטערט די שוועסטער און ברידער,
איך וואָלט אין די הערצער געפילן געזעיט,
און פייגעלעך וואָלטן מיך הימליש באַגלייט.

איך וואָלט דאַן... דאָך שרעקלעך... דער טרוים איז פאַרפלאָסן —
איך זע נאָר די פרייהייט אין קייטן געשלאָסן!
אָ הימלען! עס פרעסט אין מיין האַרץ אַ געוויין
איך מוז דאָ נאָך בלייבן — ניטאָ וואו צו גיין!

דאָס דאָזיקע ליד „אַהין" האָט געהערט צו זיינע ערשטע לידער, געדרוקט אין לאָנדאָנער „אַרבייטער פריינד" דעם ערשטן אַפּריל, 1894. דאָך פאַרנעמט דאָ דער „איך"־מאָטיוו אַ ווינציקן אָרט. ווי שוין דערמאָנט, פּרעגאָוויצן, דעם סוביעקטיוון ליריקער, דעם כמעט „איך"־דיכטער, איז אויסגעקומען שרייבן און לעבן, ווען דער פּריוואַטער „איך"־מאָטיוו איז ניט געווען אין הסכם מיטן סביבה־גייסט און מיטן צייט־גייסט.

מיט אַטאַ־דעם ריס אין האַרצן — דעם ריס צווישן „וועלט" און „איך" — ביטער אַנטוישט, אַ צעליטענער דורך פאַרשיידענע מלאכות, און אָן מזל־ברכה, האָט ער פאַרלאָזן די דרום־שטאָטן און איז געקומען קיין פילאַדעלפיע. דאָס איז געווען אין יאָר 1895.

אין פילאַדעלפיע

וועגן פּרעגאָוויצעס לעבן אין פילאַדעלפיע געפינען מיר זייער אַ סך אויטאָ־ביאָגראַפישע מאַטעריאַלן אין זיין בוך פּראָזע „פון לעבן", 1921. דער רעאַליזם, אין די 90ער יאָרן, האָט אויף אים געהאַט אַ שטאַרקע השפּעה. אין הסכם מיטן רעאַליסטישן נוסח, האָט ער פאַרצייכנט שילדערונגען, בילדער און סצענקעס. דאָס זיינען קינסטלערישע רעפּאַרטאַזשן און דערציילונגען. אָבער פּרעגאָוויץ רופט זיי אַנדערש, טאַקע ווי מיר האָבן עס נאָרוואָס דערמאָנט. די ערשטע אָפּטיילונג רופט ער „שילדערונגען, בילדער און סצענקעס". די צווייטע אָפּטיילונג רופט ער — „אומעטיקע שמייכלען". אים איז ניט געגאַנגען אין שאַפן אַ דערציילונג. ער האָט געוואָלט איבערגעבן געשעענישן, אמתע געשעענישן פון לעבן. ער האָט זיי געוואָלט איבערגעבן דירעקט, אומפאַרמיטלט. זיי זיינען אָבער, געווען דורכגענומען מיט דער שטימונג פון אַ סענטימענטאַלן ראַדיקאַל.

ווען פּרעגאָוויץ איז געקומען קיין פילאַדעלפיע איז ער געוואָרן אַ משרת, אַ „קלוירק", אין אַ „גראָסערי", אַ שפּייז־געוועלבל. פון דער הומאָריסטישער מעשה „אַלס גראָסערי קלוירק" דערוויסן מיר זיך, אַגב, וועגן זיין „מאַכן אַ לעבן" אין פילאַדעלפיע. די, וואָס זיינען באַקאַנט מיט דער אַרבעט אין אַ „גראָסערי" אין יאָר 1894, וועלן דערקענען דעם ביטערן אמת הינטער פּרעגאָוויצעס הומאָריסטישן טאָן:

„ווי אַזוי איך בין אַ קלוירק געוואָרן ? גאָר פּשוט, איך האָב דאָן

ניט געהאַט קיין אַנדער אַרבעט, און איך האָב אויך ניט געהאַט קיין סענט ביי דער נשמה, האָב איך עס אָנגענומען דעם טייערן דזשאָב...

„געאַרבעט האָב איך פון 6 אור פרי, ביז 11 אור ביינאַכט. אויסער דעם האָב איך 6 טעג אין וואָך געמוזט אַרבעטן אַ פּאָר שטונדן אַ טאָג אָווערטיים (איבעריקע שעהען)...

„געשלאָפן בין איך אין אַ גרויסן צימער, וועלכער האָט זיך געפונען אַ ביסל העכער פון טאַפּ פלאָר. אומעטיק איז מיר דאָרטן קיינמאָל ניט געווען, ווייל גאַנצע נעכט פלעג איך דאָרטן הערן מוזיק. קעץ האָבן זיך דאָרטן יעדע נאַכט פאַרקליבן און זיי האָבן געגעבן קאָנצערט...

„קרעפּלעך עסן, זאָגט מען, ווערט אויך מיאוס... טראָץ דעם וואָס איך האָב ליב מוזיק, האָב איך אָבער די קאַצן־מוזיק מער ניט געקענט אַריבערטראָגן, און איך האָב זיך געפילט געצוואונגען צו גיין ענדיקן מיין שלאָף דאַון־סטעירז אויפן סטופּ... (אונטן, אויף דער טרעפּ).

„באַטירלעך האָט מיר דער באָס געצאָלט, אָבער וויפל מיין גע־האַלט האָט אויסגעמאַכט אַ וואָך, קאָן איך נאָך איצט ניט אויסרעכענען גענוי. מיר דאַכט זיך, אַז עס האָט „געכאַפּט" אַרום 90 סענט אַ וואָך מיט עסן".

אין דער מעשה „אַלס אַ קלוירק" דערציילט פּרענאַוויץ וועגן אַ קאָמישער געשעעניש. שיר ניט אַן אייפערזוכט־סצענע. דער פּאָעט־משרת און דער באַלעבאָס האָבן געהאַט די זעלביקע נעמען. גלייך פון אָנהייב האָט די באַלעבאָסטע אים געזאָגט „דו". ער איז דאָך בלויז אַ משרת. געווען איז זי „אַ הויכע, דאַרע יידענע, מיט איינגעפאַלענע באַקן". איינמאָל האָט זי געמיינט, אַז איר מאַן וואַלגערט זיך ערגעץ אַרום אין קראָם, גיט זי אַ זאָג: „מיר וועלן היינט גיין צו אַ באָל". דעם פּאָעט איז דורך אַ קעלט... ס'איז געשען עפּעס ערגער. דער מאַן האָט עס טאַקע דערהערט... ער איז נאַרוואָס אַריין אין קראָם. זיין ווייב, האָט ער גלייך געכאַפּט, לאַדט דעם משרת צו אַ באָל. מען האָט דעם באַלעבאָס געמוזט אויפקלערן דעם טעות: די באַלעבאָסטע האָט געמיינט שלמהן, דעם מאַן אירן, און ניט שלמהן דעם משרת. האָט מען דעמאָלט באַשלאָסן, מען זאָל דעם משרת רופן שלמה איציק. האָט זיך איינמאָל צוגעטשעפּעט אַ קונהטע: ניט אַנדערש, פּרענאַוויץ איז איר ברודער שלמה־איציק. זי האָט אַרומגעכאַפּט פּרענאַוויצן און אים געגעבן האַלדזן און קושן. ער האָט זיך קוים געראַטעוועט... מען האָט איר געמוזט אויפ־

קלערן פּאַרוואָס דער משרת הייסט שלמה־איציק... דער באַלעבאָס האָט אָבער פאַרלאָרן אַ „קאָסטימערקע".

דאָס זיינען די וויכטיקע געשעענישן, וואָס זיינען טאַקע פאָרגע־קומען אויף זיין „רייכער" שטעלע. אָבער פּרענאָוויץ האָט אויף דער דאָזיקער שטעלע ניט אויסגעלעבט זיינע יאָרן. ער האָט זיך קוים אַרויסגעראַטעוועט פון דאָרטן מיט דער גאַנצער נשמה. און שולדיק אין דעם איז געווען דער פּאָעט מנחם־מענדל דאָליצקי.

דער באַלעבאָס פונעם שפּייז־געוועלבל איז געווען אַ ייד אַ לא יוצלח, זיך קיין עצה ניט געקענט געבן מיט זיין גרויס געשעפט, מיט די „ריזיקע" פינאַנסן, און מיט די גרויסע זאָרגן, וואָס אַזאַ גרויסע אונטערנעמונג פאָדערט. שטעלט זיך דאָרט אַמאָל אַריין אַ הויכער ייד. ס'זעט אויס — אַ ייד אַ תּלמיד־חכם. פרעגט דער ייד דעם באַ־לעבאָס צי אַרבעט דאָ ניט, טשאַסעם, דער פּאָעט י. ש. פּרענאָוויץ. דער באַלעבאָס ווייסט אויף זיכער, אַז ביי אים אַרבעט ניט קיין פּאָעט. ווי איז עס גאָר מעגלעך? — אַ פּאָעט זאָל אַרבעטן און נאָך אין אַ גראָ־סערי... אָבער דאָליצקי לאָזט ניט אָפּ: מען האָט אים געגעבן אָט־דעם אַדרעס. קאָנטיק, אַלץ שטימט גענוי. איז וואו איז דער פּאָעט? ניטאָ, ניטאָ אַהין, ניטאָ אַהער. ביז דאָליצקי גיט אַ פרעג: ר' ייד, אָבער אַ משרת האָט איר? און דאָ רוקט זיך אַרויס אַ הויכער יונג, אַ לאַנגאַטש, מיט אַ זאַק קאַרטאָפל אויף די פּלייצעס, און דער באַלע־באָס ווייזט אָן אויף אים: מיסטער, אָט דאָס איז מיין משרת...

דער באַלעבאָס האָט שפּעטער געלייגט אַ סך כּבוד אויפן משרת־פּאָעט. האָט ער אים דערמיט ממש פּאַרמאַטערט. קיין גרויסער פי־נאַנסיסט איז דער 24־יעריקער פּאָעט אַליין ניט געווען, און דאָ פּיי־ניקט אים דער באַלעבאָס מיט הויכע ענינים. וועגן יעדער קלייניקייט מוז ער זיך שואל עצה זיין מיטן פּאָעט: קרעדיטן, הלוואות, סחורה, וועקסלען אאַז"וו און אין איין שיינעם פרימאָרגן האָט דער פּאָעט גע־לאָזט פאַלן אַזאַ גאָלדענע שטעלע און איז ווי אין וואַסער אַריין...

ווען מיר דערזעען אים צוריק אויפן „פּנים פון וואַסער", איז ער שוין אַ קאָנדוקטאָר אויף אַ טראַמוויי. עטלעכע יאָר האָט דעם פּאָעט באַשיינט די קאָנדוקטאָר־פאָרמע. געוואוינט האָט ער במשך יענע יאָרן ביי אַ קריסטלעכער משפּחה. ער האָט זיך דעמאָלט וויניק־וואָס גע־חברט מיט זיינע נאָענטסטע פריינד, מיטן יידישן ראַדיקאַלן עולם. פּשוט — ער האָט ניט געהאַט קיין צייט. אויך די גאָלדענע קאָנדוקטאָר־

שטעלע האָט ער שיר ניט פאַרלאָרן. איז אים זיין גרויסע ערלעכקייט בייגעשטאַנען. געווען איז די מעשה אַזאַ. די אָנגעשטעלטע פון דער טראַמוואַי־קאָמפּאַני האָבן געפירט אַ סטרייק און אים פאַרשפּילט. אַלע אַקטיווע סטרייקערס, ווי געוויינלעך זיינען געווען אויף דער „שוואַרצער ליסטע״. האָט מען זיי אָפּגעזאָגט פון דער אַרבעט. פּרענאָוויצעס נאָמען איז, פאַרשטייט זיך, אויך געווען אויף דער „שוואַרצער ליסטע״, אינאיינעם מיט די נעמען פון אַנדערע „געפערלעכע״ מענטשן. און... ס׳האָט שוין געהאַלטן דערביי, ער זאָל זיך געזעגענען מיטן קאָנדוקטאָר־מונדיר. האָט זיך אָבער זיין אָפּטיילונג־פאַרוואַלטער איינגעשפּאַרט: אָט דעם ליבן און ערלעכן פּרענאָוויצן מוז ער האָבן. און אַזוי האָבן זיינע מעלות ניט צוגעלאָזן, עס זאָל פאָרקומען אַ שינוי אין זיין לעבן... און פּרענאָוויץ איז געבליבן אַ קאָנדוקטאָר...

ביטער האָט זיך אים דעמאָלט געלעבט. יידישע ראַדיקאַלן האָבן זיך טאַקע געטרייסט מיט חלומות, גרויסע האָפענונגען, טרוימען, דאָרשט נאָך וואונדערלעכע מעשים. אָבער די צייט איז געווען אַן אומרואיקע, פול מיט אַנגסטן, אָנונגען, דערוואַרטונגען. דער גרויסער בלוטיקער יום־הדין האָט זיך געהאַלטן אין איין דערנעענטערן מיט יעדן נייעם טאָג. אָבער ווי נאָענט דער גרויסער „שטורמישער טאָג״ איז ניט געווען, איז אָבער זיין שעה געווען אַלץ אומבאַשטימט. און אין די דאָזיקע אומבאַשטימטע טעג איז געווען זייער ביטער. ביטער — אויך דעם דיכטער און אַנאַרכיסטיש־געשטימטן ראַדיקאַל — אויף די טראַמווייען פון דער גרויסער שטאָט פילאַדעלפיע.

פינצטערניש און ליכט

אין יענער פרימיטיוו־ראַדיקאַלער צייט איז די וועלט געווען געטיילט אין באַשטימטע צוויי לאַגערן. אַזוי האָט עס דער יידישער אימיגראַנטישער ראַדיקאַל געזען. אַלצדינג האָט זיך געטיילט אין צוויי: שוואַרץ און ווייס. דיווירקלעכקייט איז געווען שוואַרץ, דער טרוים — אומשולדיק־ווייס. דאָס איז געווען חל ניט נאָר אויף חלום און וואָר, נאָר אויך אויף דער נאַטור, אויף מענטשלעכע הערצער, אויף פינצטערניש און ליכט, מיט איין וואָרט, אויף אַלץ. אַזוי האָט אויך פּרענאָוויץ געזען די וועלט. אַזוי האָט ער זי אויפגענומען. נאָך אין זיין קינדהייט האָט זיך אים די וועלט באַוויזן אויף אַזאַ פרימיטיוון

אופן. און דאָ, אין דער אימיגראַנטישער אַמעריקע, האָט זיך עס נאָך מער פֿאַרשאַרפֿט, געוואָרן נאָך בולטער. זוכט פֿרעגנאָוויץ אַרויסברענגען די דאָזיקע קאָנטראַסטן אין זיינע לידער. באַאיינפֿלוסט פֿון אַנדערע דיכטער טראַכט ער אָפּט צו „טרוימט אויס", ווי ער הערט פֿאַרשיידענע שטימעס — אין דער נאַטור, וויכוחים צווישן געליבטע, פֿאָטער און קינד אאַז"וו, ער באַקליידט די סאָציאַלע געדאַנקען אין אָט־די אויסגעטראַכטע, „אויסגעטרוימטע" בילדער. די אַלעגאָריע אין זיי איז טראַדיציאָנעל. בעסער געזאָגט: די אַלעגאָריע אין זיי איז פּערזאָניפֿיצירט. און דער גאַנג איז אַ סענטימענטאַלער, באַזונדערס אין די צופֿיל־אויסגעצויגענע פּאָעמעס. ער איז אָנגעשטעקט מיט דער דעמאָלטיקער פּאָעטישער אַטמאָספֿערע: מיט אַ געוויסער פֿייערלעכקייט.

אין זיין ליד „די זון" („שטאָלצע זון, אָ, הער־אויף שיינען, הער־אויף געבן אונדז ריין ליכט...") ווענדט ער זיך צו דער זון מיטן אייביקן יאָמער:

װיסע פּרוכט, און לעבנס־קערנער
ציסטו פֿון דער ערד אָן צאָל;
און עס זאָגן דיינע בליקן:
װער עס װיל, געניסן זאָל!

דאָך, אָ, זאָננע, ביז די װאָלקנס
שניידט אַ שמערצלעכער געשריי
פֿון געדריקטע און געשטיקטע
װעלכע יאָמערן פֿון װיי.

און פּלוצעם האָבן „זיך באַוויזן ווערטער אין אַ זאָננען־שטראַל", „יעדע זילבע האָט געפֿינקלט ווי מיט גאָלדענע טינט באַטריפֿט; און געלעזן האָט ער „שטויננענד יענע צויבער־שיינע שריפֿט":

ערדן־קינד, װאָס העלפֿט דיין װיינען?
װיש זיך אָפּ דיין שמערצן־טרער!
ערשט אַריין אין לעבנס־שטורעם,
און דו װײנסט: דער קאַמף איז שװער?!

די זון אַליין „דערפֿילט" אירע „אַלע פֿליכטן", „מאַכט ליכטיק ערד און הימלען, און באַלעבט די גאַנצע וועלט". נאָכדעם קומען באַ־

שרייבונגען, רעזאָנירונגען, באַטראַכטונגען וועגן קאַמף, ליידן, וויסן. און די זון טרייסט אים:

וויין ניט, וויין ניט, זיי ניט מוטלאָז,
ערנסט, קעמפנד איז די צייט;
פייגלינג רופט מען דעם וואָס בייגט זיך,
קעמפער — דעם וואָס גייט אין שטרייט!

און אָט איז אַן אַנדער „אויסגעטרוימט" סאָציאַל ליד „נאַכט־בילדער": דער דיכטער, „אויסגעטאָן פון שווערן טרויער", טראַכט וועגן „יענעם מאָרגן, וואָס וועט ברענגען מענטשן גליק". ער זעט —

לאַנגע, בלוטיק־רויטע פאָנען
האָבן הויך, און ווילד געפלאַטערט,
און געוואָרפן זייערע ברעגן,
אין די ווינקלען פון דער וועלט;
און די גלייכהייט האָט מיט יובל
אויסגעשפרייט די שטאָלצע פליגלען,
און דער גלאַנץ פון וואַרע ליבע,
האָט געשפּיגלט זיך פאַר מיר.

און אין דעם דאָזיקן ליד קומט גלייך אויף דער קאָנטראַסט צווישן „דעם גרויסן פריידן־פייער" און די „דיקע שווערע וואָלקנס" —

ווי דער אָדלער, ווי דער שטורעם
איז מיין זעלע שטאָלץ געפלויגן,
און דער גרויסער פריידן־פייער,
האָט געפלאַקערט אין מיין האַרץ;
ענדלעך... דיקע, שווערע וואָלקנס.
האָבן אַלעס שוואַרץ פאַרצויגן,
און אַ ווילדע שרעק, און מורא
האָט געוועלטיקט איבעראַל.

עס באַווייזן זיך „שוואַרצע, בייזע שרעקנס־גייסטער", „און מיט

שרעק און ווילדע קולות״ קומען זיי צום דיכטער, „בליצן מיט בלאַנקע מעסערס״ און שפּאָטן:

ניט דער טרוים פון שטאָלצע טרוימער
　וועט פאַרניכטן אונדזער אַל־מאַכט;
ניט די פיילן פון געדאַנקען
　וועלן שטירצן אונדזער טראָן —
אונדזער טראָן איז פעסט געמויערט,
　אויף די זיילן פון דער דומהייט,
און די צייט פון אונדזער הערשאַפט,
　איז אויף אייביק אומבאַגרענעצט...

און דער דיכטער דערציילט ווייטער וועגן זיך:

און אַלץ שווערער, שווערער, מידער
　איז מיין זעלע דאַן געוואָרן,
און אין דיקן טרויער־מאַנטל
　האָב איך פעסט זיך איינגעהילט.

אָבער בעת דער דיכטער באַגיסט זיך מיט „הייסע, זודיק־הייסע טרערן״ און „באַוויינט דעם טיפן טרויער״ — באַוויזט זיך פּלוצעם אַ גייסט „מיט אַ פאַקל אין זיין האַנט״. און דער גייסט באַפעלט דעם דיכטער אויפצוזוכן פון טיפן טרויער. „טרערן היילן קיינמאָל ניט דעם שמערץ״. זאָגט דער גייסט דעם דיכטער אין חלום דאָס, וואָס מיר ווייסן וועגן דעם דיכטערס בליק אויפן לעבן — אַלץ באַשטייט פון שוואַרץ און ווייס, גוט און שלעכט אאַז״וו:

צוויי אַלמעכטיקע קאָנטראַסטן
　פירן אָן דעם לעבנס שיקזאַל;
ליכט און פינצטערניש — זיי זיינען
　אַט־די מעכטיקע קאָנטראַסטן צוויי.
לעבט די ערשטע, מוז די צווייטע
　מיט איר שוואַרצן שרעק פאַרשווינדן,
לעבט די צווייטע קען די ערשטע
　מיט איר צויבער־פּראַכט ניט זיין.

אָטאָ־דער הויפּט־מאָטיוו אין דער סאָציאַלער דיכטונג — קאָנ־טראַסטן, דאָס האָט זיך גאָר בולט אויסגעוויקלט אין פּרענאָוויצעס לידער. אָבער אין זיינע לידער פון דעם מין קומען צום אויסדרוק „זעאונגען”, וואָס ער האָט „אויסגעטרוימט”. עס ווייזן זיך גייסטער, פיגורן, צויבער־בילדער, פינצטערע וואָלקנס אאַז״וו.

אין ליד „מיינע האָפענונגען”, למשל, דערציילט ער וועגן די „שיינע לענדער, וואו די פרייהייט שטראַלט”, וואו „אויף אַ שטול פון גאָלד'נע שטראַלן, געטלעך אויסגעשניצט — דאָרטן זיצט די געטין פריי־הייט, און זי שטראַלט און בליצט”. בעת זיין „זעלע שטורעמט, רייסט זיך, ציט זיך נאָר צו איר... קלינגט פלוצעם איר זיס קול: קום, מיין קינד, צו מיר!” און ווי אין אַלע לענגערע „אויסגעטרוימטע” לידער זיינע, וואו עס הערן זיך שטימעס, דיאַלאָגן, אויסרופן, — וויקלען זיך אויך פאַנטאַסטישע זעאונגען. אין דעם איצטיקן ליד, למשל, דערציילט „די געטין פרייהייט” ווי אַזוי מען וועקט זי, זי זאָל זיך ווייזן פאַר דער גאַנצער וועלט:

פלוצלונג, ליגנד טיף געזונקען
אין דעם תהום פון צייט —
האָבן שטימען הויך ערקלונגען:
„— פרייהייט, ביסט באַפרייט!

פרייהייט, פרייהייט, שיינע געטין,
קום — פאַרלאָז דיין צעלט!
קום און ווייז זיך מיט דיין גרויסקייט,
פאַר דער גאַנצער וועלט!”

— — — — — — — — — — — — — — — —

און איך האָב דערזען מיט שטוינען,
מענטשן אָן אַ שיעור,
קומען יובלענד מיר אַנטקעגן,
און באַגריסן מיך —
אַלע פריילעך, אַלע ליבלעך,
ווי דער בלומען־דופט,
און עס האָבן הויך געקלונגען
שטימען אין דער לופט.

די שטימען באַגריסן זי, דערציילן איר: „די טעמפּלען פון טי־ראַנען ליגן שוין פּאַרוויסט", „די שוואַרצע מענטשן־גייסטער ליגן אַלע טויט, און די גלייכהייט האָט די פליגלען איבער אונדז צעשפּרייט". און די פרייהייט גענין דערציילט:

און מיט מירטן און מיט בלומען
שיינע אָנגעטאָן;
און מיט יובל מיך געטראָגן
צו דעם העכסטן טראָן...
און איך האָב דעם טראָן באַשטיגן,
פול מיט גלאַנץ און פּראַכט —
און זיי האָבן מיך אַלס „העכסטע"
איבער זיי געמאַכט.

און דאָס ליד ענדיקט זיך ווי עס האָט זיך אָנגעהויבן: מיט קאָנ־טראַסטן —

זיסע האָפענונגען מיינע,
כּאַנטאַזיען רייך;
צו די כוואַליעס פון די ימים,
זייט איר אַלע גלייך.
שטייגט איר — הרענען מיינע פריידן
ווערט מיין זעלע הייס —
הייבט איר אָבער אָן צו פאַלן,
אך, מיין שרעק איז גרויס אַזוי.

אַזוי כמעט אין דער זעלביקער שטימונג, אין דעם זעלביקן אופן קעגנשטעלן קאָנטראַסטן, ענדיקט זיך זיין ליד „ערינערונגען". פריער דערציילט ער וועגן דעם ווי אַזוי די „לאַכנדע קינדהייט" און די „פאַנ־טאַסטישע יוגנט" האָבן אים „הויך אין די הימלען פאַרטראָגן" און דאָרטן אים „ענטזיגלט" זיין גליק:

דאָך איצטער — וואו זיינען די מעכטיקע פליגלען?
וואו זיינען פון לעבן די קוואַלן?
וואו זיינען די טרוימען, וואו זיינען די בילדער,
וואו זיינען די גלענצנדע שטראַלן?

— — — — — — — — — — — — — — — —

און טרויעריק שטיי איך און בליק צו די הימלען,
וואָס זיינען מיט וואָלקן פאַרצויגן...
אַ לאַבנדע קינדהייט, פאַנטאַסטישע יוגנט,
וואו זייט איר, וואו זייט איר פאַרפלויגן ? !

אָט־דער מאָטיוו קאָנטראַסטן, פונאַנדערגעוויקלטע „אויסגעטרוימ־טע״ זעאונגען זעט מען אין אַלע לידער פון ז״עם דאָזיקן מין. בולט זעט מען זיי אויך אין אַזעלכע לידער ווי „מוזעס טרער״, „דער שטור־מער ענטפער״, „דאָס נייגעריקע קינד״.

צו דעם סאָרט לידער געהערן אַלע די, וואָס, אין די שפּעטערדיקע יאָרן, האָבן די אימפּרעסיאָניסטן, „די יונגע״, זיי געלייקנט ווי אויסגע־טראַכטע און ניט אינטים דורכגעלעבטע לידער. זיי האָבן געלייקנט די פּערזאָניפיקאַציע, די אַלעגאָריע. זיי האָבן די עצם פּערזאָניפיצירונג באַטראַכט ווי אַ צוגעטראַכטע זאַך.

לירישע לידער

פרעגאָוויץ זאָגט זיך שפּעטער ניט אָפּ פון אָט־די „פאַרגעשטעלטע״ לידער, נאָר ער באַוועגט זיך צום „פּשוטערן״ ליד. אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן דערגרייכט ער דאָס ריין־לירישע ליד, דאָס ליד פון זיינע אינטימע איבערלעבונגען. ווי באַמערקט, ער פאַרוואַרפט ניט די „אויסגעטרוימטע״ לידער. ער האַלט, אָבער, אַז ער גיט איבער, אייגנטלעך, אַלץ, וואָס ער האָט אָנגעטראָפן אין לעבן. אַזוי קלינגט טאַקע די מאָטאָ צו זיינע ביידע לידער־ביכער (יאָר 1910 און יאָר 1921):

„איך האָב אין די פעלדער פון לעבן געוואַנדערט,
און האָב דאָרטן פריידן און טרויער געפונען;
איך האָב זיי געזאַמלט, אין האַרצן באַהאַלטן,
און — דאָרט פון זיי לידער געשפּונען.

צי וועלן זיי הערצער און וועלן דערפרייען,
צי וועלן זיי הערצער און זעלן באַטריבן —
איך וויס ניט. איך וויס נאָר: איך האָב מיינע פּערזן
אין פעלדער פון לעבן געקליבן״.

אמת, וואָס ווייטער, האָט ער טאַקע זיינע „פּערזאָן אין פּעלדער פון לעבן געקליבן". אָבער ניט בלויז געקליבן האָט ער זיי. ער האָט זיי אויך „אין האַרצן באַהאַלטן, און — דאָרט פון די לידער געשפּונען".

די „אויסגעטרוימטע" לידער זיינען געווען אַ מוז אין פּרענאָוויצעס צייט. ער האָט ניט איבערגעגעבן פּשוט די טאָגטעגלעכע, אינטימע איבערלעבונגען פון אַ פאַרוואָגלטן אימיגראַנט, וואָס איז אין אַמעריקע געוואָרן אַ פּראָלעטאַריער. האָט ער זיי פאַרוואַנדלט אין „פאַנטאַזיעס" און זיי אַנגעקליידט אין „זעאונגען", אין אויסגעטרוימטע „קולות", אין אויסטערלישע געשעענישן. אָבער געצויגן האָט אים, אייגנטלעך, צו געפינען דאָס פּשוטע וואָרט. און ווען עס בייט זיך זיין לעבן, בייט זיך אויך זיין ליד. בעסער געזאָגט — דעם לידס טעמאַטיק. ער רופט זיך אַליין (אינעם ליד „מיין האַרץ", 1908) — „איך בין נאַטורס אַ פּאַר־נאָגראַף". דאָס דאַזיקע ליד הייבט זיך אָן שיין און פּשוט:

מיין האַרץ, מיין האַרץ, זי טרויערט נאָר,
מיין האַרץ, זי וויינט אין מיר!
איך האָב קיין טאָג, איך האָב קיין נאַכט,
איך האָב קיין רו פון איר.

זאָגט ער דאָרטן וועגן זיך: „און וואָס מען זינגט אַריין אין מיר, דאָס זינג איך טריי אַרויס". אויב זיין ליד איז שטענדיק „דורכגע־וועבט מיט טרויער", איז עס דערפאַר, וואָס „וויינען הער איך נאָר", וואָס „וואו איך קום, און וואו איך גיי — איך הער אַ טרויער־קלאַנג!"

צווישן זיין ערשט און צווייט בוך לידער ליגט אַ מהלך. ער זוכט פאַרשיידענע אופנים ווי צו ווערן פּשוטער, איינפאַכער, ווי אַזוי זיך באַפרייען פון רעטאָריק. און וואָס מער ער באַפרייט זיך פון רעטאָ־ריק, אַלץ לירישער ווערט ער. און גורם דערצו זיינען געווען ניט אין געשעעניש, נאָר עטלעכע: די שפּעטערדיקע שינויים אין אימיגראַנ־טישן לעבן, די נייערע יידישע פּאָעזיע און — זיין אייגן לעבן.

פּרענאָוויץ אַליין, ווי דער גאַנצער ראַדיקאַלער עולם בשעתו, איז פּשוט עלטער געוואָרן, מער איינגעסטאַלירט. עס איז פאַר דעם זעלביקן עולם קלאָר געוואָרן דער אמת וועגן דעם „גרויסן יום־הדין". די סאָציאַלע רעוואָלוציע איז דעמאָלט געווען היפּשלעך ווייט הינטער די בערג. דער סאָציאַלער פּאָעט האָט ניט פאַרוואָרפן זיינע יוגנט־טרוימען,



י. ש. פרענאָוויץ — אויף דער עלטער

זיין ראַדיקאַלן אני־מאמין. אָבער דאָס סאָציאַלע ליד האָט אויפגע־הערט צו זיין אַ מוז ביי יידישע דיכטער. דאָס סאָציאַלע ליד האָט שוין ניט באַדאַרפט העלפן גלייך אָראָפּברענגען די סאָציאַלע רעוואָלוציע. דער דיכטער האָט ניט געמוזט דינען — בלויז און אויסשליסלעך — יענער גרויסער איבערקערעניש, וואָס דאַרף בפועל־ממש היינט־מאָרגן פירן צום „לעצטן אַנטשיידענעם שטרייט". דער דיכטער האָט זיך געקענט דערלויבן „דיכטן" אויך וועגן אַנדערע זאַכן. דערביי האָט ער זיך ניט באַדאַרפט ליריש פאַרענטפערן פאַרוואָס ער „זינגט" וועגן נאַטור און אַנדערע פערזענלעכע זאַכן בעת עס „ברענט אַ וועלט", בעת דער אַרבעטער־קלאַס טרינקט זיך אין בלוט.

צוזאַמען מיט דעם און אויך ווי אַ פועל־יוצא דערפון — איז אויפ־געקומען דער אינדיווידואַליזם אין דער יידישער פּאָעזיע. דאָס איז פאָרגעקומען אַרום דעם יאָר 1907. דאָס האָט געווירקט אויף אָנפאַנגער. דאָס האָט אויך געווירקט אויף די עלטערע סאָציאַלע דיכטער. מען האָט „די דעקאַדענטן" פיינט געהאַט. מען האָט זיי אויסגעלאַכט. גע־פילט האָט מען אָבער איין זאַך: אין די אָנפאַלן מצד „די דעקאַדענטן" ליגט פאַרבאָרגן אַ שטיקל אמת. „די דעקאַדענטן" האָבן פריער פאַר אַלץ געלייקנט דאָס „אויסגעטראַכטע", דאָס „צוגעטראַכטע", דאָס „אויסגעטרוימטע" אין ליד. די „פרייהייט" זעט גאָר אויס ווי אַ „קע־ניגין", זעצט זיך אויפן הויכן זוניקן טראָן „דעס וויסן", באַשטראַלט די פינצטערניש און דערהייבט פונעם „יאָמערטאָל" אַלע געפייניקטע „מענטשקינדער". זיי האָבן פריער פאַר אַלץ געפאָדערט: דאָס איינציקע ערלעכע שרייבן איז שרייבן וועגן אייגענע דורכגעלעבטע געשעענישן און שטימונגען. און דאָס האָט געווירקט. דאָס האָט געווירקט אַפילו אויף די, וואָס האָבן זיי פאַרהאַסט. עס איז ווירקלעך זייער אינטערע־סאַנט: די אויסגעלאַכטע באַאיינפלוסן זייער אָפט די אָפּלאַכער. דאָס פאָעטישע וואָרט איז געוואָרן, ביסלעכווייז, פרייער. מ'האָט ניט געמוזט זיך פאַרנעמען אויסשליסלעך מיט סאָציאַלע טעמעס. די גאַנצע יידישע פּאָעזיע האָט זיך אָנגעהויבן באַוועגן אויפן וועג צו יחידישע מאָטיוון. ווילנדיק־ניט־ווילנדיק האָט דער שטראָם מיטגעריסן אויך די עלטערע דיכטער.

אַחוץ די צוויי נאָרוואָס דערמאָנטע סיבות אין פרענאָוויצעס אַנט־וויקלונג איז דאָ נאָך אַ דריטע סיבה — זיין פערזענלעך לעבן. דער פריערדיקער קאָנדוקטאָר אויף אַ טראַמוויי איז געוואָרן אַן אַגענט אין

אַ פֿאַרזיכערונג־געזעלשאַפֿט. ער האָט חתונה געהאַט, און זיין לעבן האָט זיך אָנגעהויבן איינשטעלן נאָרמאַל. און דאָ מאַכט זיך אַן אומ־דערוואַרטע געלעגנהייט. ער ווערט אַ מיטגליד אין אַ רעדאַקציע און פֿאַרבלייבט שוין כל ימיו אַ זשורנאַליסט. די צייטונג, וואו ער איז געוואָרן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער, האָט געהייסן „פֿילאַדעלפֿיער מאָרגן־צייטונג" (18טער יאַנואַר, 1907 — 7טער אַפּריל, 1907). ווען די צייטונג איז אונטערגעגאַנגען האָט ער זיך פּונקט דעמאָלט באַקענט מיט אַב.קאַהאַנען, דעם רעדאַקטאָר פֿון ניו־יאָרקער „פֿאָרווערטס". אין דעם שמועס, וואָס קאַהאַן האָט געפֿירט מיט אים אין פֿילאַדעלפֿיער האָטעל „גרין", האָט אים קאַהאַן צוגערעדט ער זאָל שרייבן פֿאַרן „פֿאָרווערטס": „שרייבט פֿאַר אונדז בריוו, און אין יעדן בריוו שרייבט אַיערע איינדרוקן: וועגן אַ שפּיטאָל, אַ פּאַרק, אַ שטעטל, וואו די קוילן־גרעבער וואוינען, וועגן דער מינץ וכו'."

ניט אַלע זאַכן, וואָס פּרענאַוויץ האָט געשריבן פֿאַרן „פֿאָרווערטס", זיינען געווען ראוי פֿאַר אַ בוך. ער האָט, אָבער, אויסגעקליבן די בעסערע און זיי אָפּגעדרוקט אין צווייטן בוך, וואָס דער פּרענאַוויץ יובילייקאָמיטעט האָט אין 1921 אַרויסגעגעבן לכבוד זיין 50־יאָריקן געבורנטאָג. ווי דערמאָנט — דער ערשטער באַנד באַשטייט פֿון לידער. דער צווייטער באַנד — „פֿון לעבן" — האָט צוויי טיילן. דער ערשטער טייל: „שילדערונגען, בילדער און סצענקעס"; און דער צווייטער טייל — „אומעטיקע שמייכלען". איצט רופֿן מיר עס — קינסטלערישער רעפּאָרטאַזש. טייל זאַכן קען מען פֿאַררעכענען פֿאַר דערציילונגען.

אויף דעם דאָזיקן בוך פּראָזע ליגט זיך אָפּשטעלן צוליב אַ וויכטיקן טעם. אין פּרענאַוויצעס פּאָעזיע האָט די רעטאָריק אָנגעהויבן ביסלעכווייז פֿאַרשווינדן. עס באַווייזן זיך וואָכעדיקער יחידישע מאָטיוון. אָבער זיין פּראָזע איז דורך און דורך סאָציאַל. ער האָט אָנגעהויבן שרייבן פּראָזע, מן־הסתם, אין יאָר 1908. אָבער זיין בוך פּראָזע איז אַרויס אין 1921. די גרעסטע צאָל לידער, וואָס זיינען אַריין אין זיין ערשט ביכל (1908) איז שוין געווען אָנגעשריבן. אָט־די פֿאַר פּונקטן איז אינטערעסאַנט אַרויסצוברענגען. די עלטערע דיכטער, דורכגענומען ביסלעכווייז מיט אינדיווידואַליסטישע מאָטיוון, האָבן זיך באַוועגט צום יחידישן ליד. אין דער זעלבער צייט, האָבן זיי אָפּגעוואָרפֿן זייער פֿריערדיקע באַאיוּוקייטן — אָט־אָט מאָרגן קומט־אָן די סאָציאַלע רעוואָלוציע. זיי האָבן, אָבער, קיינמאָל ניט אויפֿגעהערט טראַכטן אין סאָציאַלע, אין געזעלשאַפֿטלעכע טערמינען..

פרענאָוויץ האָט זיך בשום אופן ניט אָפּגעזאָגט פון זיינע סאָציאַלע לידער. ער האָט כמעט אַלע סאָציאַלע לידער פון ערשטן בוך אַריינגענומען אין צווייטן בוך, וואָס איז אַרויס, ווי מיר ווייסן, מיט 11 יאָר שפּעטער. ער האָט אין דער שפּעטערדיקער זאַמלונג ניט אַריינגענומען געוויסע לידער פון דער ערשטער זאַמלונג. איז עס געווען בלויז צוליב דעם, וואָס די לידער האָט ער געהאַלטן פאַר שוואַכע. אָבער ניט דערפאַר, וואָס טייל זיינען סאָציאַלע לידער. די 21 לידער אין בוך „געדיכטע" (1910), וואָס זיינען ניט אַריין אין בוך „לידער" (1921), האָט ער פאַרבראַקירט, מן־הסתם, מחמת דריי סיבות. די ערשטע סיבה איז אפשר — די „אויסגעטראַכטע" מליצה („די פאַרפאַלגטע", ז' 34; „מוזעס טרער", ז' 44; „אין דולהויז", ז' 56; „דער מענטש", ז' 67; „די יונגע שיפער", ז' 60; „אַ גליק", ז' 113; „וואו די בלומן בליען", ז' 136;). אַזוי איז, למשל, דאָס ליד:

אין דולהויז

דאָ הערט מען דעם אומגליקס פאַרביטערטסטע טרעלן,
דאָ פלאַקערט דער שמערץ, ווי מיט טויזנטער פלאַמען;
דאָ קומען זיך אימער, און אייביק צוזאַמען,
פיל זיפצנדע הערצער, און קרעכצנדע זעלן!

דאָ שפּריצן פאַנטאַזיען פון אימה, פון שרעקן,
דאָ וואַנדלען פאַרחלומטע טרויער־געשטאַלטן,
וואָס קענען די מעכטיקסטע פעלזן צעשפּאַלטן
און לאַכנדע הימלען מיט טרויער באַדעקן.

(„געדיכטע", ז' 56)

די צווייטע סיבה איז, מן־הסתם, די דייטשמערישקייט, וואָס ער האָט ניט געקענט אויסרייניקן אין געוויסע לידער. ס'איז כדאַי פאַרגלייכן די לידער אין די צוויי זאַמלונגען. מען זעט ווי אַזוי ער האָט געשטרעבט באַזייטיקן אַלע דייטשמעריזמען. און דאָס איז אייגנטלעך געווען דער גאַנג מיט דער צייט. דער יידיש אין אַמעריקע האָט זיך דאָך זייער שטאַרק געביטן במשך דעם צווייטן צענדלינג היינטיקן יאָרהונדערט. און די גורמים זיינען טאַקע געווען — די „דעקאַדענטן" און דער אויפקומענדיקער יידישיזם. ניט שווער איז פרענאָוויצן גע־

ווען צו פֿאַרבייטן „די זאַנע פלאַמט" אויף „די זון — זי פלאַמט", למשל, אין דעם ליד „די אומשולדיקע מערדערין"; „איך בין זאַ מיד" אויף „און איך בין מיד"; „די מוטער ערד האָט זיי זאַ צאַרט געהאָדעוועט" אויף „די מוטער ערד האָט זיי מיט פרייד געהאָדעוועט" אאַז"וו. שווער איז אים, אָבער, געווען איבעראַרבעטן אַ שורה, וואו דאָס דייטשמערישע וואָרט איז געווען דער גראַם; דערפאַר, איז מעגלעך, האָט ער אַזעל־כע לידער פון זיין ערשט בוך ניט אַריינגענומען אין זיין צווייט בוך. דאָס ליד „מאַי" אין בוך „געדיכטע" (ז' 32) איז, מן־הסתם, ניט אַריין אין צווייטן בוך מחמת דעם וואָרט „זעגען":

ווייל די שנייען, קעלט און רעגן
זיינען שוין פאַרביי,
און געקומען איז מיט זעגן
אונדזער ליבער מאַי.

דאָס ליד „אַ יוגנט פאַנטאַזיע" (ז' 105) איז ניט אַריין אינעם צווייטן בוך, מן־הסתם, מחמת דעם וואָרט „וואַנגען" (באַקן):

ליבלעך זיינען דיינע וואַנגען,
און פאַרהימלט איז דיין בליק;
אין דיין האַרצל הער איך קלאַנגען,
ווי פון הימלשע מוזיק.

דעם זעלביקן גורל האָט געהאַט דאָס ליד „דער נייער פסח", אפשר טאַקע צוליבן פריער־דערמאַנטן וואָרט „זעגען":

אַלע מיט די שענסטע בלומען,
וועלן לויפן אים אַנטקעגן,
און אים ברענגען פרייהייטס זעגן...

די דריטע גרופּע לידער אין ערשטן ביכל, וואָס ער האָט ניט אַריינ־גענומען אין צווייטן ביכל, זיינען עטלעכע הומאָריסטישע לידער. פרע־נאָוויצן איז הומאָר ניט געווען פרעמד. אַ סך לידער זיינע און אויך פראָזע־שטיק זיינען דורכגענומען מיט אַ דינעם הויך הומאָר. ער איז

אין זיי אויך שטיפעריש. און ער האָט טאַקע געשריבן אויך הומאָריס־טישע לידער. ווי למשל, „צו זיין ליבן נאָמען", „די הייליקע, מיין צוואה", „זי" (זז' 235־247 — בוך „לידער"). אויך הומאָריסטישע פּראָזע האָט ער געשריבן. דאָך אַזעלכע לידער ווי „אַ זומערנאַכט" (אין ניו־יאָרקער טענעמענט־הויז) — אַ ליד וועגן אַ קליין וואַנצעלע — האָט אים זיכער אויסגעזען שפּעטער צו־וואולגאַר. און וואָס־וואָס, קיין וואולגאַרער מענטש איז ער קיינמאָל ניט געווען. און די לידער „דער לאַיף־אינשורענס אַגענט", „חזנים־ליד" און מכות גערדאַנקען (זז' 181־182 אין „געדיכטע"), האָט ער זיכער באַטראַכט פאַר ניט־געראָטענע. אויך מיט די פרייע איבערזעצונגען פון היינע איז ער, מן־הסתם, געווען אומצופרידן. אויך זיי האָט ער ניט איבערגעדרוקט אין זיין צווייט בוך „לידער".

ווי מיר זעען, איז פרענאָוויץ טאַקע געווען דורכגענומען מיטן ליריש־אינדיווידועלן ליד, אונטער די „דעקאַדענטישע" השפעות. דאָך האָט ער ניט פאַרוואָרפן זיינע סאָציאַלע לידער. אויב ער האָט געוואָלט פאַרגעסן עטלעכע פריערדיקע לידער — חזרן מיר איבער — האָט ער עס געטאָן מחמת דעם, וואָס ער איז מיט זיי שפּעטער ניט געווען צופרידן.

דער וועג צום יחידישן ליד

אינטערעסאַנט איז זיך צוצוקוקן צום וועג, וואָס האָט פרענאָוויצן געפירט צום יחידישן־לירישן ליד. נאָך זיין נאָטור נאָך איז ער סיי־ווי געווען געניינגט צו אינדיווידואַליסטישער ליריק. ער איז געווען יחידיש און סענטימענטאַל. ווי מיר האָבן עס פריער געזען, האָט דאָס לעבן אין אַמעריקע צוגעגרייט פאַר אים דאָס סאָציאַלע ליד. ווי נאָר עס זיינען צוגעקומען השפעות און ענדערונגען אין זיין לעבן און אין דעם אַרום, האָט ער זיך אָנגעהויבן נייגן צום פערזענלעכן ליד. אָבער דער פּראָצעס איז ניט געווען אַזאַ איינפאַכער. — ניט נאָר ביי פרע־נאָוויצן, נאָר ביי מערסטע סאָציאַלע פּאָעטן, וואָס האָבן בייגעוואוינט דעם אויפקום פון די פאַרשיידענע מינים „דעקאַדענטן".

פרענאָוויץ האָט אין זיין צווייט בוך לידער ניט אַריינגענומען 21 לידער פון ערשטן ביכל. ער האָט אָבער אין זיין צווייט בוך נייע 47 לידער. איז אינטערעסאַנט — אַלע 47 נייע לידער ברענגען אים צוריק

צום שורש, צוריק צו יענע מאָטיוון אָדער קאָנטראַסטן, וואָס האָבן אים געמאַטערט נאָך אין דער יוגנט. דאָס קאָנקרעטע סאָציאַלע ליד טרעט אָפּ. אויף זיין פּלאַץ קומט אויף ביסלעכווייז אַ מין הומאַניטאַרי־שער מאָטיוו. בלויז עטלעכע לידער זיינען שאַרף סאָציאַל, ציל־באַוואוסט סאָציאַל. דאָס איז די סאַטירע „מיין צוואה". ער וועט איבער־לאָזן די מיליאָנערן בירושה זיין גאַנץ פאַרמעגן: דעם „אָך" און „וויי", דעם „צער" און „דלות", דעם „וויטיק", די „עלנט", די „זיפצן" און „טרערן". אויך אין דער אָפּטיילונג „קייטן און פריהייט־קלאַנגען" (אַזאַ אָפּטיילונג איז אויך פאַראַן אין זיין ערשט ביכל „געדיכטע") גע־פינען מיר בלויז צוויי נייע פריהייט־לידער. איין ליד איז — „איך זע זי אין חלום" (ז' 214). ער גיט דאָרטן איבער ווי די באַפרייטע „געטין פון פריהייט" קומט „מיט מעכטיקע פליגלען צעשפרייט, און ווערט פון פיל מחנות מלאכים און יובלען־געזאַנגען באַגלייט". ער גיט דאָרט אויך איבער אַן אַנדער חלום — „ווי זי וואַנדערט מיט לאַנגזאַמע טריט; איר האַרץ איז צעריסן, צעבלוטיקט, די פליגלען — אין קייטן געשמידט". אויף איר רוף: „צעררייסט מיינע קייטן אויף מיר", ענטפער דער דיכטער: „עס וואַנדערן פעלקער מיט לאַנגזאַמע טריט... זיי זיינען אַליין נאָך אין קייטן געשמידט!". דאָס צווייטע ליד ציטירן מיר אין גאַנצן. עס באַשטעטיקט אַפילו אונדזער באַהויפּ־טונג וועגן זיין פאַרוואַנדלען דאָס שאַרף־סאָציאַלע ליד אין אַ בלויז הומאַניטאַרישן מאָטיוו:

שוין לאַנג

שוין לאַנג פון פריהייט ניט געזונגען,
שוין לאַנג פון פריהייט ניט געטראַכט;
עס האָט דאָס לעבן זי פאַרלאַכט,
עס האָט זיין שטורעם זי פאַרקלונגען...

דאָך פּלוצלונג האָב איך זי ערבליקט —
אין טרוים איז זי צו מיר געקומען,
און האָט פיל שיינע, רייכע בלומען
ביי זיך פון האַרצן אויסגעפליקט.

און העל געקלונגען האָט איר קול:
„גיב איבער מיינע קינדער בלומען,
איך קען צו זיי נאָך איצט ניט קומען,
דאָך קומען וועל איך נאָך אַמאָל...״ (ז׳ 216)

אין דעם צווייטן בוך „לידער״ זיינען דאָ נאָך עטלעכע נייע סאָציאַלע לידער. זיי זיינען טאַקע סאָציאַלע. אָבער זייער כאַראַקטער איז ניט אַזאַ, וואָס פּאַסט זיך אַריין אין דער אָפּטיילונג „קייטן און פרייהייט־קלאַנגען״. זייער טעמע איז שוין ניט אַזוי פאַרשפּיצט. מען וואָלט זיי געקענט גרינג מצרף זיין צו אַלגעמיינע לידער פון אַ „מענטשנפריינד״. אַזוי, למשל, איז דאָס ליד „אויף אין די הימלען״. דער דיכטער דערציילט אונדז ווי אַזוי „די שוואַרצע נאַכט״ קומט הערשן, ווען די זון פאַרלאָזט „איר שיינעם הימל־טראָן״. די שטערן אין הימל — „ווי מענטשן זיינען זיי . . .״ זיי טראָגן אין זיך דעם גורל פון מענטשן:

בלויז עטלעכע נאָר גלענצן
אויך דאָרטן אין דער הויך —
די אַנדערע מיליאָנען —
ווי אומעטיק און בלייך!.. (ז׳ 102)

אַזוי איז אויך דאָס ליד „זיין זיגעס־ליד״. דער דיכטער גיט אונדז איבער ווי:

ווי הער הימל זיפצט, עס קרעכצט די ערד,
די מענטשהייט שוואַך און מיד!
און ס׳שוועבט דער גייסט פון בלוט און מאָרד,
און זינגט — זיין זיגעס־ליד (ז׳ 103)

פון זעלביקן שניט איז אויך דאָס ליד „אין די גאַסן ביינאַכט״. דער דיכטער דערציילט אונדז ווי אַזוי ער וואַנדערט אַרום „געטריבן פון עלנט און נויט״, געיאָגט פון די וועלפישע ווינטן, און ווי אַזוי שאָטנס קומען אים אַנטקעגן. אָט איז אַ וואַנדערער, וואָס „גייט ווי אין דרייען געבויגן, און ציטערט און שוידערט פון קעלט״. אויף דעם דיכטערס אַ פראַגע „וואָס טרייבט דיך אַרום דאָ ביינאַכט?״ — ענטפערט ער „צו לאַנג צו דערציילן, און וואַנדלט אַוועק זיך פאַרטראַכט״. און

אָט איז „אַ מיידל — כמעט נאָך אַ קינד", וואָס „שמייכלט מיט „ליבע" און רעדט נאָר פון לוסט — און גאָט! יעדער שמייכל צעלעכערט מיין ברוסט". (ז' 96).

אָבער דאָס רוב צוגעקומענע מאָטיוון אין באַנד „לידער" געהערן צו אַנדערע טעמעס. אמת, דאָ און דאָרטן דערזעען מיר דעם סאָציאַלן פּאָעט. די נאָרוואָס־דערמאָנטע דריי לידער האָבן מיר געפונען אין דער אָפּטיילונג „שאָטנס". דאָך זיינען פאַראַן דאָרט נייע לידער, וואָס זייער טעמע איז געווענדט צום „אַמאָל". ער קען דעם פרילינג, דערציילט דער פּאָעט, „ער איז מיר ניט ניי, ער האָט אויך אַמאָל מיט די בלומען פון מאַי, און זיסע געזאַנגען, מיין קינדהייט געפאַנגען — מיט פריידן מיין יוגנט געברענט!" „דאָך איצטער... — ענדיקט דער פּאָעט — מיך רייצט ניט זיין באַרג און זיין טאָל — מיין פרילינג איז דער אַמאָל!..." („איך קען אים" ז' 96). און אָטאָ־די שאָטן־שטימונג — „פרילינג־בלומען אין מיין האַרצן? — שוין פאַרגאַנגען יענע פראַכט!" — אָטאָ־די שטימונג כאַפּט אַרום כמעט אַלע נייע לידער.

נאָך מער צוגעקומענע לידער מיט דער זעלביקער שטימונג טרעפן מיר אין דער אָפּטיילונג „יוגנט־לידער". דאָס זיינען ס'רוב ליבע־לידער. זייערע מאָטיוון זיינען: בענקשאַפט, באַדויער, שטילע פאַרדראָסן, ליבע־ווייטיקן אאַז"וו.

אָבער מער צוגעקומענע לידער אין דעם דאָזיקן נייעם באַנד געפינען זיך אין דער אָפּטיילונג „אין פעלד און וואַלד". אין די דאָזיקע לידער איז כמעט ווי ניטאָ דער ספּעציפיש־סאָציאַלער מאָטיוו. שטאָט דעם פאַרנעמט זיך אין זיי דער פּאָעט מיט אַלגעמיינע מענטשלעכע יסורים. ער רופט אָן די אָפּטיילונג „אין פעלד און וואַלד". אָבער מאָלעריי — פעלד־ און וואַלד־מאָלעריי — וועט מען דאָרטן ניט געפינען. דאָרטן זיינען דאָ בלויז געדאַנקען, רעיונות, וואָס האָבן אַ דירעקטן שייכות מיט אונדזער לעבן. אין איטלעכן ליד איז פאַראַן אַ מיין, אַ משל, אַ וואונטש וועגן אַן ענלעכער זאַך אָדער געשעעניש אין אונדזער לעבן. פעלד און וואַלד זיינען ביי אים פאַרמענטשלעכט. ער זעט דאָרטן די זעלביקע טראַגעדיעס, וואָס אין דער מענטשלעכער וועלט. ער נעמט די נאַטור פאַר אַ טעמע כדי דאָס אַרויסצוברענגען. פאַרוואָס ווענדט ער זיך צו דער נאַטור? ער גלויבט: די שיינע נאַטור איז אַ שיינע טעמע פאַר שיינער פּאָעזיע. די ווערטער וועגן נאַטור־דערשיינונגען זיינען פּאָעטישע ווערטער. אָבער מער ווי אַלץ ווענדט ער זיך צו דער נאַטור

כדי אויסצודריקן זיינע געדאַנקען וועגן מענטשלעכע יסורים. ער וויל אונדז ווייזן יסורים אין אַן אויסערגעוויינלעך שיינער וועלט. און די נאַטור וויקלט פאַר אים פונאַנדער די דאָזיקע מעגלעכקייט. חוץ דעם אַלעם, אַלע סאָציאַלע פּאָעטן, פּרעגנאַוויצן אַריינגערעכנט, האָבן געהאַט די דאָזיקע אַלטע טראַדיציע — פּערזאָניפיצירן סאָציאַלע כוחות און קאַמפן אין נאַטור־כוחות אין נאַטור־דערשיינונגען. אַזוי באַוועגן זיך פּרעגנאַוויצעס מערסטע נייע מאָטיוון צו אַלגעמיינע מאָטיוון. אין דער זעלביקער צייט — צו דערינערונגען וועגן זיינע קינדערשע יאָרן. דעמאָלט האָבן אים באַוועלטיקט די אורשפּרינגלעכע, נאַאיווע באַגריפן און געפילן: — גליק און ליידן, פינצטערניש און ליכט, דאָס גרויזאַמע און מילדע, אמת און שקר אאַז"וו. אַזוי נאָך איז זיין פּאָעזיע געוואָרן פּערזאָניפיצירט, פּאַרמענטשלעכט. ווען ער דערציילט, למשל, וועגן אַ רויז אין קאַלטן האַרבסט, שרייבט ער איר צו מענטשלעכע אייגנשאַפטן:

זי שטייט און קוקט אַרום זיך שטיל,
און מורמלט מיט אַ וויי־געפיל:
אין מאַי צו זיין אַ גרעזל בלויז
איז בעסער ווי אין הערבסט אַ רויז.

(„אין הערבסט", ז' 20)

אין זיין ליד „דער צפון־שטורעם" (ז' 18) פּאַרמענטשלעכט ער דעם שטורעם אַזוי:

עס שטורעמט דער שטורעם, ער ברויזט,
ער קען ניט פאַרטראָגן דעם מאַי;
ער בענקט נאָך זיין היים, וואו ער האָט
געהערשט אַזוי מעכטיק און פריי!

ער בענקט נאָך די אייזבערג, די פרעסט,
נאָך ווינטן, נאָך אייביקן שניי,
און עגדלעך געשטאָרבן איז ער
פון אומעט, פון עלנט און וויי...

צווי ליליעס (אין ליד „די טראַגעדיע אין טאַל" ז' 23) זעען ביי

אים אויס ווי צוויי צאַרטע שוועסטערלעך. זייער חברטע, „אַ צאַרטע רויז", האָט פאַרלאָרן איר לעבן ביינאַכט. און די צוויי

. . . שטייען פאַראומערט, פאַרטרויערט, פאַרטראַכט
די ליבלעכע בלימעלעך צוויי;
דער טויט פון דער יונגינקער, צערטלעכער רויז
פאַרשאַפט זיי פיל טרויער און ווי;
און ס'וואַנדערן ווינטן אַרום אויף די בערג
און וואַרפן אַ שטיין נאָך אַ שטיין...
די בלימעלעך ציטערן, טוליען זיך צו
און — ס'הערט זיך אַ שטילער געוויין...

אין ליד „אַ ווינטל טראָגט אַ בלום" (ז' 24) איז די פאַרמענטש־לעכונג זייער בולט. דער גאָלדענער שטראַל, דער ווינט און די רויז פירן זיך אויף ווי פשוטע בשר־ודמס. דאָס פאַרליבטע ווינטל איז געקומען „פרי אין פעלד זיין ליבסטע זען". האָט ער באַמערקט ווי דער גאָלדענער שטראַל, וואָס האָט זיין ליבסטע, די רויז, מיט צערטלעכ־קייט געגלעט . . .

. . . האָט זי צו זיך געדריקט,
און צאַרט געקושט, געגלעט,
און זי, די בלום, איז שטיל געווען,
און האָט קיין וואָרט גערעדט . . .

און זי האָט פריי, מיט פרייד און גליק,
אַנטבלויזט איר שיינע ברוסט
פאַר אים, דעם שטראַל, וואָס האָט אין איר
געוועקט די ליבע־לוסט . . .

דער אייפערזיכטיקער ווינט טייט זיין געליבטע:

דאָך ווינט זיין האַרץ אויף איר אַצינד
און איז באַטריבט און בייז;
ער זיפצט, ער ווינט און זוכט אין טאָל
אַ קבר פאַר זיין רויז . . .

דאָס איז געווען פּרענאָוויצעס גאַנג — פון סאָציאַלן צו אַלגעמיינעם, און שפּעטער צום אינדיווידואַליסטישן, פּערזענלעכן ליד. אין אַ סך פּרטים איז דאָס ביי אים געווען אַן אומבאַוואוסטזיניקע אַנטוויקלונג. און ניט נאָר ביי אים. נאָר כמעט ביי אַלע סאָציאַלע פּאָעטן, וואָס האָבן נאָך געשריבן ביז דער טיפער עלטער. ווי דערמאָנט פריער, ווילנדיק ניט ווילנדיק — די שינויים אין אימיגראַנטישן לעבן, ווי אויך דאָס אויפגייענדיקע פּערזענלעכע ליד בכלל, האָבן געווירקט אויף זייער ווייטערדיקער פּאָעטישער אַנטוויקלונג וואָס שייך דעם טעמאַטישן מאַטעריאַל.

פּרענאָוויץ האָט במשך יאָרן זיך דערנעענטערט צום מאָטיוו, וואָס האָט אין אים געלעבט פון טאָמער אָנהייב אָן — דעם פּערזענלעכן מאָטיוו, סענטימענטאַל אויסגעדריקט. אָבער זיין סאָציאַליסטישן אַני־מאמין האָט ער ניט פאַרוואָרפן. ער איז געווען דערמיט פאַרבונדן מיט לייב און לעבן.

די רייד, וואָס מען הערט ביי יובילייען, טראָגן אין זיך גוזמא, מליצה און לויב. אָבער דאָס איז ניט חל געווען אויף די מענטשן, וואָס האָבן ביי אַ געלעגנהייט, ביי אַ יובילי, געלויבט פּרענאָוויצן. דער שרייבער פון די שורות געדענקט פּרענאָוויצעס 50־יאָריקן יובילי, וואָס די אַרבעטער־באַוועגונג אין פילאַדעלפיע האָט איינגעאָרדנט, אין 1921. ער געדענקט די אַלגעמיינע שטימונג, און די באַציאונג צום יובילאַר. געדעכט איז געווען ב. וולאַדעק, דער טאָסטמייסטער פון באַנקעט:

„י. ש. פּרענאָוויצעס יובילעאום־באַנקעט — אַ גאָרטן פון לעבעדיקע בלומען און אויפריכטיק־האַרציקע שטימונג".

„גענאָסע פּרענאָוויץ איז ניט ווי אַנדערע שרייבער ביי וועמען דאָס שרייבן איז אַ פּראָפעסיע און אויסער דעם האָבן זיי קיין זאַך ניט וואָס צו טאָן. ביי אים איז רעכט פאַרברענגען דעם אָוונט ביי אַן אַרבעטער־מיטינג און זיצן ביז פאַרטאָג און שרייבן, אָדער שרייבן ביז אין פריימאָרגן און אויפשטיין פאַרטאָג צו גיין ערגעץ אויף אַ פּיקעט־ליין אין צייט פון אַ סטרייק. דאָס איז זיין לעבן". („פאָרווערטס", דעם 17טן מאַי, 1921).

אַ קלאָרן באַגריף וועגן פּרענאָוויצעס צוגעבונדנקייט צו דער אַרבעטער־באַוועגונג גיט אונדז ש. יאַנאָווסקי, זיין אַמאָליקער רעדאַקטאָר בעת פּרענאָוויץ האָט געדרוקט לידער אין דער „פרייער אַרבייטער שטימע". שרייבט ש. יאַנאָווסקי אין דער „גערעכטיקייט", וואָס ער האָט שפּעטער רעדאַקטירט:

„די אָרגאַניזירטע און אויפגעקלערטע אַרבעטערשאַפט אין פילאַ־דעלפיע האָט מיט פולן רעכט דעם יובילעאום פון פרענאָוויץ פאַר איר יום־טוב. מיר ווייסן ניט פון קיין שרייבער, פון כלל־טוער אין פי־לאַדעלפיע, וועלכער זאָל האָבן געאַרבעט מער געטריי און מיט מער איבערגעבנקייט ווי גענ. (געגאָסע) פרענאָוויץ. מיר זיינען זיכער, אַז די פילאַדעלפיער אַרבעטערשאַפט האָט דורך דיזער פייערונג געפילט זיך אמת גליקלעך צו קענען אויסדריקן צום אַלטן, אָבער נאָך אימער יונגן פּאָעט, שרייבער, אָרגאַניזאַטאָר פרענאָוויץ איר העכסטע אנער־קענונג צו אים".

און פילאַדעלפיע האָט דעמאָלט טאַקע געפּראַוועט אַ גרויסן יום־טוב. ניט געווען קיין איין וויכטיקע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט ניט באַגריסט פרענאָוויצן: די פאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן, די אַמאַלגאַמייטעד (יוסף שלאָסבערג), דער אַרבעטער־רינג, דער פּיפּלס רעליף צענטראַלע אָרגאַניזאַציע פון סאָציאַליסטישע צווייגן, אַלע יידי־שע יוניאָנס אין פילאַדעלפיע אאַז"וו.

מיר האָבן באַטאָנט זיין אַקטיווע אַרבעט אין דער אַרבעטער־באַ־וועגונג, כדי אָנצואווייזן אויף דעם מאָדנעם פאַקט: בעת ער איז געווען ווי אַ זשורנאַליסט און כלל־טוער טעטיק געזעלשאַפטלעך, אין קאָך פון געזעלשאַפטלעכן לעבן, בעסער געזאָגט — דער צענטער פון גע־זעלשאַפטלעכן לעבן אין דער פילאַדעלפיער אַרבעטער־באַוועגונג, איז ער אין יענער צייט געווען שטאַרק גענייגט צו יחידישע מאָטיוון. ווי מיר האָבן עס פריער אָנגעוויזן — ער איז געווען אויפן וועג צו זיך, צו זיין גאָר אַמאָליקן „איך", צו די ערשטע שטימונגען זיינע ווען ער האָט אָנגעהויבן שרייבן.

די אַלגעמיינע איינפלוסן אין דער פּאָעזיע האָבן אַלעמען געעפנט די וועגן צום פּערזענלעכן ליד. אויך — דער פאַרשוואונדענער איסור אויף יחידישע מאָטיוון. אָבער מער ווי אַלץ — זיין פּערזענלעך לעבן האָט גורם געווען זיין צוריקקערן זיך צו אינדיווידואַליסטישע שטי־מונגען. נאָך פיר יאָר שווער קראַנק זיין, שטאַרבט אים זיין פרוי. דאָס ווירקט דערשיטערנדיק אויף דעם סענטימענטאַלן פרענאָוויצן. זיין ווייטערדיק לעבן האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַן אמתן גיהנום. און ס'האָט גענומען יאָרן ביז ער האָט זיך באַפרייט פון דעם דאָזיקן קאָ־שמאַר.

דעם 26טן מערץ, 1932 ציט ער זיך אַריבער קיין ניו־יאָרק.

ער ווערט דער רעדאַקטאָר פון דער טעאַטער־זייט אין „פאָרווערטס". און פון דעמאָלט אָן ביזן טאָג פון זיין טויט, מיט זעקס יאָר שפּעטער, לעבט ער גליקלעך אין דער ליבלעכער אַטמאָספער פון זיין דריטער פרוי — דער פריערדיקער העלען מולמאַן.

די לידער, וואָס ער דרוקט אין יענער צייט, זיינען אַלגעמיינע הומאַניטאַרע לידער. זיי זיינען דורכגעווייקט מיט טרויער און טרערן, מיט אַ סאָציאַלן רמז. זיי זיינען אָבער אַלץ פּערזענלעכע לידער. צו יענער צייט געהערן אויך זיינע לידער: די אויטאָביאָגראַפישע פּאָעמע „שטויב" („די פעדער", 1937), די סאַטירע „דער צדיק אין גיהנום" (וועגן ר' דוד שמעלנער — „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט", דעם 23סטן סעפּטעמבער, 1938). די אַלגעמיינע לידער זיינען אפשר זיינע רייפסטע לידער, פריי פון דער אַמאָליקער רעטאָריק, פון די אויסגעטראַכטע, „אויסגעדיכטעטע" זעאונגען. זיי זיינען קלאָר, קאָנצענטרירט, גאַנץ און שטימונגפול:

וואו איך גיי — חלומות,
שוין לאַנג, שוין לאַנג פאַרגעסענע;
וואו איך וואַנדער — שמות,
פון צייט שוין לאַנג צעפרעסענע,

אויף באַרג און טאָל, אַוואו איך קום
טראָגן שטורעמס זיי אַרום,
און ס'דוכט מיר, אַז איך הער פון זיי
אַ שטומען קרעכץ אַ וויי־געשריי

וואו איך גיי — חלומות,
פון פרייד אַמאָל געשפונענע;
וואו איך וואַנדער — שמות,
פון לעבנס־בוך אַנטרונענע,
צעטריקנט ליגן זיי צעשפּרייט
פון ביין שיקזאַל נאָך באַגלייט
און פון דעם גרויסן וועלט־פיין
אָ, ווען וועט זייער קבורה זיין?!

(„ווען?", „פרייע אַרבייטער שטימע", אַפּריל 1932)

אין אַ געגנס ווייט פֿאַרוואָרפֿן,
צווישן דערנער, פֿעלז און שטיין,
שטייט אַ ליליע, קוקט צום הימל,
און זי מורמלט מיט געוויין.

איינזאַם בין איך דאָ געבאָרן,
און מיין מזל — גאָט, ווי שווער,
האָב קיין פֿריינד ניט, האָב קיין חבר
זיך צו טיילן מיט אַ טרער.

שטענדיק בין איך דאָ פֿאַראיינזאַמט,
און מיך דריקט אַ שווער געמיט;
אָפּטמאָל פֿליט פֿאַרביי אַ פֿויגל,
הער אַמאָל אַ חיהס טריט.

זע אַמאָל אַ הונט דאָ קומען,
און אויך ער לויפֿט באַלד אַוועק;
הער דאָ בייזע ווינטן פֿייפֿן,
וואַרפֿן אָן אויף מיר אַ שרעק.

דאָך, איך וויין ניט אויף מיין שיקזאַל,
גאָט, איך קלאָג זיך ניט פֿאַר דיר;
כ'דאַנק דיר, בורא, פֿאַר די גנאָדן,
וואָס דו האָסט געטאָן פֿאַר מיר.

איין זאַך נאָר, אָ גאָט, פֿאַרלאַנג איך:
היט מיך אויס פֿון צער און שאַנד —
זאָל איך קיינמאָל ניט באַרירט זיין
פֿון אַ מענטשן־האַנט...

(„אַ תּפֿילה" — „פֿרייע אַרבייטער שטימע")

אויך דער סאָציאַלער רמז לויפֿט דורך די לידער מיט אַל־געמיינע באַטראַכטונגען. אין זיין ליד „שטורעם" (שיקאַגאָ", יאַנואַר 1938) רעדט ער:

ווינטן בייזע, שטורעמס ווילדע
קומען פון דער צוקונפט ווייט —
רייסן ביימער, דאָך, פאַרזייען
זריעה פון אַ נייער צייט...

אַזוי איז אויך דאָס מרה־שחורה־ליד „דער חלום פון דעמב". דער דיכטער פרעגט דעם דעמב פאַרוואָס ער איז אַזוי פאַראומערט, בעת „עס זינגט די וועלט". און ער הערט ווי דער בוים ענטפערט:

איך האָב אַ שוואַרצן טרוים:
געקומען איז אַ בייזער גייסט
מיט האַק און זעג אין וואַלד ביינאַכט,
און האָט פון אונדז, די ביימער דאָ,
ארונות פאַר דער וועלט געמאַכט.

צוזאַמען מיט שטימונגען ווערט בולט ווידער אויך זיין נטיה צו סענטימענטאַלקייט — שטיל, איינגעהאַלטן. „די צוויי וואַנדערער" איז אַ פערזענלעך, אַן אויטאָביאָגראַפיש ליד, געשריבן אין די ביטערסטע מינוטן פון זיין לעבן ווען ער טרעפט זיך אָן מיט אַ „מיטפילנדיקע זעל":

עס וואַנדערן נשמות צוויי
אין ווילדן וואַלד אַרום;
איינע — פון אַ צאַרטן קוש,
די צווייטע — פון אַ בלום.

זיי וואַנדערן אין וואַלד אַרום,
און זיפצן, זיפצן שווער,
און יעדערע באַזונדער לאָזט
אַרויס אַ הייסע טרער.

זיי וואַנדערן פאַראומערט, שטיל,
אין וואַלד פון אָרט צו אָרט;
זיי קוקן זיך מיט טרויער אָן,
אָך, רייִדן נית קיין וואָרט.

אָבער זיינע אויסשליסלעך פּערזענלעכע לידער, ממש פּריוואַט־יחידישע לידער, האָט ער קיינמאָל ניט פאַרעפנטלעכט. דאָס איז אַ סעריע אַרום 20 לידער, וואָס ער האָט געשריבן בעת די אומגליקלעכסטע יאָרן אין זיין לעבן. די לידער זיינען ביי אים געלעגן אַרום 10 יאָר. ער האָט זיי קיינמאָל ניט געוואָלט דרוקן. דאָ, אין די לידער, איז ער געקומען צוריק צו זיינע ערשטע סענטימענטן און צו זיין אמתער עכטער סענטימענטאַלקייט. דאָך — מען האָט שוין לאַנג געמעגט דרוקן יחידישע לידער. ער אַליין האָט עס געטאָן. אָבער פּרעצנאָוויץ איז געווען זייער איידל. ער האָט פאָרט געליטן פון אַ העמונג, וואָס די טיראַניע פון סאָציאַלן ליד האָט אַמאָל אין אים פאַרזעיט. דאָס האָט אים ניט געלאָזט דרוקן די לידער, אַפילו נאָכדעם ווען דער ענג־פּריוואַטער ש׳מער איז אינגאַנצן פאַרשוואונדן פון זיי. איך ברענג דאָ ווי מוסטערן בלויז עטלעכע לידער:

צו מיר

דו ביסט ווי אַ פרילינג געקומען צו מיר
אין טויזנטער פאַרבן געקליידט;
דו האָסט מיט דיין יוגנט מיין בענקנדע זעל
מיט הייליקע פריידן דערפרייט,
און האָסט אין מיין האַרץ זיך אַ גאָרטן געמאַכט
און בלומען פון ליבע פאַרזייט.

דאָך, ווען דו האָסט, ליבסטע, צום האַרץ מיך געדריקט,
און ווערטער פון ליבע גערעדט,
און זיך מיט די האָר מיינע צערטלעך געשפּילט
און פריידיק מיין פּנים געגלעט —
דאַן האָט מיין נשמה געמורמלט מיט וויי:
„ביסט, ליבסטע, געקומען צו שפּעט!"

איז אַנדערש אַוועק

איך וועל פאַר דיר, ליבסטער, אין וויסן דערשיינען —
אין פאַרבן פון אומשולד געקליידט;

דו ווּעסט פון מיין פריהייט צו דיר, מיין געליבטער,
מיט שטאָלץ ווערן אייביק באַגלייט".

עס וועט מיין נשמה זיך וואַרעמען ליבסטער,
מיט ליבע פון גוואַלדיקער הויך —
— — — — — — — — — — — — — — — — —
דערשיינען איז זי אין די פאַרבן פון אומשולד,
פאַרשוואונדן אין פאַרבן פון רויך !...

צעטראָטענע בלומען

בלומען האָב איך דיר געגעבן,
בלומען צאַרטע, ווייס ווי שניי —
בלומען פון מיין האַרץ געריסן
און — צעטראָטן האָסטו זיי !

זיצטער ליגן מיינע בלומען —
צאַרטע בלומען, ווייס ווי שניי —
אויף דעם מיסט אַרויסגעוואָרפן —
דאָך, עס הופטעט נאָך פון זיי . . .

זי און איך

איך האָב צערטלעך זי געטוליעט,
זי האָט מיר מיט האַס באַהאַנדעלט :
איך האָב בלומען איר געגעבן,
זי האָט דערנער מיר הערלאַנגט.

דאָך, דערהייב איך זיך אין הויכקייט,
און איך האַלט דאָרט שטאָלץ מיין קאָפּ ;
בליק אַראָפּ אויף איר מיט מיטלייד,
וואַרף פאַר איר אַ טרער אַראָפּ.

ניט גלויב

ניט גלויב, מיין פריינד, דיין ליבסטע,
איר צאַרטן וואָרט ניט טרוי;
איר יעדער וואָרט איז פֿאַלשקייט
צעגייט אין שטראַל — ווי טוי . . .

פֿאַרגעטער ניט איר שמייכל,
איר הייסן דריק צום האַרץ,
וויל טיף אין האַרץ ביי איר איז
אָט ווי דער טייוול שוואַרץ . . .

די לעצטע זעקס יאָר פֿון זיין לעבן האָבן זיך די דאָזיקע שטימונגען אויסגעברייטערט אין אַלגעמיינע וועלט און מענטש שטימונגען, וואָס וועגן זיי האָבן מיר פֿריער גערעדט. ווי באַמערקט, אין די דאָזיקע זעקס רואיקסטע יאָרן אין זיין לעבן, האָט ער אָנגעשריבן זיינע רייפֿסטע לידער. זיי זיינען ניט אינגאַנצן יחידיש־פּריוואַט ווי די נאָרוואָס ציטירטע מוסטערן פֿון זיינע ניט־געדרוקטע לידער. זיי האָבן, אָבער, אין זיך דעם יחידישן טאָן פֿון דעם אינדיווידואַליסטישן בליק אויפֿן לעבן. אַזאַ ליד איז זיין לעצט גאַנץ ליד, געדרוקט אַ דריי חדשים פֿאַר זיין טויט (נ. י. וואָכנבלאַט", דעם 4טן סעפּטעמבער, 1938). זישע ליבשטיין, וועמעס אָנדענק דאָס ליד איז געווידמעט, איז געווען דער ברודער פֿון פֿרענאָוויצעס ערשטער פֿרוי. ער האָט ווי אַ מוטער געהיט און געשירעמט דעם צעליטענעם דיכטער:

אַנטוישונג

(אויפֿן פֿרישן קבר פֿון אַ האַרציקן מענטשן, זישע ליבשטיין)

געוואַנדערט טיף אין לעבן,
געזוכט דאָרט זיסע פֿרוכט,
דאָך אַלעמאָל געפֿונען
ניט וואָס ער האָט געזוכט.

געזוכט אין לעבן שיינקייט,
וואָס זאָל אים טראָגן הויך,
וואָס זאָל זיין האַרץ דערקוויקן —
געפונען האָט ער רויך . . .

געפינקלט האָט אַ בעכער
אין גאָלדנעם זונענשיין,
גענומען צו די ליפּן —
גיפט געמישט מיט וויין.

געזען אַ באַרג פון ווייטן
ווי זילבער ווייס און קלאָר.
געקומען צו אים נענטער —
באַדעקט מיט שימל גאָר . . .

געבענקט נאָך צאַרטקייט, ליבע,
נאָך פרייד פון לעבנסקוואַל,
דערלאַנגט האָט אים דער שיקזאַל
אַ בעכער פול מיט גאַל . . .

געוואַנדערט טיף אין לעבן,
געזוכט האָרט שיינקייט, פּראַכט,
געזוכט אַ טאָג אַ העלן —
געפונען האָט ער נאַכט.

אַזוי איז געווען פרענאָוויצעס פּאָעטישער גאַנג — פון סענטימענ־טאַלקייט ביז צו מענטימענטאַלקייט, פון יחידישע לידער צו יחידישע לידער. אָבער זיין פּאָעטישע אַנטוויקלונג איז דורכגעגאַנגען דורך דער רעטאָריק פון סאָציאַלן ליד. און אפשר איז עס געוואָרן רעטאָריק ביי טייל אינדיווידואַליסטישע פּאָעטן בלויז דערפאַר, ווייל דאָס האָט די צייט זיי צוגעטראָגן, בעת זיי אַליין האָט געצויגן צו זינגען ווי דער פויגל זינגט. און אינטערעסאַנט — אויך פרענאָוויצעס גאַנג איז געווען:

אַפּוואַרפֿן די פֿריִער אָנגענומענע רעטאָריק און צוגעטראַכטע פּערזאָני־פֿיקאַציע־בילדער.

זעקס טעג פֿאַר זיין טויט (דעם 10טן דעצעמבער, 1938) האָט ער פֿאַרצייכנט פֿיר שורות, וואָס דערציילן וועגן זיין וועג צו פּשטות, וועגן זיין סענטימענטאַלקייט און וועגן זיין בליק אויף זיין פּאָעזיע:

איך זוך פֿאַר מיין ליד ניט קיין וואָרט מיט אַ קלאַנג,
איך זוך ניט געפֿליגלטע גראַמען;
איך זינג אין אַ שפּראַך, וואָס איז איינפֿאַך און קלאָר —
איך זינג אין דער שפּראַך פֿון מיין מאַמען.

אַברהם ראַדוצקי

1928 — 1873

אַבֿרהם ראַדוצקי

טרוים קעגןווירקלעכקייט

א. גלאַנץ־לעיעלעס האָט מיר אַמאָל איבערגעגעבן דעם אינהאַלט פון אַ שמועס, וואָס ער האָט געהאַט מיט ראַדוצקין, אַנהייב צוואַנציקער יאָרן. איך בין געווען זייער נייגעריק עפּעס אויסגעפינען וועגן ראַ־דוצקין. פּערזענלעך האָב איך אים ניט געקענט. איך האָב אים בלויז איינמאָל געזען פון ווייטן, ביים מיטיק־עסן אין דער ליטעראַרישער קאַפע. געזעסן איז ער איינער אַליין, אָפּגעזונדערט פון אַלעמען. דער איינדרוק איז געווען — אַ שטילער, דינער מענטש, פאַרמשפּט צו לעבן אין טומל און רעש. אַ מאָדנע איינזאַמקייט האָט מען געקענט זען אין זיינע אויגן, אויגן פול מיט פאַרדראָס. ער אַליין — צעליטן, דערשלאָגן און איידל.

„איר ווייסט, — האָט מיר גלאַנץ־לעיעלעס געזאָגט — אין ראַ־דוצקיס פּנים האָט מען געקענט דערקענען דעם פּאָעט. איך מיין ניט, מיט זיין קליידונג, האַלטונג. מערסטע פּאָעטן זעען גאָר ניט אויס ווי פּאָעטן. פאַראַן אַזעלכע, וואָס באַמיען זיך מיט אַלע כוחות אויסצוזען קינסטלעריש. זעען זיי אויס ווי אַן אָפּשפּיגלונג אין קרומען שפּיגל. ס׳רוב זיינען זיי גאָרניט קיין קינסטלערישע מענטשן. ראַדוצקי איז אָבער געווען זייער אַ תמימותדיקער מענטש, כולו פּשטות, זייער אַן ערנסטער, זייער אַ צעליטענער. אים וואָלט גאָר קיינמאָל ניט איינ־געפאַלן זיך פּוצן אין קינסטלערישן, „דרויסנדיקן" אויסזען. זיין פּנים האָט עדות געזאָגט וועגן אַ שטילן, ליידנדיקן דיכטער. ראַדוצקי האָט אויסגעזען ווי אַן אינערלעכער מענטש, ווי אַן אמתער פּאָעט".

„איינמאָל — דערציילט ווייטער גלאַנץ־לעיעלעס — האָט זיך מיר ראַדוצקי פאַרטרויט: ווען ער וואָלט איצטער אָנגעהויבן שרייבן, וואָלט זיין טרוים געווען — שרייבן ווי די אינזיכיסטן. קיין גאָר גענויע דער־קלערונג וועגן דעם האָט ער ניט געגעבן".

ווען מען באַקענט זיך נאָענט מיט ראַדוצקיס לעבן און שאַפן, קען מען זיך גריינג משער זיין, וואָס ער האָט געמיינט מיט דער לעצטער דערקלערונג. אין יענער בייער ריכטונג האָבן אַ סך מענטשן געזען כאַאָס,

טומל און אַפילו — שאַנטאַזש. פֿאַר אַנדערע איז עס אינגאַנצן געווען אומפֿאַרשטענדלעך: פּריוואַטע צייכנס וועגן פּריוואַטע איבערלעבונגען. ראַדוצקי האָט מן־הסתם געזען אין דעם עפּעס אַנדערש: מ׳קען אַוועק אין זיך, אַנטרינען. און דאָך קען מען בלייבן פֿאַרבונדן מיט דער וועלט. זען זי — אָפּגעשפּיגלט אין דעם אייגענעם „איך". שרייבן טאַקע וועגן זיך, אָבער אויך — ווי אַזוי די וועלט לעבט אין מיין אונטערבאַוואוסט־זיין, אויך אין מיין באַוואוסטזיין. מ׳קען בלייבן מיט די אייגענע טרוימען. און דאָך בלייבן פֿאַראינטערעסירט, אַפילו פֿאַרבונדן מיטן געזעלשאַפֿט־לעכן לעבן. מ׳קען דאָס דאָזיקע לעבן טיף דורכלעבן און דורכטראַכטן — אין זיך.

אויב מ׳וויל פֿאַרשטיין ראַדוצקיס רייד, דאַרף מען פֿאַרגלייכן דעם מענטשן ראַדוצקי מיט זיין „סביבה און צייט". דער פֿאַרגלייך לאָזט אונדז וויסן: אין ראַדוצקין האָט געלעבט אַ באַשטימטע סתירה. און אָט־דעם שטילן, טרוימערישן מענטשן האָט דאָס פֿאַרשאַפֿט שטענ־דיקע יסורים. נאָך דער נאַטור נאָך איז ער געווען אַ טרוימער, אַ פֿאַר־טראַגענער ראָמאַנטיקער, אינגאַנצן אַ רעפֿלעקטיווער מענטש. איז גראָד אַזאַ מענטשן אויסגעקומען לעבן אין אַמאָליקע חושכדיקע שקלאַפֿן־פֿאַבריקן, אין ביטערע אַרבעטער־קאַמפֿן, און אין שטענדיקער דחקות. ליב געהאַט האָט ער גאָר — נאַטור, חלומות, שטילע פֿריידן. און גע־לעבט האָט ער אין רויכעדיקע, טומלדיקע שטעט, אין אינדוסטריעלע שטעט. געירשנט האָט ער גאָר אַנדערע נייגונגען. ער איז געווען אַ שטילער, האָט געזוכט דערשפּירן, דערפֿילן אין זיך די אייגענע מחשבות, די אייגענע טרוימען. ער האָט אָבער אויך געירשנט די נייגונג צו מוסר און שטראָפֿרייד. דאָס אַלץ ווערט קלאָר, ווען מען באַקענט זיך מיט זיין ביאָגראַפֿיע, נאָכמער — ווען מען באַקענט זיך מיט זיינע לידער.

קינדהייט און יוגנט אין אייראָפּע

אברהם ראַדוצקי איז געבוירן געוואָרן דעם 20סטן מאַי, 1873, אין רזשישטשעוו, קיעווער גובערניע. זיין פֿאָטער, יעקב־נתן, איז געווען אַ ייד אַ למדן, און אַ חסיד. געפֿירט האָט ער זייער אַ פֿרום יידיש לעבן. אָבער מערקווירדיק — ער האָט קיינמאָל ניט אַרויפֿגעצוואונגען זיין פֿרומקייט אויף די קינדער. ווען אונדזער צוקונפֿטיקער פּאָעט האָט אַמאָל אין אַ שבת ניט געוואָלט גיין דאַווענען אין שול, האָט אים

דער פרומער פאָטער אַפילו ניט אויסגערעדט. בטבע איז דער פאָטער געווען אַן אויפגערעגטער, אַפילו אַ בייזער. צו זיינע קינדער, אָבער, איז ער קיינמאָל ניט געווען שטרענג. אָט די צוויי שטריכן מערקן זיך אויך אין אונדזער פּאָעט. ער איז געווען — שטרענג און מילד. זיין בייגונג צו „וועקן און שטראָפן" האָט ראַדוצקי דערקלערט מיט דעם, וואָס ער שטאַמט פון מגידים.

ראַדוצקיס פאָטער איז געווען אַן אַנגעשטעלטער ביים אייגענעם שווער, ר' אליהו קאַהאַנסקי. ער האָט אַכטונג געגעבן אויף דעם שווערס באַרלינעס, וואָס זיינען געגאַנגען מיט סחורות אויפן טייך דניעפּער. נאָכן שווערס טויט האָט ער פאַרלאָרן די שטעלע. ער האָט זיך באַזעצט אין דאָרף טערעשקע, ניט ווייט פון שפּאָלע. דאָרטן האָט ער ביים פּירשט וואָראָנצאָוו גענומען אין אַרענדע אַ גוט, מיט אַ בראָנפן־ברויז, סעדער און דעם טייך. ראַדוצקי איז דעמאָלט אַלט געווען אַרום זעקס יאָר. און אַזוי האָט ער זיין קינדהייט פאַרבראַכט אין דער נאַטור־סביבה, וואָס האָט אויף אים געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג. ראַדוצקי אַליין שרייבט וועגן דעם אין אַ ניט־געדרוקטער נאָטיץ: „די שטיקער פעלד פאַרזייט מיט ווייץ, דער וואַלד, וואָס האָט געטונקלט קעגן דעם זאַנגען־ים, די צוויי שיינע סעדער און דער גאָרטן גרינס, וואָס האָט זיך געצויגן פון אונדזער פּראַכטפול הויז אַראָפּ צום טייך צו, האָבן געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף מיין יונגער נשמה".

אַ סך מער איידער זיין פאַרמעלע דערציאונג ביי מלמדים און לערער, האָט די שיינע נאַטור באַאיינפלוסט דעם טרוימערישן יינגלס געמיט. דער פאָטער פלעגט פאַר די קינדער אַראָפּברענגען מלמדים אַזש פון ליטע. פאַר ראַדוצקין האָט ער אויך געהאַלטן אַ לערער אין רוסיש: דעם דיאַקאָן פון דאָרף־קלויסטער. דאָס יינגל איז געווען זייער פעאיק, אָבער דער קאָפּ איז אים ניט געלעגן אין די ביכער. אויף פאַרשיידענע אופנים האָט ער געזוכט תירוצים ווי ניט צו לערנען. זיין גרעסט פאַרגעניגן איז געווען — ליגן ערגעץ־וואו אונטער אַ בוים און חלומען.

זיין גליקלעכע קינדהייט האָט זיך שנעל געענדיקט. אַ בייזער ווינטער האָט זיך אַנגערוקט אויף די פאַרזייטע פעלדער און חרוב גע־מאַכט דעם ווייץ. די גאַנצע משפחה האָט דעמאָלט געמוזט פאַרלאָזן דאָס גוט און זיך באַזעצן אין אָבוכאָוו, ביים זיידן, דעם טאַטנס פאָטער, ר' יצחק־שלמה, דעם מגיד.

נאָכן פּאָגראָם אין 1881 האָט די משפּחה זיך אַוועקגעלאָזט קיין אַמעריקע. אָבער ווייטער ווי ביז בראָד זיינען זיי ניט דערפאָרן. זיי האָבן זיך שטאַרק אָנגעליטן אויפן וועג. האָבן זיי באַשלאָסן זיך פאַרקערעוועץ צוריק אַהיים, קיין רוסלאַנד. באַזעצט האָבן זיי זיך אין קיעוו. ראַדוצקי איז שוין דעמאָלט געווען אַ בר־מצוה־בחור. די לאַגע אין דער היים איז געווען גאָרניט קיין פריילעכע. און די משפּחה איז געווען אַ גאַנץ היפּשע: די עלטערן, זעקס שוועסטער און דריי ברידער. ראַדוצקי איז געווען דער עלטסטער, האָט ער געמוזט אָנהייבן טראַכטן וועגן תכלית. איז ער אַוועק אויף דער לער צו אַ שלאָסער. דער באַלעבאָס איז געווען אַ ייד אַ שיכור, די באַלעבאָסטע — אַ מרשעת. און אָט ביי דעם פאָר־פאָלק האָט זיך דאָס לערן־ייִנגל געענוג אָנגעליטן. פון דער נאַטור אַ שטאָלצער, מיט אַ סך זעלבסט־ווירדע, האָט ראַדוצקי זיך ניט געלאָזט באַליידיקן. ער האָט ניט געלאָזט מען זאָל זיך איבער אים איזדיעקעווען. זיין שטאָלץ איז געווען די סיבה, פאַרוואָס ער האָט זיך אין ערגעץ ניט געקענט לאַנג האַלטן. און יעדע ווילע זוכן נייע שטעלעס איז געווען זייער אַ ביטערע זאַך. איז ער זייער אָפט אַנטרונען אין ביבליאָטעק, זיך אַריינגעטאָן אין לייענען און פאַרגעסן די צרות. דער צוקונפטיקער דיכטער האָט דערפילט אַ רעטונג — אַנטלויפן פון דער טראַגישער אָרעמקייט, זיך פאַרשיכורן אין אַן אַנדער וועלט. די דאָזיקע פאַרשיכורונג האָט ער געפונען אין ביכער. דעם וואונדערלעכן סוד, די זיסע אַנטרינונג, די זיסע שכחה האָט ער געפונען אין אַ ראָמאַן. דאָס איז געווען דער ראָמאַן „די אַוואַנטורעס פון ראָקאַמבאָל“, געשריבן פון פאָנסאָן די טערייל (1829־1871). געלייענט האָט ער דעם ראָמאַן אין אַ רוסישער איבערזעצונג, אין 15 בענדער. אין אָריגינאַל האָט זיך דער ראָמאַן געצויגן איבער ניט וויניקער ווי 22 בענדער. דאָס איז געווען דער מין סענסאַציאָנעלער ראָמאַן ענלעך צו עזשען סיו׳ס „די מיסטעריעס פון פאַריז“, אָבער אָן דעם אידעאָלאָגישן הינטערגרונט און סאָציאַלן ווערט. די הויפּטעלעמענטן אין אָט־דעם אַוואַנטיורע־ראָמאַן זיינען געווען: מיסטעריעס, שוידער, שפּאַנענדיקע אינטריגעס און סענסאַציע. דער העלד אין דעם ראָמאַן איז געווען אַ פאַרברעכער, אַ פירער פון דער באַנדע „די רויטע וואַלעטן“. וואו מען דערוואַרט אים ניט, דאָרטן וואַקסט ער פלוצעם אויס, אויף אַן איבערראַשנדיק־אומפאַרשטענדלעכן אופן. ער איז פלינק ווי אַ שד, דערפינדעריש, פול מיט זעלטענע איינפאַלן. ער איז אָבער אויך „נאָבל“, רירנדיק „נאָבל“.

אויף אַ ווייל האָט דער דאָזיקער ראָמאַן געראַטעוועט דעם דערשלאָגענעם יונגן בחור. ער האָט אים אָבער שטאַרק פאַרדרייט דעם קאָפּ, פאַרכישופט. ביים אויסניכטערן זיך פלעגט ראַדוצקי אַריינפאַלן אין נאָך אַ גרעסערן טרויער. ער האָט זיך אָבער איינמאָל פאַר אַלעמאָל אָנגעטאָן אַ כוח און איז מיט גוואַלד פּטור געוואָרן פון דעם זיסן סם: — אַוועקגעוואָרפן דעם שונד־ראָמאַן אין מיטן לייענען.

די ערשטע יידישע ביכער, וואָס זיינען אים שפּעטער געקומען אין האַנט אַריין, זיינען געווען שמ״רס און בלאָשטיינס ווערק. אין גיכן האָט ער זיך אָנגעשלאָגן אויף מענדעלעס און שלום־עליכמס שריפטן. שמ״ר און בלאָשטיין זיינען שוין ניט געווען נאָך זיין גוסט נאָך. ער האָט אָבער אַלעמאָל ליב געהאַט די נאַטור, נאַטור־באַשרייבונגען. נאָך מער — ראָמאַנטיק, אויסטראַכטעניש. דאָך האָט דאָס ביטערע לעבן אים געלערנט ווי צו פאַרשטיין און שעצן מענדעלעס און שלום־עליכמס רעאַליזם.

אין יענער צייט האָט ער דערפילט אַ שטאַרקן פאַרלאַנג אַליין אויסדריקן זיינע געדאַנקען אויף פּאַפּיר. לכתחילה האָט אים געצויגן צו שרייבן פּערזן. ער האָט אָנגעשריבן די ערשטע עטלעכע לידער, אָבער ער האָט ניט געוואוסט, וואו זיי צו שיקן. ער האָט ניט געהאַט קיין איין מענטשן, וועמען ער האָט געקענט זיי באַווייזן. ווען ער וואָלט אַפילו געהאַט וואו צו שיקן, וואָלט ער עס סיי־ווי דעמאָלט ניט געוואַגט צו טאָן. חוץ לידער האָט ער אין די אָנהייב־יאָרן אויך אָנגעשריבן צוויי דערציילונגען, אַרום 70 זייטן יעדערע. ער האָט זיי קיינמאָל ניט געדרוקט.

לייענען ביכער, שרייבן לידער, דערציילונגען — דאָס איז געווען זיין גרעסט פאַרגעניגן. דער צוקונפטיקער דיכטער, צוזאַמען מיט זיין ברודער חיים — אַ יאָר און אַ האַלב יינגער פון אים — זיינען נאָך אַלץ געווען די משפחה־פאַרזאָרגער. ווי פריער דערמאָנט, — ביים שלאָסער אויף דער לער, אויך ביי אַנדערע מלאכות, האָט ער זיך לאַנג ניט געהאַלטן. אַ שוועסטערקינד האָט אים צוגערעדט זיך שטעלן אַרבעטן אין אַ פּאַפּיראָסן־פאַבריק. מיט אַ צעבראָכן האַרץ האָט דער יונגער טרוימער פאַרלאָזן די באַליבטע ביכער, די יוגנטלעכע שריפטן, און איז אַוועק אַרבעטן אין אַ פּאַפּיראָסן־פאַבריק. דער שטילער און צוריקגעצויגענער ראַדוצקי האָט זיך דאָרטן מיט קיינעם ניט געחברט, מיט קיינעם קיין עסקים ניט געהאַט. ער איז געווען אַ וועלט פאַר זיך אַליין.

אין ענגלאַנד

אינגיכן האָבן זיך אין זיין סביבה פאַרשפּרייט קלאַנגען: — אין גלאַזגאָו, שאָטלאַנד, האָט זיך געעפנט אַ גרויסע פּאַפּיראָסן־פאַבריק. מען קען דאָרט זייער גוט פאַרדינען. איז ראַדוצקיס יינגערער ברודער, חיים, אַוועקגעפאָרן אַהין. אין אַ יאָר אַרום איז ראַדוצקי אויך אַהין אַוועק. געווען איז ער דעמאָלט אַלט אַ יאָר 17. צוזאַמען מיט אים זיינען געפאָרן אַרום אַכט בחורים, צווישן זיי עטלעכע סטודענטן. איינער האָט געהאַט אַן אַדרעס פון אַ לאַנדסמאַן. איז חברה טאַקע צו אים פאַר־פאָרן. דאָס איז געווען אויף 150 סטאָקוועל סטריט. די נייע פּאַפּיראָסן־פאַבריק, די „מיטשעלס סיגאַרעט פעקטאָרי", האָט באַשעפטיקט בערך 500 מענער און פרויען. אָט אין דער פאַבריק האָבן די יונגע אי־מיגראַנטן געשקלאַפט פון פרימאָרגן ביז גאָר שפּעט אין דער נאַכט. דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען אין יאָר 1890.

אין ענגלאַנד האָט זיך ראַדוצקי באַקענט מיט דער אָרטיקער יידישער פּרעסע, וואָס האָט זיך געהאַלטן ערשט אין אַנטוויקלען. די ראַדיקאַלסטע צייטשריפט איז דעמאָלט געווען דער לאָנדאָנער „אַרבע־טער פריינט". זיינע דערפאַרונגען אין פאַבריק, דער שאַרפער קאָנ־טראַסט צווישן אָרעם און רייך, די אויפגייענדיקע אַרבעטער־באַוועגונג — דאָס אַלץ האָט באַוועלטיקט זיין געמיט. נאָך דער נאַטור נאָך אַ סענסיטיווער, האָט די ווירקלעכקייט אים זייער שטאַרק באַווירקט. די איבערהאַנט אין זיינע לידער האָבן פאַרנומען די סאָציאַלע מאָטיוון. זיין ערשט ליד, „די געלט־זעק", געדרוקט אין לאָנדאָנער „אַרבעטער פריינט", איז טאַקע געווען אַ סאָציאַל ליד נאָכן דעמאָלטיקן נוסח:

די געלט־זעק

זאָ לאַנג די אַרבעטער וועלן די רעדער דרייען,
און די בויערן די פעלדער זייען,
און משרתים דינען טריי,
און די מיינער פון דר'ערד קוילן רויען,
און די בריקלער פאַר אונדז הייזער בויען, —
קענען מיר הערשן פריי.

זאָ לאַנג „שטימקאַסטן" וועט עקסיסטירן,
און רעפאָרמער רעפאָרמירן,
בלויז רעקלעך היטן פריי,
און דאָס פאָלק אין הימעל בליקן,
דעם פון אויבן ביטעס שיקן, —
קענען מיר הערשן פריי.

זאָ לאַנג „שטימקאַסטן" וועט עקסיסטירן,
וועלן מיר צוואַרפן אַ שטיקעלע ברויט
און די „פרעס" דערביי
וועט אונדז שמייכלען, וועט אונדז לויבן,
אונדזער גוטסקייט ביזן הימעל הויבן, —
קענען מיר הערשן פריי.

זאָ לאַנג דער אַרבייטער וועט ניט פילן,
אַז נאָר אין זיין אייגן ווילן
ליגט די מאַכט צו הערשן פריי,
און וועט שווייגנד די קייטן טראָגן,
ליידן הונגער, ליידן פלאָגן, —
קענען מיר הערשן פריי...

ער אַליין האָט געשוואוירן, ער וועט אָפּגעבן דאָס לעבן דער גע־רעכטיקייט, דעם טרוים פון צוקונפטיקע „וועלטן". ער דריקט עס אויס אין זיין ליד:

צו דער פרייהייט

זינט כ'האָב דיר געגעבן מיין האַנט,
געוואָרן דיין קינד, דיין געליבטער,
ברענט אין מיין הערצן ווי פייער און בראַנד
אַ ליבע צו די מענטשהייט בעטריבטער.

כ'געפין ניט קיין טרייסט און פריילעך געזאַנג,
ס'מאַכט בלויז מיין שמערץ עטוואָס לינדער

ס'צערייסט מיין נשמה אַן אומעטיקער קלאַנג
אַ קלאַנג פון הײמלאָזע, עלנטע קינדער.

כ'געפין קיין רו וואו איך זאָל ניט זיין,
נאָר דער שלאָף, וואָס קומט אויך אַזוי זעלטן,
וויגט איין אויף אַ ווײלע מיין שמערץ און מיין פּיין,
מיין טרוים פון צוקונפטיקע וועלטן.

איך בין ביים ים אָדער אַ שטילינקן טייך
אָדער אין גאָרטן צווישן בליענדע קווייטן
דענק איך נאָר פון דיר, מיין הימלישע רייך,
און פון די שקלאַפן געשמידטע אין קייטן.

צו זיינע ערשטע לידער געהערן: „מיינע קעניגע" („אַרבעטער פריינד", דעם 25סטן אָקטאָבער, 1895) „מיין מוזע" (דאָרט, דעם 31סטן יולי, 1896), „געדאַנקען" (דאָרט, דעם 28סטן פעברואַר, 1896), „צו־ריק אויף דר'ערד" (דאָרט, דעם 27סטן מערץ, 1896), „אַמאָל און היינט" (דאָרט, דעם 15טן מאַי, 1896), „העלפט פאַריאָגן דעם דלות" דאָרט, דעם 4טן סעפּטעמבער, 1896), „איך און מיין פעדער" (דאָרט, דעם 2טן אָקטאָבער, 1896). „דאָס קעמפנדע מיידל" (דאָרט, דעם 23סטן אָקטאָבער, 1896).

אין די 90ער יאָרן, אויך פריער, זיינען ס'רוב יידישע פּאָעטן אין ענגלאַנד און אין אַמעריקע געווען אינגאַנצן פאַרנומען מיט סאָ־ציאַלע מאָטיוון. מען האָט עס אויך דערוואַרט און אַפילו געפאָדערט. ניט געקוקט אויף דעם האָבן פּאָעטן, באַזונדערס סאָציאַלע פּאָעטן, גע־האַלטן פאַר נייטיק זיך פאַרענטפערן פאַרוואָס זיי שרייבן לידער. וועגן לירישע לידער — איז דאָך אָפּגערעדט. אַ ליטעראַטור מוז דינען איין צוועק: „פאַרבעסערן די וועלט". און פּאָעטן טאָרן זיך ניט אָפּגעבן מיט פערזענלעכע איבערלעבונגען. דעם פּאָעטס עובדה האָט געזאָלט באַשטיין אין וועקן, רופן, „דערהייבן" די „שטאַרקע מאַכט", וואָס לעבט אין פאָלק. און אויב זייערע לידער ווערן צייטנווייז „פאַרפאַסט אָן טאַלק", איז דאָס ניט זייער שולד. די פאַרענטפערונג איז געווען: „אונדזער לעבן איז אויך אָן טאַלק". —

דער פֿאָלקס־זינגער

איך בין אַ קינד פֿון פּראָסטן פֿאָלק
איך זינג מיר פּראָסטע לידער;
און זײַנען זיי פֿאַרפֿאַסט אָן טאַלק,
באַשולדיקט מיך ניט, ברידער.

אונדזער לעבן איז אויך אָן טאַלק,
אָן ליכט דאָס גאַנצע לעבן:
נו, ווי קען אַ לײַדנד פֿאָלק
אײַך בילדער העלע געבן?

אַ פֿאָלק וואָס לײַדעט אימער נויט,
פֿון פֿרײַהייט גאָר ענטריסן,
און עסט מיט שווייס זײַן שטיקל ברויט
און יערט באַרויבט, באַריסן.

עס שפּאַסט פֿון אים אַ יעדער נאַר,
אַ יעדער ביטרער לויבט אים:
און מאַכט זיך צו און ווערט זײַן האַר,
באַטרינקט אים און פֿאַרטרויט אים.

עס רײַט אויף אים נאָר ווער עס קאָן,
ווער אָרעם אין געוויסן,
און בויעט זיך אויף אים זײַן טראָן,
און לעבט אַ טאָג אַ זיסן.

דאָך לעבט אין פֿאָלק אַ שטאַרקע מאַכט,
מען מוז איר נאָך ערהייבן:
און האָט דאָס פֿאָלק פֿון שלאָף ערוואַכט,
דאַן קעמפֿן טיגערס, לייבן.

דאַן היט זיך פֿאַר דעם גרויסן שטורעם,
פֿאַר די דונער־קנאַלן:
און דער הויכער טראָן און טורעם
ווערן אויף פּראַך צעפֿאַלן...

דער „פּאָלקס־זינגער" ראַדוצקי האָט אַליין געגעסן „מיט שוויס זיין שטיקל ברויט", געוועזן „באַרויבט, באַריסן"; ער האָט אַ פּאַר־צווייפלטער געוואָרנט „און האָט דאָס פּאָלק פון שלאָף דערוואַכט, דאַן קעמפן טיגערס, לייבן". אָבער אין האַרצן, טיף אין האַרצן, איז ער געווען אַ שטילער, אַ „זינדיקער" ליריקער. און שווער איז אים גע־ווען צו שטילן זיין דאָרשט נאָך „ריינער" פּאָעזיע „אָן טענדענץ". דער ליריקער אין אים איז אָפט בייגעקומען דעם ראַציאָנאַלן דיכטער. ער האָט זיך דערלויבט ניט נאָר שרייבן לירישע לידער „אָן טענדענץ" — נאָר זיי אויך פּאַרעפנטלעכן. ער אַליין דערציילט: „דאָס האָט מיך אָפט געבראַכט אין אַ טראַגישן צושטאַנד. איך פלעג אָוועקשיקן די אומשולדיקע לידער אין „אַרבעטער פריינט". האָט מען מיר געענט־פערט: „עס טויג ניט" אָדער „נישט פאַר אונדז". און אַוועקשיקן די אַרבעטער־לידער אין די אַנדערע צייטונגען, האָב איך אויך געהאַט אומגעפער אַזאַ ענטפער. ביז איך האָב מיך אַ ביסל אויסגעגרינט און געוואוסט וואוהין צו שיקן".

עס איז ניט געווען קיין איין צייטונג אָדער זשורנאַל אין ענגלאַנד, וואו ראַדוצקי האָט ניט געדרוקט זיינע לידער אָדער סקיצעס. דאָס רוב — אונטער די נעמען: ראַדיז, אַ. ר., איש גלאַזגאָ, אַ גלאַזגאָווער אידענע. הומאָריסטישע זאַכן פלעגט ער דרוקן אונטערן נאָמען — משהלע.

דער מענטש פון מעשים

בעת ער האָט דערפילט אין זיך דאָס פּאָעטישע באַוואוסטזיין, בעת זיין טרוים צו ווערן אַ פּאָעט האָט געהאַלטן אין ווערן פאַרווירקלעכט, פונקט דעמאָלט האָבן די אומשטענדן אים געצוואונגען צו ווערן אַ מענטש פון מעשים.

נאָך עטלעכע חדשים אין גלאַזגאָ, קומט אים שוין אויס צו ווערן אַ פּיאָנער אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג פון דער דאָזיקער שאָטלענדישער שטאָט. ער איז געווען צווישן די ערשטע, וואָס האָבן אָרגאַניזירט די אַרבעטער און געפירט זייערע סטרייקס.

אין די עטלעכע חדשים, וואָס ראַדוצקי האָט געאַרבעט אין דער פאַבריק, האָט זיך אים און זיינע פריינד איינגעגעבן באַווירקן די אַר־בעטער — אַלץ יידישע אימיגראַנטן. די אַגיטאַציע האָט מען געפירט קעגן די באַלעבאַטים, קעגן די שווידערלעכע אַרבעט־באַדינגונגען,

קעגן דער אומברחמנותדיקער עקספּלואַטאַציע. מ׳האָט דעמאָלט באַ־שלאָסן פאַררופן אַ מאַסמיטינג און זיך אָרגאַניזירן אין אַ יוניאָן. אויף דעם מיטינג האָט מען ראַדוצקין דערוויילט פאַרן פּרעזידענט און סעקרעטאַר.

נאָך דעם ווי מען האָט אָרגאַניזירט די אַרבעטער אין „מיטשעלס סיגאַרעט פעקטאָרי״, האָבן די אַרבעטער אין אַ צווייטער פּאַפּיראָסן־פאַבריק זיך אויך אָנגעהויבן אָרגאַניזירן. אין גיכן האָט די יוניאָן גע־האַט אַרום זיבן־אַכט הונדערט מיטגלידער. מיטשעל, דער באַלעבאָס פון דער פאַבריק, האָט זיך דערשראָקן פאַר דער יוניאָן. ער האָט גע־נומען טעראָריזירן די אַרבעטער. כדי צווינגען מיטשעלן אָנערקע־נען די יוניאָן, זיינען די אַרבעטער אַרויס אין סטרייק. נאָך עטלעכע וואָכן האָט מיטשעל זיך אונטערגעגעבן און איינגעשטימט צו פאַרהאַנד־לען מיט דער יוניאָן. און אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן דער קאַפּיטל אָר־גאַניזירטע יידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין גלאַזגאָו. דער באַלעבאָס און דער פאָרמאַן האָבן געוואוסט, אַז ראַדוצקי איז געווען דער אי־ניציאַטאָר, אָדער איינער פון דער קליינער צאָל איניציאַטאָרן. דאָך האָבן זיי אים הויך געשעצט. אין זאַך האָבן זיי געוואוסט: ראַדוצקי איז אויסערגעוויינלעך ערלעך און איידל.

יאָרן נאָכדעם ווי מען האָט אָרגאַניזירט די אַרבעטער אין מיטשעלס פאַבריק, האָט דער באַלעבאָס, מיטשעל, איינגעפירט מאַשינען. דער פאָרמאַן האָט דעמאָלט אַריינגערופן ראַדוצקין, ראַדוצקיס שוועסטער־קינד, נאָך עטלעכע געציילטע אַרבעטער, און זיי דערקלערט: אין אַ וואָך אַרום וועט מען אַ העלפט אַרבעטער אָפּזאָגן פון די שטעלעס. דער פאָרמאַן האָט זיי פאַרגעשלאָגן בלייבן, אַכטונג געבן אויף די מאַשינען. ראַדוצקי איז דעמאָלט שוין געווען אַ פאָטער פון פיר קינדער. די אויס־זיכטן צו געפינען אַרבעט ערגעץ־וואו אַנדערש זיינען געווען זייער שלעכטע. דאָך האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון דעם „כבוד״ צו בלייבן מיט די „אויסדערוויילטע״. ער האָט פאַרלאָזן די פאַבריק מיט די ערשטע אָפּגעזאָגטע אַרבעטער. די בקשות און ברייוו מצד דעם באַלעבאָס האָבן ווייניק וואָס געהאָלפן.

נאָך אַ צייט אַרומגיין ליידיק, האָט מען אים אָנגעהויבן צורעדן, ער זאָל ווערן אַ סוחר. מעשה שטן האָבן די ערשטע סוחרישע פּרוּוון זייער שלעכט געווירקט אויף אים. דער גאַנצער ענין מסחר האָט אים זייער שטאַרק דערנידעריקט און אים פאַראומערט דאָס לעבן. ער

האָט לכתחילה פיינט געהאַט האַנדל־וואַנדל. דאָס האַרץ איז געווען פול מיט פאַרדראָסן, און אין קאָפּ — לידער און טרוימען. זיין שיקזאַל האָט זיך געהאַלטן אין איין בייטן: מסחר און אַרומגיין ליידיק, על־פּי־רוב — אַרומגיין ליידיק.

פאַראַן ביי אים, אַגב, אַ ליד, וואָס דריקט אויס די דאָזיקע שטימונג:

צי דו ווייסט

צי דו ווייסט, וואָס עס הייסט,
ליידיק אַרומצוגיין,
אָן אַ היים, אָן אַ פיים,
מיט קיינעם ניט אומצוגיין?

צי דו פילסט, ווען דו ווילסט
ס'לייב זיך דערוואַרעמען,
און דיר פעלט אין דער קעלט
אָן אָרט און דערבאַרעמען?

צי דו עסט, ווען דו עסט,
הונגערן אָן אַנדערן?
צי דו ווייסט, וואָס עס הייסט
איינזאַם אומוואַנדערן?

די קאָרעספּאָנדענצן, וואָס ער האָט אָנגעהויבן שיקן אין פּעטער־בורגער „פריינד" (אונטערן נאָמען ראַדיז), די לידער — דאָס האָט דאָך זיכער ניט געקענט פאַרזאָרגן אים און זיין משפחה. עס איז אים געווען זייער שלעכט, און וואָס אַ טאָג, אַלץ ערגער און ערגער. ער האָט דעמאָלט קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט ווי אויסוואַנדערן קיין אַמעריקע. אפשר וועט ער זיך דאָרטן צושלאָגן צו עפּעס.

אין אַמעריקע

אין דעם נייעם לאַנד איז ראַדוצקי אָנגעקומען אין 1906. אַ פּאָר וואָכן האָט ער געאַרבעט אין דעם טעגלעכן „אידישן קוריער", אין שי־קאַגאָ. אין גיכן איז ער אָבער אַוועק קיין פילאַדעלפיע. דאָרטן האָט ער מיטגעאַרבעט אין דער „מאָרגן ציימונג". דאָס איז געווען אַ נייע

צייטונג, געגרינדעט פון אָזער בראָדערס, אין 1907, אונטער דער רעדאַקציע פון ישראל ציוני. מיט אָט־דער צייטונג איז ראַדוצקי געווען פאַרבונדן אַזוי לאַנג, ווי זי האָט עקסיסטירט. ער האָט דאָרטן געשריבן אַרטיקלען, לידער, סקיצעס, גראַמען, איבערזעצונגען — מיט איין וואָרט אַלץ, וואָס מען האָט געפּאָדערט. נאָך דריי חדשים האָט זיך די צייטונג פאַרמאַכט. זינט דעמאָלט האָט אים אָנגעהויבן גיין מיטן פוטער אַראָפּ. שווער איז אים געווען זיך צושלאָגן צו עפּעס ממשות־דיקס. און דאָ האָט ער אַראָפּגעבראַכט קיין אַמעריקע זיין משפחה — אַ פרוי, דריי טעכטער און אַ זון. דאָס לעבן האָט דעם שטילן דיכטער געבראַכט ממש צו אַן אָפּגרונט.

זיך אָפּגעבן מיט ליטעראַרישער אַרבעט, אַזוי ווי ער האָט געטרוימט, — דאָס האָט ראַדוצקי קיינמאָל ניט דערגרייכט. אַ שטילער, אַ צוריקגעצויגענער, האָט ער במשך 30 יאָר ניט באַוויזן אַרויסגעבן אין בוך־פאָרם כאָטש אַ טייל אָנגעשריבענע לידער. זיינע זאַכן זיינען צעוואָרפן אין פאַרשיידענע צייטשריפטן: אין דער „פרייע אַרבעטער שטימע", „דאָס אידישע פאָלק" (אונטער ד"ר י. וואָרטסמאַנס רעדאַקציע), „דער אידישער קעמפּער", „וואָרהייט", „טאָג", „קיבעצער", „קונדס", „לוסטיקע בלעטער", „אַרבעטער פרעסע" (אונטער חייקינס רעדאַקציע) און פילאַדעלפיער „אידישע וועלט". די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן האָט ער זיך רעגלמעסיק געדרוקט אין „גערעכטיקייט", פון צייט צו צייט אין „פאָרווערטס" און אין „וועקער".

נאָך דעם ווי ער האָט פאַרלוירן זיין עלטסטע טאָכטער אין דער אינפלוענציע־עפּידעמיע, אין 1927, איז דער איינזאַמער דיכטער געוואָרן מער און מער דערשלאָגן. פול מיט צער, פול מיט ביטערן ווייטיק, איז ער דערצו נאָך קראַנק געוואָרן אויף אַסטמע. דאָס אַלץ האָט אים פאַרקירצט דאָס לעבן. געשטאָרבן איז דער דיכטער דעם 21סטן מערץ, 1928.

וועגן זיין פאַרשטאָרבענער טאָכטער האָט ער אונדז איבערגעלאָזן עטלעכע רירנדיקע לידער:

עס גלויבט זיך ניט

וואָס הענגט איר אַרום די שפּיגלען? וואָס צינדט איר אָן די ליכט?
וואָס איז אַזוי צעשראָקן און בלייך דיין געזיכט?

קיינער ז'דאָ געשטאָרבן, וואָס טרייבט איר מיט מיר שפּאַס?
מיין קינד איז פריש און מונטער, קומט באַלד פון דער גאַס.

וואָס איז דאָ פאַראַ וויינען, אַ יאָמערלעך געשריי?
שלעכטע? וואָס פאַרשאַפט איר מיין האַרץ אַזויפיל וויי?
וואָס קלינגט איר מיט די פּושקעס, און וואַרפט אָן אַזאַ שרעק?
קיינער איז דאָ ניט געשטאָרבן, גייט אייך גיך אַוועק.

ס'טומלען זיך די מענטשן, די קולות אַזוי גרויס,
איינגעהילט אין שוואַרצן, טראָגט מען וואָס אַרויס.
ס'גייען נאָך אבלים, הער וואָגן גיך פאַרשווינדט:
„עמעץ איז געשטאָרבן, אָבער ניט מיין קינד..."

אַלײן מיט מײן אומגליק און טרויער

(צום אָנדענקען מיין זעליקער טאָכטער רעבעקאַ)

אַליין מיט מיין אומגליק און טרויער,
אַליין אין די ווינקעלעך פיר,
עס קלאַפּט ניט קיין מענטש אין מיין טויער,
ס'קומט ניט קיין מענטש צו מיין טיר.

ווי געוועזן וואָלט איך אַ מצורע,
אַ גרויזאַמע שרעקלעכע פּעסט.
ס'וויכן די מענטשן מיט מורא
מיין איינזאַם פאַרלאָזענעם נעסט.

אָ, אומגליק דו מיינער, דו גרויסער,
דו גרויזאַמער טויט, וואָס דו ביסט!
האָסט פאַרלאָשן ס'ליכט פון מיין לעבן:
מיין פרידלעכע שטוב מיר פאַרוויסט...

איר בילד

ס'קוקט פון וואַנט אַראָפּ איר בילד:
אויגן טיפע, צאַרט און מילד,

קרויזן שוואַרצע פון איר קאָפּ
אויף די אַקסלען פאַלן אַראָפּ.
קרויזן שוואַרצע — אַ ליב געזיכט,
אויגן טיפע, פרומע ליכט,
ווינקען, טרייסטן מיך אין נויט:
„פּאַפּאַ, כ'לעב, איך בין ניט טויט"...

טרוימער און מאַנער

אין ראַדוצקין האָבן שטענדיק געקעמפט צווישן זיך: אַ שטילער ליריקער, אַ טרוימער, — און אַן אויפגעבראַכטער, אַן אויפגערייצטער מאַנער. ער מאָנט גערעכטיקייט, סאָציאַלע גערעכטיקייט. צו זיין פאַרטראָגן אין חלומות און טרוימען — דאָס איז געווען ביי אים אַן איינגעבאָרענע אייגנשאַפט. דער מקור איז געווען — זיין אינטימסט אינערלעך לעבן. דער פּראָטעסט, וואָס פלעגט אין אים אויפברויזן צומאָל — דאָ איז דער מקור געווען זיין מגידישע ירושה. אָבער נאָכמער — דאָס אַרומיקע גרויזאַמע לעבן. ס'איז געווען גאַנץ נאַטירלעך: דער ווילקיר, דאָס ביטערע, לעבן פון אַ יידישן פּראָלעטאַריער סוף 19טן — אָנהייב 20סטן יאָרהונדערט האָט געקענט אַרויסרופן אַזאַ אויפרייצנדיקן פּראָטעסט, ווי מיר זעען עס אין דער דעמאָלטיקער ליטעראַטור. ביי אַזאַ סענסיטיווער נאַטור ווי ראַדוצקיס האָט עס נאָך מער פאַרשאַרפט די סתירה צווישן אַ מענטשן אַ פאַרטאָגענעם אין זיך, און אַ מאַנער. מיט זיינע אייגענע ווערטער גיט ער עס אונדז איבער אין זיין כמעט אויטאָביאָגראַפיש ליד „לעבן און טויט" (וואָס איז געווען איבערגעדרוקט אין דער „פרייער אַרבייטער שטימע", דעם 7טן יאַנואַר, 1944).

לעבן און טויט

ווען עס גרייפן מיך אָן מיינע צרות און ליידן,
ווען עס דריקט מיך צו די ביטערע נויט —
דאַן באַפרייען מיך פון דעם ערדישן גן־עדן
רוף איך און בעט גנעדיק דעם טויט.

איך רוף און בעט, ער זאָל קומען, און זאָל מיך
פון דעם איגדזל דעם וויסטן פאַרשניידן,
איך וויל לענגער ניט לעבן, איך וויל ניט עס זאָל זיך
שטאַרקן די נויט, איך וויל מער ניט ליידן.

איך וויל מער ניט זען דאָס עלנט, דעם הונגער,
דעם יריד מיטן אייביקן האַנדל —
איך וויל מער ניט זען ווי גיפטיקע צינגער
די וואַרהייט אין שטויב דאָרט פאַרוואַנדלען.

איך וויל מער ניט זען די בלאַסע געזיכטער —
די שקלאַפן באַרויבט און געשוועטערט —
ווי עס ווערט באַשמוצט וויזהייטס שטראַלנדע ליכטער,
די הומהייט פאַרהייליקט, פאַרגעטערט...

דאָך וויל ער ניט קומען און איך לייד און לייד,
פון שמערץ ווער איך שרעקלעך ערביטערט —
פיראַטן! איך ערקלער אייך אַ בלוטיקן שטרייט,
איר האָט מיט האַס מיין זעלע געפיטערט.

איר זייט די וועבער פון מיין עלנטן לעבן,
די געשפּענצטער פון מיין פינצטערער נאַכט...
שטאַרבן? ווי נאַריש! אַ ניין! איך וועל שטרעבן
צו פלאַנצן, פאַרשפּרייטן מאַכט קעגן מאַכט.

איך שווער אייך ביי די הימלען, איך שווער אייך ביי דער ערד,
איך שווער ביי די זונען, די שטערן:
איך וויל ניט רוען, ניט ראַסטן, ניט לייגן מיין שווערד,
ביז מיין שטים וועט די מענטשהייט דערהערן.

אַזעלכע צוויי געדאַנקען פאַרברענען מיין מוח —
צוויי שאַרפע עקסטרעמען שטרייטן אָן סוף,
צום קאַמף! רופט איינער דעם פאַרמאַטערטן כוח,
דער צווייטער — צו אַן אייביקן, אייביקן שלאָף...

דעם אינערלעכן ליריזם און די „צייט־שמזים" — ראַדוצקי האָט שטענדיק געהערט אָט־די צוויי שטימען. אָפט האָט ער אַליין ניט געוואוסט וואָס פאַר אַ קלאַנג אָדער ווידערקלאַנג ער הערט:

איז דאָס דער הערבסט־ווינט

איז דאָס דער הערבסט־ווינט, וואָס קרעכצט אַזוי טויב
אָדער אַ צייט־שטים, וואָס קלינגט אַזוי באַנג,
צי אפשר אַ ווידערקלאַנג פון מיין אייגענע האַרץ,
וואָס מאַכט מיך אַזוי טרויעריק־קראַנק?...

אָט־די סתירה צווישן רעזיגנאַציע און אויפגערייצטער מאָנונג האָט געווירקט אויף ראַדוצקיס פּאָעזיע. אין זיין פּאָעזיע זעען מיר עס קלאָר, אַ סך קלערער ווי אין זיין ביאָגראַפיע. ראַדוצקי האָט אַליין כאַראַקטעריזירט זיין פּאָעטישן דרך אין ליד „דריי ניגונים" (איבערגעדרוקט אין דער „פרייע אַרבייטער שטימע", דעם 21סטן יאַנואַר, 1944).

דריי ניגונים

מיין ערשטער ניגון ז'געווען פון נויט:
אָרעם לעבן, ביטער ברויט;
פון אַרבעטסמאַן, וואָס וועבט און שאַפט,
און איז פאַרקויפט און איז פאַרשקלאַפט.

דער צווייטער ניגון ז'געווען פון פלאַם,
שטורעם, דונער, רויש און ים.
געוועקט צום קאַמף דעם שטילן גייסט,
און מיט פונקען אים געשפייזט.

דער דריטער ניגון ז'געווען און איז
פון רויזנוועג צום פאַראַדיז,
וואָס רופט די מענטשן אָרעם, רייך;
קומט און לעבט דאָ אַלע גלייך.

אין אָט־דעם ליד כאַראַקטעריזירט ראַדוצקי זיין פּאָעזיע. זי איז באַשטאַנען: פריער פון דעם „בויט־ניגון", שפּעטער — פון דעם „פלאַם־ניגון", און צולעצט — אין דעם טרוים וועגן דעם „רויזנוועג צום פּאַראַדיז".

ל י ר י ק ע ר

אין דער אמתן, איז ראַדוצקי געווען מער ליריקער ווי קעמפער. דער ליריזם, ווי מיר האָבן פריער דערמאָנט, האָט ביי אים געקוואָלט פון אינעווייניק — דאָס איז געווען איינגעבאָרן אין אים. דער סאָציאַלער מאָטיוו, דאָס קאַמפליד — דאָס האָט דער דרויסן אַרויפגעצוואונגען אויף אים. נאָך דער נאַטור נאָך — אַ צאַרטער ליריקער; נאָכן ביטערן לעבנסוועג — אַ זינגער פון נויט און קאַמף.

זיין ליריזם האָט אין זיך אַפילו אַ מין „רעליגיעזע" נאָטע:

און האָב איך געזינדיקט
דערקלער מיר די זינד.
באַהאַנדל מיך צערטלעך
ווי אַ פאָטער זיין קינד.

ראָט אויס דעם וואָרצל,
וואָס זינדע פאַרשאַפט —
גאָט איבער געטער,
אַ ווייז מיר די קראַפט.

און קומסטו צוהילף ניט
אין עלנט און נויט.
איך ליידע, איך פּלאָג מיך,
ביז ס'ווייזט זיך דער טויט.

דאַן האָב קיין פאַריבל,
באַשעפער, אויף מיר,
ווען ס'אָטעמט קיין תפילה
מיין זעלע פאַר דיר...

ווען מען באַטראַכט ראַדוצקיס לירישע לידער, אָן זיינע אַנדערע לידער, ווערט מען אַ ביסל פאַרחידושט: אַטאָ־די זעלבע האַנט האָט געשריבן סאָציאַלע מאָטיוון? אַזוי פאַרטאָן איז דער דיכטער אין זיין אייגן לעבן, אין זיינע איינדרוקן. און אויב ער רעדט ניט דירעקט וועגן זיך, פילט מען אין זיינע לידער יענעם אינטימען טאָן, וואָס דערציילט וועגן דעם דיכטערס סוביעקטיווקייט.

ביי די ברעגן

ביי די ברעגן, ביי די ברעגן
שטיל און שטום
מעלאַנכאָליש און פאַראומערט
גיי איך אום.

צו די ברעגן, צו די ברעגן
קומען צו
טריבע וועלן, מידע וועלן
האָבן רו.

ליבע וועלן, וואַנדער־וועלן
הערט מיין וואָרט:
צו מיין היימאַט ווען איר קערט זיך
גריסט איר דאָרט.

איך האָב אין דער „היים" שוין ניט קיינעם
קיין פריינט, קיין עלטערן דאָרט
די הייזקע צערויבט און צעשלאָגן
באַיקבר־ט ס'הייליקע אָרט.

ס'איז אָרעם האָס שטעטל, און חושך
אין יעטווידער ווינקל איז שוואַרץ.
נאָך וואָס און נאָך וועמען זשע בענקסטו —
מיין אָרעם, מיין עלנט האַרץ...

דאָס זעלבע פּילט זיך אין דעם שטימונגספולן ליד „ווינטער". אַגב, עס איז וויכטיק אָנמערקן אַ געוויסן פּרט. אין דעם ליד זעען מיר ווי ליריש־פאַרלאַנגזאַמט עס קען זיין דער רעזיגנירטער, סקעפּטישער און שטילער טאָן. פאַראַן אין דעם דאָזיקן ליד אַן אייגנשאַפט, וואָס מערסטנס, שאַפט זי גאָר פונקט אַ פאַרקערטן איינדרוק. מיר האָבן דאָ אין זינען דעם אינעוויניקסטן גראַם. אין ראַדוצקיס „ווינטער" האָט עס די ערשטע און דריטע שורה אין יעדער סטראָפע. דער טאָן איז דאָ לאַנגזאַם — ניט שפּרינגעוודיק, שטיל — ניט גלעקלדיק, אומעטיק — ניט יובלדיק אַקצענטירט. ער דערגרייכט עס, מעגלעך, ניט נאָר מיט דעם, וואָס דער יאַמב איז דאָ אין איין שורה מיט פיר פערז־טאַקטן, און אין דער צווייטער שורה — מיט דריי. ער דערגרייכט עס גיכער מיטן מיטל, וואָס איז אין מעטריק באַקאַנט אונטערן נאָמען אַנזשאַמבעמאַן. דער סוף אין אַ שורה פאָדערט ניט און צווינגט ניט אַרויף קיין פּויזע, קיין אָפּשטעל; ער צווינגט דעם לייענער צו פאַר־ענדיקן דעם לאַגישן זאַץ אין דער קומענדיקער שורה. ווי, למשל,

> ס'אָטעמט קאַלט דער ווינט, עס פאַלט
> אַ קלאָרער, צאַרטער שניי.

מוזיקאַליש שאַפט די דאָזיקע אייגנשאַפט דעם איינדרוק ווי עס שאַפט אַ לאַנגער זאַץ. דאָס מיינט — אַן איינדרוק ווי דער זאַץ וואָלט געהאַט ניט פיר פערז־טאַקטן (די ערשטע שורה), נאָר זיבן פערז־טאַקטן. צו די פיר טאַקטן אין דער ערשטער שורה דאַרף מען דאָ צורעכענען אויך די דריי טאַקטן פון דער צווייטער שורה. און דאָס פאַרלאַנגזאַמט די שורה. דער אינעוויניקסטער גראַם — אין דעם פאַל — באַטאָנט דעם פאַמעלעכן גאַנג, ווי עס באַטאָנט אַ שטילער אָפּשטעל. און דאָס גיט־צו ליריזם, רעזיגנאַציע און טרויער. דער פאָרשער פון יידישער פּראָזאָדיע וועט אין ראַדוצקיס „ווינטער" געפינען אַן אינטערעסאַנטן אויסגאַנג־פונקט פאַר אַט דעם מין מעטריק. אָט איז דאָס ליד:

ווינטער

> ס'אָטעמט קאַלט דער ווינט, עס פאַלט
> אַ קלאָרער, צאַרטער שניי.
> פאַלט און דעקט די ערד און וועקט
> אַ יובל־אויסגעשריי.

עס שנייט און שנייט, עס ווערט פֿאַרשפּרייט
אויף בלאָטע, שמוץ און קויט
קלאָר־ווייסער פּוך, קיין שאָרך, קיין דוך,
די גאַסן שטום און טויב.

און שטיל און שטום איז ווייט אַרום.
ס׳בלאַנקט דער ווייסער שניי.
מיך פֿרייט ניט פֿיל, אין האַרצן שטיל
דאָרט זאָגט עפּעס אַזוי...

די בראָרוואָס ציטירטע לידער „ביי די ברעגן” און „ווינטער” קאָנען אונדז דינען ווי אילוסטראַציעס פֿאַר ראַדוצקיס אינטימע לירישע לידער. זיי געהערן צו יענעם מין, וואָס דער נאַאיווער אָנפֿאַנגער ראַדוצקי האָט אָפּט געשיקט אין לאָנדאָנער „אַרבעטער פֿריינט”, און זיי צוריקגעקראָגן. זיי האָבן דאָך ניט געהאַט אין זיך די עלעמענטן „קאַמף און נויט”. דער ליריזם איז ביי אים געווען פּונקט אַזאַ אויפֿריכטיקער ווי ביי כמעט אַלע דעמאָלטיקע סאָציאַלע פּאָעטן. ראַדוצקי איז, אָבער, געווען אַ סך שטילער, טיפֿער, מער אינדיווידואַליסטיש. דער דאָזיקער שטריך האָט אים דערנעענטערט צו דער שפּעטערדיקער יחידישער פּאָעזיע. אָט־דער אינדיווידואַליזם איז, אייגנטלעך, געווען די סיבה, וואָס האָט אים געצויגן צו די „אינזיכיסטן”. אין דער אמתן האָט עס אים געצויגן אויך צו דער גרופּע „יונגע”. זיין שטימונגספֿול, אַנאַרכיסטיש ליד „איך גיי פֿאַרביי...” ווייזט־אָן אויף דעם.

איך גיי פֿאַרביי אַ ביכער־קראָם,
עס ליגט אין פֿענצטער דאָרט און ווינקט
אַ נייער בוך, נאָר וואָס פֿון דרוק,
ניט טייער, בלויז אַ שילינג פֿיר, —
נאָר זיי, וויפֿל דאָס איז פֿאַר מיר!
קיין דריטל ניט דערפֿון...

— — — — — — — — — — —

איך ווער פֿאַרשעמט פֿאַר זיך אַליין,
און לאָז מיך אין די גאַסן גיין,
די וועלט, די שיינקייטן אין איר,
איז ניט פֿאַר מיר, איז ניט פֿאַר מיר...

צווישן זײַנע שענסטע לידער דאַרף מען צורעכענען דאָס ליד:

נאָך דעם טאָג דעם לאַנגען

נאָך דעם טאָג, דעם לאַנגען
קומט דער שטילער אָונט,
קומט די ליבע פֿרייהייט,
קומט די זיסע רו;

שטראָמען מענטשן־כוואַליעס,
אויסגעמאַטערט, מידע,
שליסן זיך די שעפֿער,
אין דער אָונט־שעה.

דריגגט אַריין די פֿריידע,
אין די ליבע היימען,
שטייען געדעקטע טישן
מיט דעם מאָלצייט גרייט.

זיצן זיך אַרומעט
מאַן און ווייב און קינדער
און אין יעדן ווינקל
אַ נחת זיך פֿאַרשפּרייט.

נאָך דעם עסן גייט מען
אויף דער גאַס אַרויסעט.
ווער עס גייט שפּאַצירן,
ווער עס זיצן בלייבט.

אויף די סטופּס צו שמועסן
דערציילן זיך געשיכטן,
לעזן און צו וויסן
וואָס די צייטונג שרייבט.

אויסגעלאָשן לאַנגזאַם
ווערט פון טאָג די שפורן
ערגעץ קליגגען ווייגערס
אויס די צענטע שעה.

נעמט דער שלאָף זיך וועבן
אַרום די מידע אויגן.
ווינקען צו די שטערן:
אין שטוב אַריין, צו רו...

(„גערעכטיקייט", דעם 30טן יוני, 1920)

סאָציאַלע לידער

אין זיינע סאָציאַלע מאָטיוון איז ער געווען געטריי זיין „צייט און סביבה", פונקט ווי אַלע דעמאָלטיקע סאָציאַלע דיכטער. אויך ביי אים האָבן זיך אויסגעפורעמט לידער, וואָס לאָזן זיך טיילן אויף: נויט־לידער, געשטאַלט־לידער, קאַמף־ און רופלידער. ראַדוצקיס שטילער ליריזם באַפאַרבט אָבער אַנדערש דאָס סאָציאַלע ליד. אין זיינע נויט־לידער, למשל, גנבעט זיך אָפט אַריין אַ דעפּיטיסטישער טאָן, אַ שטי־לע עלעגיע:

פרעג מיך ניט, מיין פריינד, וואָרום

אַך, פרעג מיך ניט, מיין פריינט, וואָרום
כ'בין חושך ווי די נאַכט,
און וואַנדער וואָלקנדיק אַרום,
פאַרקומערט און פאַרטראַכט.

זע, מע האָט גערויבט מיין גליק,
מיין יוגנט און מיין קראַפט,
צו דעם גאָלדן קאַלב און דער פאַבריק
מיין זעל און גוף פאַרשקלאַפט.

אָ פרעג מיך ניט, מיין פריינט, וואָרום
איך קלאָג אַמאָל און וויין,

איך זע די אַרמוט אומעטום —
מיין האַרץ איז ניט פון שטיין.

קינדער קליינע, באָרוועס, נאַקעט,
דאָס עלנט אַזוי גרויס,
עס פאַרקוועטשט מיך ביי דעם האַרצן,
איך לאָז אַ טרער אַרויס.

און וואונדער זיך ניט, פריינט, פאַרוואָס
איך פלוך אַמאָל און שעלט;
טייל זופן פון דעם לעבנס־כוס,
פאַר פיל אַ טראָפן פעלט.

דאָרטן דרעשט מען פראַזן פיינע,
דאָ די דומהייט אַזוי גרויס,
דאָס קאָכט אויף די בלוטן מיינע
איך לאָז אַ פלוך אַרויס.

מאָנאַט מאַי — פאַר וועמען?

דאָס איז דער שיינער מאָנאַט מאַי,
ווען זיסע פייגל זינגען,
ווען אַלעס פילט זיך פריש און פריי,
ווען אַלעס גרינט און בליט אויף סעיי,
מיט לעבן דורכגעדרונגען.

דאָס איז דער שיינער חודש, ווען
פאַנטאַזיעס נעמען גרינגען.
און ווער ס'איז רייך און ווער עס קען,
כאַפּט זיך אַרויס פון ווינטער פלען,
זיך וואוילטאָגן צו שפּינען.

דאָס איז דער זיסער חודש, דאָך,
ווי טרויעריק עס קלינגט מיר;

אַברהם ראַדוצקי אין די עלטערע יאָרן

איינגעשפּאַנט אין שווערן יאָך,
טאָג־צו־טאָג און וואָך־צו־וואָך
איך הער די נויט, זי זינגט מיר.

ניט פאַר דיר איז הער שיינער מאַי,
ניין, ניט פאַר דיר — די בלומען;
דו ביסט אַ שקלאַף, דו ביסט ניט פריי,
געניסן קענסט ניט סיי־ווי־סיי,
זאָל דיין פאַרלאַנג גאָר שטומען.

דער עלעגישער טאָן פון זיינע נויט־לידער איז אויך כאַראַקטע־ריסטיש פאַר זיינע געשטאַלט־לידער. די געשטאַלט־לידער זיינען באמת ניט קיין אויסשליסלעכע געשטאַלט־לידער. געשטאַלט־לידער האָבן גע־שריבן פּאָעטן אין פאַרשיידענע תקופות, אין פאַרשיידענע סטילן. אין דעם סאָציאַלן מאָטיוו ווערן די געשטאַלט־לידער — אָדער נויט־לידער, אָדער קאַמף־לידער.

אָט איז אַ געשטאַלט־ליד, וואָס שילדערט נויט:

דאָס פאַרשקלאַפטע ווייב

פאַרשפּאַרט, פאַרריגלט אין שטוב בין איך אימער,
אַ, שוואַרץ איז מיין לעבן, וויסט איז מיין וועלט.
הער דלות טאָג־טעגלעך ווערט ערגער און שלימער,
קיין צרות, קיין דאגות — קיינמאָל מיר פעלט.
כ׳ווייס נאָר פון האָרעווען, לאַטן און שטריקן,
געשפּאַנט אין דעם יאָך פון שפּעט ביז באַגינען.
מיט פיצעלעך קינדער אין ענגשאַפט זיך שטיקן
און פרעמדע אַ פּאָר — באַראַמען „באַדינען —
און פון דעם אַלעמען ויקוים דאָ אויף ברויט.
חי וויסט איז דעם מענטשן אין עלנט און נויט.

פון לייען און באָרגן די דאגה אויף מיר.
איך נעם אויף דעם ביכל, אָ ווי איז מיר ניט,
איך שטיי ווי אַ בעטלער אין שאַפּ ביי דער טיר

און מוז אַלעס שווייגן — אַ נעם, וואָס מען גיט.
און פּרואוו עפּעס זאָגן, דאַן ווינד איז מיר, וויי,
כאַפּ איך אַ בענטשונג... אָט וואָס אין דער קאָרט.
און טאַקע ביינאַכט, ווען ס׳שלאָפן שוין אַל,
באַוויין, באַקלאָג איך מיין וויסטן שיקזאַל...

אַך, איך וואָלט וועלן כאָטש איינמאָל אין לעבן
ניט זען די וויסטע, די פינצטערע בויט,
די קינדערלעך מיינע אויך וואוילטאָגן געבן,
ניט קאָרמענען שטענדיק מיט טרוקענעם ברויט.
אַ שיכל, אַ קליידל, ווי קינדער ביי לייטן,
וואָס ס׳הערצל גלוסט, קיין זאַך דעם ניט פעלט,
קיינער זאָל אויף זיי מיט די פינגער ניט טייטן:
„נעבעך, נעבעך, אין ביטערער קעלט״ —
איך זאָל ניט שעלטן, ניט פלוכן דעם טאָג
וואָס האָט נאָך געבאָרן די שטענדיקע פּלאָג.

אַזוי איז אין ליד „שווינדזיכטיקער״ אַ טעמע, וואָס איז געווען זייער אַקטועל אין ראַדוצקיס צייטן:

ער הוסט און הוסט,
ס׳צערייסט מיין ברוסט
פילט אָן מיין האַרץ מיט וויי,
זאָ יונג און דאָך
ווי גרויס די בראָך,
פאַרלאָז די וועלט און גיי...

פאַרלאָז דאָס פעלד,
דו יונגער העלד,
דיין ליבעס קינד, דיין ווייב,
און קום מיט מיר —
זאָ זינגט איר שיר
די שווינדזוכט, און צערט זיין לייב.

און עסט און פרעסט
און בעט איר געסט
אַלץ טיפער אין זיין האַרץ,
און זויגט זיין בלוט,
און רויבט זיין מוט,
און מאַכט זיין צוקונפט שוואַרץ...

און נאַכט, און נאַכט,
זיין הוסט דערוואַכט
אין מיר אַ טריבן טרוים.
איך פיל, אַז באַלד,
אין לעבן־וואַלד
פאַלט אום אַ יונגער בוים.

ביי ראַדוצקין, אויך ביי אַ טייל אַנדערע, זיינען די געשטאַלט־לידער דאָס רוב בויט־לידער. פאַר בויט־לידער געפינט ער דעם נאַטירלעכן טאָן, דעם שפלות־טאָן. ווי ער אַליין דערקלערט, שטאַמט דער טאָן פון דער געטאָ, וואו ער איז געבאָרן געוואָרן און זיך דערצויגן:

איך בין אין דער געטאָ געבוירן,
פרי אירע לידער געהערט,
איך האָב קיין זילבע פאַרלוירן
ציטס שטורעם — קיין קלאַנג ניט צעשטערט.

זי האָט מיך מיט טריקייט דערצויגן,
געלאַסטשעט מיך אויף איר שויס;
כ'האָב אירע טרערן געזויגן
און גיב זיי אין לידער אַרויס.

(פון דער סעריע „אין קבצן לאַנד")

אַטאָ דער טרויעריקער טאָן איז ווי צוגעפּאַסט צו ראַדוצקיס איינגעבאָרענעם געמיט — דעם שטילן, דעם רעפלעקטיוו־לירישן געמיט. אמת, ער האָט אויך געשריבן קאַמפּס־לידער. דאָס אָבער טרעפט

בלויז אין צאָרן־מאָמענטן, ווען אַ ביטערע לעבן־דערפאַרונג גיט אים אַ שטאַרקן שטויס דערצו, ווען ער דערפילט דעם פּאָעטס שליחות. דאָס באַווייזט דאָס ליד

פאַר וועמען איך זינג

איך זינג פאַר אים,
וואָס האָט קיין שטים,
וואָס האָט קיין קלאַנג, קיין שטוב,
וואָס דאַרבט און פּאַלט,
און שטאַרבט ניט אַלט
פון צרות, פריי אין גרוב.

איך זינג פאַר איר,
וואָס ליבט מיין שיר,
און זוכט דאָרט אינעם קלאַנג
אַ פרייען טאָן,
זיך אויסצוטאָן
פון אָבערגלויבן, צוואַנג.

איך זינג פאַר אים,
וואָס הייבט זיין שטים
פון טיפן טאָל אַרויף,
און רופט און וועקט,
און מאָנט און שרעקט:
צום קאַמף, פאַר פרייהייט אויף!

ראַדוצקי האָט באמת געזונגען פאַר דעם „וואָס האָט קיין שטים", פאַר דעם וואָס „זוכט... אינעם קלאַנג אַ פרייען טאָן". ער האָט געזונגען צוזאַמען מיט דער „שטים פון טיפן טאָל", און גערופן, און געוועקט „צום קאַמף פאַר פרייהייט". דער טאָן, די פאַרב, די שטימונג אין זיין ליד איז אָבער געקומען פון אַן אינערלעכן קוואַל. זיין ליריזם, דער שטילער רעזיגנירטער ליריזם, האָט געהאַט סימנים ווי עס האָט די

סוביעקטיווע פּאָעזיע. מיר מיינען די יחידיש־סוביעקטיווע פּאָעזיע, וואָס איז דורך די „יונגע" געקומען צום אויסדרוק מיט אַן ערך 20 יאָר נאָך ראַדוצקיס ליטעראַרישן דעביוט. די דאָזיקע אימפּרעסיאָניסטן, די „יונגע", האָבן געהאַט פאָרגייער, צוגרייטער. צוליב זיין סוביעקטיווקייט דאַרף מען ראַדוצקין צורעכענען צו זייערע פאָרלויפער, צו זייערע פריסטע פּאָרלויפער.

ס. לאָפּוכאָוו־קאַרמען

1943 — 1868

ס. לאָפּוכאָוו־קאַרמען

דער ליריקער

דאָס רוב יידישע פּיאָנערן־פּאָעטן אין אַמעריקע זיינען פּרי אַראָפּ פון דער סצענע. זייער השפּעה איז טאַקע קיין מאָל ניט פאַרשוואונדן. זיי אַליין, אָבער, זיינען אָנהייב היינטיקן יאָרהונדערט אַנטשוויגן געוואָרן. טייל האָט פאַרשניטן די פּראָלעטאַרישע קרענק — שווינדזוכט. טייל איז פיזיש געבליבן לעבן. אָבער מיט יעדן טאָג האָבן די לעבן־געבליבענע פּאָעטן זיך אַלץ מער דערווייטערט פון דער ליטעראַטור, אָדער אין גאַנצן אויפגעהערט צו שרייבן.

שווער צו זאָגן, אויף וואָס פאַר אַ דרכים עס וואָלטן אַוועק די דאָזיקע פּיאָנערן ווען זיי וואָלטן לענגער געלעבט און ווייטער געשריבן. וואָס איז געוואָרן פון דעם פּראָלעטאַרישן מאָטיוו זעען מיר אין די לידער פון די, וואָס זיי האָט דער איבערשטער געבענטשט מיט ליטעראַרישן אריכת־ימים. פרענאָוויץ, וואָלפּסאָן און מאַרינאָוו זיינען קיינמאָל ניט אַוועק פון דער סאָציאַלער אַטמאָספערע. זיי האָבן בלויז פאַרלאָזן דאָס וועק־ליד און דאָס טרערן־ליד. וואָס זייער באַציאונג צו די „יונגע" זאָל ניט האָבן געווען, האָבן די דערמאָנטע דיכטערס זיך אונטערגעגעבן דעם איינפלוס פון די „יונגע". די פּאָעטישע שפּראַך האָט זיך ביי זיי מער אויסגעאיידלט. די טעמאַטיק — מער פאַנאַנדערגעוויקלט. זיי האָבן אויפגעהערט זיך פאַרענטפערן פאַר וואָס זיי ריידן וועגן „זיך" און זייערע אייגענע „פריידן און ליידן."

איינער צווישן די דאָזיקע פּאָעטן איז געווען ס. **לאָפּוכאָוו** (**טעאָדאָר קאַרמען**). ער איז אין גאַנצן אַוועק אויף די שאָטנדיקע וועגן פון דער ליריק. ער איז לכתחילה געווען אַ ליריש־געשטימטער מענטש, אַ יחידיש־פּאָעטישע נאַטור.

דער יחידישער מאָטיוו איז ניט אויפגעקומען ערשט מיט די „יונגע", אין יאָר 1907. דער אמת איז: די „יונגע" האָבן דאָס פאַרוואַנדלט אין אַן אויסשליסלעכן מאָטיוו. אָבער דער מאָטיוו גופא האָט שוין געלעבט ביי עדעלשטאַט און ביי אַנדערע פּאָעטן פון עדעלשטאַטס תקופה.

ביי די סאָציאַלע פּאָעטן האָט זיך דער דאָזיקער מאָטיוו אויסגע־דריקט ווי אַ פּאָעטישע ווענדונג אָדער אַ סימבאָל פון אַ מאַרטירער. אין אָט דעם טאָן האָבן זיי גערעדט וועגן זיך. בלויז אין מיטן און אין די שפּעטע 90ער יאָרן פילט מען שוין די ערשטע, קוים־מערקנדיקע טריט פון אַ פּריוואַט־איכישן מאָטיוו.

לאָפּוכאָווס ערשט ליד האָט בשעתו געקלונגען ווי אַ מאַרטירער־ליד. און ווי אַ מאַרטירער־ליד האָט עס לאָפּוכאָוו געשריבן. ווען מיר פאַרגלייכן עס מיט די לידער, וואָס ער האָט געשריבן מיט אַ פערטל יאָרהונדערט שפּעטער, גיט עס אונדז אַ מיניע פאַר די אויגן ווי אַן אויטאָביאָגראַפיש, ווי אַ פּריוואַט־פּערזענליך ליד.

דאָס ליד הייסט „פון מיין טאַגע־בוך", געדרוקט אין דער „פרייער אַרבעטער שטימע", דעם 15טן אַפּריל, 1892, אונטערן נאָמען פּ. קרע־מען. עס געפינט זיך גלייך אונטער עדעלשטאַטס ליד „די הונגעריקע און די זאַטע". אין יענע יאָרן האָט עס געמיינט זייער אַ סך. אין דער „פרייער אַרבעטער שטימע" האָט מען זיך באַצויגן מיט גרויס יראת הכבוד צו דעם באַליבטסטן מאַרטירער־פּאָעט, דעם בלאַסן זינגער דוד עדעלשטאַט. פאַר אַן אָנפאַנגער־פּאָעט, איז עס געווען אַ כבוד צו האָבן זיין ליד געדרוקט, גלייך נאָכן ליד פון דעם דעמאָלט שוין־לעגענדאַרישן עדעלשטאַטן. מיר גיבן דאָ איבער דאָס ליד פון דעם אָנפאַנגער אַזוי ווי עס שטייט און גייט, מיט דעם גראַם „רו (רי) — דעספּאָטי", אין דער לעצטער סטראָפע:

אַ בלוטיקער וועג איז מיין לעבן געווען —
געקיילט זיך, געביילט, געליטן פון נויט;
קיין פרייִדן האָב איך נימאַלס געזען,
פון קינדהייט ביז יעצט, ווען עס רופט מיך דער טויט.

אַ קינד ווען איך וואַר, אַ יאָר פינף מער ניט אַלט,
האָב איך שוין געוואוסט פון דעם הונגער און קעלט.
געיאָגט האָט מען מיך פון דער היים מיט געוואַלד,
צו זוכן מיין ברויט אין דער גרויס־ווייטער וועלט.

און זאָ אומגעוואַנדערט האָב איך מיינע יאָרן
פון איין אָרט צום צווייטן... געאַקערט, געזייט,

אַלט פֿאַר דער צײַט, בין איך, ברידער, געוואָרן,
פֿאַר זיך האָב איך נימאָלס געהאַט געגונג ברויט.

נור עס טוט מיר ניט באַנג מײַן פֿינצטערער לעבן,
איך ווייס. אַז אין גראָב וועל איך פֿינדן מײַן רי,
נור שאַדע איז מיר, וואָס איך וועל ניט דערלעבן
צו זען, ווי עס קראַכט און פֿאַלט דעספּאָטי.

דער אָנפֿאַנגער־דיכטער איז שוין דעמאָלט געווען קראַנק אויף שווינדזוכט. געווען איז ער דעמאָלט בלויז 24 יאָר אַלט. דורכויס אױ־טאָביאָגראַפֿיש זײַנען די שורות: „קיין פֿריידן האָב איך נימאָלס געזען, פֿון קינדהייט ביז יעצט, ווען עס רופֿט מיר דער טויט״. אַ קרבן איז ער געווען פֿון דער „דעספּאָטי״. אָבער אין 1892 האָט ער עס געזען ווי אַ סימבאָל, און זיך אַליין ווי אַ מאַרטירער. דאָס איז געווען דער „גייסט פֿון דער צײַט״ און די שטימונג ביי דער ראַדיקאַלער יוגנט. אַ העכע־רער פּאָעטישער שליסל האָט פֿאַרוואַנדלט אין סימבאָלן אַ סך פּערזענ־לעכע איבערלעבונגען.

ס. לאָפּוכאָוו איז דער נאָמען פֿון טשערנישעווסקיס אַ העלד אין „משטאָ דעלאַט?״ — „וואָס זאָל מען טאָן?״ לאָפּוכאָוו איז געוואָרן אונדזער דיכטערס פּסעוודאָנים. זײַן אמתער נאָמען איז געווען ת. קרע־מען. אונטער דעם נאָמען האָט ער אָפּגעדרוקט דאָס נאָר וואָס דער־מאָנטע ליד „פֿון מײַן טאָגע־בוך״, אין דער „פֿרייער אַרבעטער שטימע״ אין יאָר 1892. די ווייטערדיקע לידער דרוקט ער שוין דאָרטן אונ־טערן נאָמען ס. לאָפּוכאָוו. אין פּריוואַטן לעבן האָט ער געביטן זײַן נאָ־מען פֿון קרעמען אויף קאַרמען, טעאָדאָר קאַרמען. און אין יאָר 1907 ווייזט זיך שוין אין דרוק דער נאָמען קאַרמען. כמעט אַלע שפּעטער־דיקע לידער זײַנען אונטערגעשריבן מיטן נאָמען קאַרמען. דאָס ליד „נמאס״, געדרוקט בערך אין יאָר 1917, טראָגט דעם נאָמען טהעאָ. קאַרמען־לאָפּוכאָוו. „דאָס שמידן־ליד״ האָט ער געדרוקט אין צײַט פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה אונטערן נאָמען ס. לאָפּוכאָוו. שפּעטער קומט דער נאָמען טהעאָדאָר קאַרמען.

ביאָגראַפישע שטריכן

ס. לאָפּוכאָוו איז געבאָרן געוואָרן אינעם שטעטל זשאלודעק, לעבן ווילנע, אין 1868. אַ בעל־מטופל מיט אַ סך קינדער, איז דעם פּאָטער זייער שווער אָנגעקומען מפרנס צו זיין די גרויסע משפּחה. אַזוי אַז אין קיין צופיל לוקסוס האָט מען ניט געלעבט. ווי אַלע קינדער אין יענער צייט, האָט דאָס קליינע ייִנגל געלערנט אין חדר. שפּעטער האָט אים דער טאַטע געשיקט אין דער וואָלאָזשינער ישיבה. עס איז באמת אַ חידוש: די השפּעות פון ייִדישן לעבנס־שטייגער, דעם חדר און ישיבה — די יסודות פון זיין דערציאונג — זעט מען ניט אין זיינע לידער. די סיבה ליגט אין דער ראַדיקאַלער און קאָסמאָפּאָליטישער שטימונג אין די 90־ער יאָרן. 16 יאָר נאָכדעם ווי עס באַווייזן זיך זיינע ערשטע לידער, לייענען מיר ביי אים אַ ליד מיט אַ ייִדישן מאָטיוו. דער נאָמען פון ליד איז „אַ ייִדישער מאָטיוו" („אין די שטומע וועלן, ביי דעם ירדנס זוים, ליגט מיין טרוים פאַרזונקען, ליגט מיין אַלטער טרוים...").

ער אַליין האָט זיך באַטראַכט פאַר דעם גרעסטן שטיפער אין דער משפּחה. אין יאָר 1920, ווען ער איז אַלט געווען 52 יאָר, האָט ער אָנגעשריבן אַן אויטאָביאָגראַפיש ליד „דער באָבעס קללה". רעדט ער וועגן זיך ווי וועגן איינעם פון 12 אייניקלעך. דאָס ליד, ווי אַ סך זיינע לידער, איז, קאָנטיק, ניט געווען געדרוקט. מיר ציטירן עס פון מאַנוסקריפּט:

דער באָבעס קללה

מיין פרומע באָבע האָט געזאָגט,
אַז שילטן איז אַ גרויסע זינד.
איר ערגסטע קללה איז געווען —
לאַנג לעבן זאָל דאָס שלעכטע קינד.

מיר זיינען אייניקלעך געווען
מזיקים, שטיפער, גאַנצע צוועלף,
מע פלעגט באַפאַלן באָבעס הויז
ווי הונגעריקע קליינע וועלף.

די באָבע האָט אַ האַרץ פון גאָלד
און ליבט אונדז ווי די גאַנצע וועלט,

מיט עסנוואַרג פֿאַרשיידענע
איז אימער באָבעס טיש פֿאַרשטעלט.

אויף טאַצן הורבעס פּוטער־ברויט,
אַ גרויסער סאַמאָוואַר מיט טיי,
מיט מאַנדלען אָנגעפּילטע טאָרט
און צוקערלעקעך אַלערליי.

און עפּל, באַרנעס, פֿלוימען, ניס,
פֿלעגט באָבע אויך ניט זשאַלעווען.
מיר פֿלעגן אָפּראַמען דעם טיש
און אָנהייבן צו באַלעווען.

געהוליעט און געקוליעט זיך,
אַרומגעגאַנגען אויף די הענט,
געזונגען און געשפּרונגען ווילד,
געקראָכן אויף די גלאַטע ווענט.

דער אָנפֿירער פֿון אַלעמען
בין איך געווען, אָ, ווי און ווינד,
און באָבע האָט פֿאַרשאָלטן מיך,
לאַנג לעבן זאָלסטו, שלעכטע קינד.

דיין קללה באָבע איז געשען,
דאָס לעבן לאַנג איז נמאס מיר,
אָן שנאַפּס אַביסל, באָבינקע,
אפילו ניט קיין גלעזל ביר.

די דאָזיקע אנאקרעאָן־שטימונג וועגן עולם־הזה, „שנאַפּס אַביסל", — דאָס איז אַ באַהעמיש־פּאָעטישער זשעסט פֿון די שפּעטערע יאָרן. אָבער די דאָזיקע שטימונג איז אין הסכם מיט זיין חוש פֿאַר הומאָר. ער איז אויך שטיפֿעריש, ווי דאָס ווייזן זיינע שפּעטערדיקע לידער.

זיין יוגנט איז אָבער ניט געווען קיין גרינגע. נאָכן אָפּזיין אַ געוויסע צייט אין דער ישיבה, האָט מען אים אָפּגעגעבן אין סאָלדאַטן. אין

מיליטער־דינסט האָבן זיך ביי אים באַוויזן סימנים פון דער קראַנקייט, וואָס האָט אים פּאַראַלעמרט זיין גאַנץ לעבן. ער איז דאָרטן קראַנק געוואָרן אויף שווינדזוכט.

קיין אַמעריקע איז לאָפּוכאָוו געקומען אין יאָר 1888. געקומען איז ער מיט אַ פּאַך אין האַנט. ער איז געווען אַ פאָטאָגראַפיסט. אין ניו־יאָרק האָט ער זיך באַקענט מיט צוויי שוועסטער, ראָזע און בעלאַ גאָלדבערג. מיט ראָזע גאָלדבערג האָט ער חתונה געהאַט אין יאָר 1892. בעלאַ גאָלדבערג איז שפּעטער געוואָרן דעם פּאָעט יוסף יפהס פרוי.

ס. לאָפּוכאָוו איז, אגב, געווען דער, וואָס אַ דאַנק אים האָט יוסף יפה אָנגעהויבן שרייבן לידער. לאָפּוכאָוו האָט געהאַט אָפּגעדרוקט עט־לעכע לידער אין דער „פרייער אַרבעטער שטימע”. יוסף יפה האָט זיי געליינט און ער האָט דערפילט, ער קען אויך שרייבן אַזעלכע לידער. ער האָט זיך אפילו געוועט מיט דעם שוין־אָנערקענטן פּאָעט לאָפּו־כאָוו: ער קען שרייבן לידער פּונקט אַזוי ווי לאָפּוכאָוו. ביידע האָבן זיי אַוועקגעשיקט לידער אין דער „פילאַדעלפיער שטאַט־צייטונג”, וואו זייער פריינד ב. גאָרין איז דעמאָלט געווען דער רעדאַקטאָר. די לידער האָבן זיי געשיקט פאַרן קאָנקורס, וואָס די צייטונג האָט דע־מאָלט אויסגעשריבן. דעם קאָנקורס האָט געוואונען יוסף יפה.

קיין קנאה איז ניט געווען צווישן די צוויי פּאָעטן. זיי זיינען באמת געווען מער ווי שוואָגערס. זיי האָבן געוואוינט ווייט איינער פון צווייטן. אָבער זייער פריינטשאַפט איז געווען ממש אַ רירנדיקע. איינער האָט געוואוסט וועגן יעדן ליד, וואָס דער צווייטער האָט געשריבן. איינער האָט זיך געפרייט מיט די פריידן פון צווייטן און געליטן מיט זיינע ליידן.

נאָך אין רוסלאַנד איז לאָפּוכאָוו געווען רעוואָלוציאָנער געשטימט. ער האָט אָנגעהויבן שרייבן לידער ווען ער איז נאָך געווען אַ קינד. און זיינע באַליבטסטע פּאָעטן זיינען געווען: פּושקין און לערמאָנטאָוו, נע־קראַסאָוו און נאַדסאָן. נאַדסאָן האָט דעמאָלט ממש באַצויבערט די רו־סיש־רעדנדיקע אָנפאַנגער אין די 80־ער און 90־ער יאָרן. נאַדסאָנס פאָלקיסטישע פּאָעטיק, זיין טיפער טרויער, זיין רוף צום קאַמף און די „געפאַלענע שטימונגען” — דאָס האָט אַלץ שטאַרק געווירקט אויף די דעמאָלטיקע פּאָעטן. מער פאַר אַלץ האָט געווירקט דער יחידיש־מאַרטירערישער רוף, דער טראַגישער רוף, אויפן הינטערגרונט פון

פאָלקס־ליידן און יסורים. ניט אומזיסט געפינען מיר צווישן לאָפּו־כאָווס ערשטע לידער אַן ליד, וואָס ער האָט געשריבן נאָך נאַדסאָנס אַ מאָטיוו:

פאָרווערטס!

(נאָך נאַדסאָנען)

פאָרווערטס גיי, פאָרווערטס די ליידן,
קוק ניט אויף דעם שטורעם־ווינט.
זע דעם מאָרגנשטערן קומען
און דער שאָטן גלייך פאַרשווינדט.

נור קיין האָפנונג ניט פאַרלאָרן,
אַרבעט ביז דו האָסט נאָך קראַפט;
ערלעך דיינע לערן פריידיק,
פריידיק רעכט און וויסנשאַפט.

זאָל די מאַסע דיך פאַרהאַסן —
בלייב געדולדיק, בלייב ניט שטיין;
זאָלן שטיינער אין דיר וואַרפן
מענטשן, וועלכע ניט פאַרשטיין;

גיי אַלץ פאָרווערטס, ניט פאַרצווייפל,
דיין געפערלעך שווערן וועג;
מיט דיין יונגער ברוסט באַגעגן
מוטיק פון דעם פיינד די שלעג.

מיט דיין לערע ברענג צום שקלאַפן
אין דער פינצטער זאָנען־שיין,
העלף אים ברעכן זיינע קייטן,
העלף אים פריי און גליקלעך זיין!

(„פרייער אַרבעטער שטימע“, דעם 9טן מאַי, 1894)

לאַנג האָט לאָפּוכאָוו אין ניו־יאָרק ניט געלעבט. אין יאָר 1895 געפינען מיר אים שוין אין דענווער, קאָלאָראַדאָ. קראַנק אויף די לונ־

גען, פּרוּאווט ער זיך ראַטעווען אין דעם היילנדיקן קאָלאָראַדאָ־קלי־מאַט. ער איז זיך מפרנס פון אַ פאָטאָגראַפישער סטודיע. ער חברט זיך מיט יהואַשן, מאַרינאָוון, מיט חיים ספּיוואַקן. אין קאָלאָראַדאָ האָט ער זיך באַקענט מיט די פּאָעטן נחום מ. באַבאַדן, מיט א. מ. שאַרקאַנסקין.

דעם גרעסטן טייל לעבן האָט לאַפּוכאָוו־קאַרמען פאַרבראַכט אין לאָס־אַנדזשעלעס. כמעט זיין גאַנץ לעבן איז ער געווען ניט געזונט. דאָס האָט שטאַרק געווירקט אויף זיין פּראָדוקטיווקייט. דאָס האָט אויך פאַרוואַנדלט זיין סאָציאַל ליד און אַ יחידיש ליד.

ערשטע לידער

אויף וויפל עס לאָזט זיך פעסטשטעלן האָט ער זיין ערשט ליד אָפּ־געדרוקט אין דער „פרייער אַרבעטער שטימע“, דעם 15טן אַפּריל, 1892, ביז אַפּריל דעם 27סטן, 1894, האָט ער אָפּגעדרוקט אַרום אַ צענדלינג לידער. שפּעטער איז ער אַנטשוויגן געוואָרן אויף צוויי צענדלינג יאָר. דורך דער דאָזיקער צייט האָט ער אָנגעשריבן אַ ליד, אין יאָר 1902, אַ סאָציאַלן מאָטיוו, ווי די פריערדיקע לידער. אין דעם ליד דערציילט ער ווי דעם „טאַטן“ קען מען שוין ניט „קויפן“, פאַרשקלאַפן אין דער פאַבריק — מחמת שווינדזוכט. אָבער די מאַמע — ווער וויל זי דינגען פאַר אַ שקלאַף, ווער וויל זי „קויפן“. דאָס איז אַ מאָטיוו וועגן דער שוויצפאַבריק:

אין קאַמער אַ טיש מיט צוויי שטולן,
אַ בעט מיט אַ שעניק פון שטריי.
אין קעמערל וואוינען אַ טאַטע,
אַ מאַמע און קינדערלעך צוויי.

שוין לאַנג איז אָן אַרבעט דער טאַטע,
אַ קרבן פון שווינדזוכט איז ער,
די מאַמע מוז זיין די מפרנס,
אָ, ווער וויל זי קויפן, אָ, ווער?

דאָס דאָזיקע אויטאָביאָגראַפישע ליד ציטירן מיר נאָך אַ מאַנו־סקריפּט נאָך. ווי אַנדערע ניט־באַצייכנטע לידער, איז דאָס ליד, מן הסתם, קיין מאָל ניט געווען געדרוקט.

אין די צוואַנציק יאָר פון זיין שוויגן האָט ער אויך אָנגעשריבן אַ צווייט ליד. דאָס איז אַ יידישער מאָטיוו. ביי לאָפּוכאָוון איז עס דאָס ערשטע ליד פון דעם מין. עס זעט אויס, אַז אין יאָר 1908 איז שוין ניט געווען קיין זינד צו שרייבן אויף אַ „רעאַקציאָנערן מאָטיוו", אַ זאַך, וואָס איז געווען טריף פאַר אַ ראַדיקאַל, אַ קאָסמאָפּאָליט.

די נאָר וואָס דערמאָנטע צוויי לידער זיינען די איינציקע אויסנאַמען בעת זיין שוויגן פון 1894 ביזן יאָר 1915. אונטערן רושם פון די פּאָגראָמען, בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט ער אָנגעשריבן עטלעכע פּאָגראָם־לידער. ער אַליין איז געווען איבערראַשט פון דעם. אַ פאַרשאָטענער קוואַל האָט זיך ווידער געעפנט. די טראַגישע איראָניע דערביי איז, וואָס דער „יום־טוב", זיין פּאָעטישע באַנייאונג, האָט זיך אָנגעהויבן גראַד מיט אַ פּאָגראָם־ליד. אָבער וועגן זיין אָנהייבן ווידער שרייבן רעדט ער אין אַ באַזונדער ליד:

אַ יום־טוב איז ביי מיר היינט, ברידער,
אַ גרויסער, הייליקער מאָמענט.
באַזוכט האָט מיר (מיך) מיין מוזע ווידער,
פון פרייד מיר ציטערן די הענט.

פאַרגאַנגען גאַנצע צוואַנציק יאָרן,
זי האָט מיר (מיך) פּלוצים גאָר פאַרלאָזט,
איך האָב מיין לעבן־לוסט פאַרלאָרן,
מיין קאָפּ באַדעקט איז ווי מיט פראָסט.

אַ נייע קוועלט אין מיר איצט גבורה,
אַ נייער לעבן, ניי פאַרלאַנג,
איך זינג אַ שירה נאָך אַ שירה,
פאַרגיי זיך פון מיין גרויס געזאַנג.

זינט דעמאָלט דרוקט ער לידער, פון צייט־צו־צייט, אונטערן נאָמען טעאָ. קאַרמען. על־פּי רוב זיינען זיי לירישע לידער. צווישן זיינע לעצטע לידער, וואָס ער האָט געשריבן זעקס יאָר פאַר זיין טויט, איז פאַראַן אַ רירנדיק ליד. דער פּאָעט האָט שוין פאַרלאָרן די ריאה, ער האָט

שוין דעמאָלט געלעבט אין דער וועלט פון פינצטערניש. אין אויגוסט 1937 שרייבט ער דאָס דערמאָנטע רירנדיקע ליד:

די פרעגסט מיך: וואו מיין צייט פאַרגייט,
מיין נעכטן און מיין היינט?
איך זיץ און צייל די טעג און נעכט,
די צייט שטייט שטיל, מיין פריינד.

מיין ליבסטערס האָר איז ווייס ווי שניי,
און איך קען מער ניט זען,
מיר וועלן ביידע באַלד פאַרגיין,
די צייט איז ווי געווען.

געדענקסט די ליבע יוגנט־צייט?
די זון ווי דעמאָלסט שיינט.
די זון וועט קיין מאָל ניט פאַרגיין,
בלויז איך און זי, מיין פריינד.

געשטאָרבן איז דער דיכטער אין לאָס־אַנדזשעלעס, אין יאָר 1943.

טעמאַטיש געהערן לאַפּוכאָווס לידער צו צוויי פאַרשיידענע תקופות. זיין סאָציאַל ליד געהערט צו דער צייט, ווען ער האָט געהייסן לאַפּוכאָוו, אין די 90־ער יאָרן פון לעצטן יאָרהונדערט. זיין יחידיש ליד געהערט צו דער צייט, ווען „באַזוכט האָט אים ווידער זיין מוזע", אין יאָר 1915. ווען ער האָט געשריבן זיין יחידיש ליד האָט ער שוין געהייסן, ווי ער האָט געהייסן אין פּריוואַטן לעבן — טעהאָ קאַרמען.

דער מאָטיוו פון „בלאַסן מאַרטירער", פון „שטאַרבנדיקן דיכטער", האָט זיך געהערט אין זיינע ערשטע לידער. דאָס איז דעמאָלט געווען דער סימבאָל ווי אַזוינע יונגע „ליידנדיקע פּאָעטן" האָבן זיך געזען. באַזונדערס איז עס געווען מיט ראָמאַנטיש־געצייגטע יונגעלייט. נאָך מער איז עס געקומען צום אויסדרוק ביי „קרבנות פון סאָציאַלער" אומגערעכטיקייט. און לאַפּוכאָוו, דער לונגען־קראַנקער פּאָעט, האָט זיך געקענט באַטראַכטן פאַר אַזאַ קרבן. ניט איין קרבן איז זיי געשטאַנען פאַר די אויגן, אין ליכט פון אַ מאַרטירער־שיין. עדעלשטאָט איז אין די ראַ־

דיקאַלע קרייזן געווען אַ לעגענדע נאָך ביי זיין לעבן. נאָך זיין טויט האָבן יונגע פּאָעטן אים געזען און אַ ווייטער שיין פון אַ פאַרהערלעכטן סימבאָל. און עס איז געווען געגנוג די קלענסטע ענלעכקייט, זי זאָל אַרויסרופן בילדער, וואָס נאָר אַ פאַררּאָמאַנטיזירטער „סאָציאַלער קרבן” קען זען. אַזעלכע לידער ווי לאָפּוכאָווס צווייט ליד „פון מיין טאָג־בוך” (דאַטע ניט פעסטגעשטעלט) געהערט צו דער אַלגעמיינער שטימונג פון יענער צייט:

פון מיין טאָגע־בוך

אומזיסט פאַרלאָנגען, האָפן, שטרעבן,
באַרואיק זיך מיין קראַנקעס הערץ;
ניט לאַנג פאַרבליבן איז צו לעבן,
וואָצו, וואָצו אומזיסטע שמערץ.

וואָצו דער בייזער, ווילדער שטורעם
אין מיין פאַרפוילטער, קראַנקער ברוסט?
גענוג געליטן שוין יסורים,
איך האָב צום לעבן מער קיין לוסט.

געפאַלן בין איך יונג אַן אָפּפער,
געמאַרקט בין איך שוין לאַנג צום טויט;
עס קלאַפּט מיין האַרץ אַלץ שוואַכער, שלאַפער,
איך קען ניט מער פאַרטראָגן לייד.

דאָס ליד רעדט וועגן יסורים, ליידן, טויט, אין אַלגעמיינע באַגריפן ווי די ראָמאַנטיקער האָבן גערעדט. מער קאָנקרעט, מער סאָציאַל־קאָנקרעט, רעדט דער פּאָעט אין זיין ליד „הונגעריג אָפּפער” (דעם 16טן פעברואַר, 1894):

הונגעריג אָפּפער

ביי דעם ברעג פון טיפן, ווייטן
הימל־בלויען אָקעאַן,

וואו די וועלן רוישן, שטרייטן,
שטייט אַ בלאַסער יונגער מאַן.

אויפן האַרץ דעם קאָפּ געבויגן,
שטייט ער, מורמלט, זיפצנד שטיל,
און פון זיינע מוטנע אויגן
קאַפּען, רינען טרערן פיל —

„רייכטום פיל געהאָלפן זאַמלען"
„פאַר די זאַטע, רייכע לייט" —
„זיינע בלאַסע ליפּן מורמלען —
„און פאַר זיך אַ הונגער־טויט.

„פון מיין קינדהייט האַרט געשטריטן
„פאַר דאָס שטיקל ברויט;
„שלעג אומזיסטע פיל געליטן,
„פיל געליטן האָב איך נויט.

„אָ, ווי וואָלט איך וועלן לעבן,
„אויך געניסן אויף דער וועלט
„פון די הערלעך רייכע גאַבן,
„וואָס נאַטור האָט אויפגעשטעלט.

„נור איך טאָר ניט, דאַרף ניט קלערן
„אויף דער וועלט צו לעבן מער, —
„שטאַרבן מוז איך, אום ניט הערן
„ווי דער הונגער קוועלט מיר שווער —

„אָ, ווי ביטער ס׳קוועלט דער הונגער!
„אָ, ווי ס׳שרעקט מיר יעצט דער טויט;
„שטאַרבן מוז איך גאָר אַ יונגער,
„שטאַרבן פאַר אַ שטיקל ברויט!..."

נאָך אַ שטומען בליק אַ שאַרפן
האָט ער צו דעם ים געשיקט,
און מיט האַסט זיך הין געוואָרפן —
און דעם לעבנס־קאַמף באַזיגט.

אין דעם ציטירטן ליד איז דער זעלבסטמערדער ניט אַ קרבן פון אַ קראַנקייט, נאָר אַ קרבן פון סאָציאַלן אומגליק. אין דעם פריערדיקן ליד „פון מיין טאַגע־בוך" דערציילט ער אונדז, אַז ער „קען ניט מער פאַרטראָגן לייד". אין דעם איצטיקן ליד רעדט ער שוין קאָנקרעט: „פאַר די רייכע אַזויפיל גליק געהאָלפן זאַמלען, און פאַר זיך אַ הונ־גער־טויט."

צוויי וועלטן — רייכע און אָרעמע. אָנטרייבער און שקלאַפן. די דאָזיקע קלאַסן־צעטיילונג האָט אויך געשאַפן באַגריפן, אַז די גאַנצע וועלט איז צעטיילט. עס עקסיסטירט שוואַרץ און ווייס, פרייד און אומגליק, ליבע און האַס. די דאָזיקע צווייאיקייט האַלט דעם פּאָעט אין צוויק. ער זעט בלויז קאָנטראַסטן. אין זיין טראַכטן פאַרנעמען אַן אָרט בילדער און שטימונגען פון צוויי וועלטן. אין הסכם מיט דער דאָזיקער פסיכאָלאָגישער איינשטעלונג שרייבט ער לידער פון דעם דאָזיקן מין:

צוויי בילדער

(אַ פּאַראַלעל)

ביי אַ קליינעם טייכעלע,
ביי אַ פליסיק וואַסערל,
אין אַ גאָרטן, בלומען פול,
אַ שטאָלצער פּאַלאַסט שטייט.

ביימער הונדערט־יאָריקע
ריגלען יענעם פּאַלאַסט אום,
וואַרפן שאָטנס דונקעלע,
פאַרשטעלנדיק די זון.

אין די פענצטער אָפענע
בלאָזט אַ שטילער ווינטעלע,
אַ ווינטעלע אַ שמעקנדער —
דער רייכער בלומען־דופט.

לידער זיסע קלינגענדע
זינגען דאָרט די פייגעלעך;

טענער ניט קיין אירדישע
הערן זיך, נור געטלעכע.

ביי איינער פון די פענצטער דאָרט,
פאַרהאַנגען מיט אַ זיידן־דעק,
שטייט אַ פּרעכטיק וויגעלע —
דאָרט שלאָפט אַ בייבי זאַנפט.

עס שפּרינגען אום די פייגעלעך
פון צווייגעלע צו צווייגעלע
און זינגען בייבין לידעלעך,
פאַרזיסן איר דעם שלאָף.

דער ווינטעלע, דער שמעקנדער,
ער שעפּטשעט איר אין אויער איין —
דערציילט איר פון אַ גליקלעכן,
אַ לעבן פריידנספול...

דערציילט איר, אַז דער פאַפּע איז
אַ פיינער, גרויסער, רייכער מאַן,
אַז שקלאַפן האָט ער טויזנטער,
ער האָט זיי פיל ער וויל.

דערציילט איר, אַז אויך בייבי איז
שוין רייך פון איר געבאָרן־טאָג —
דער פאַפּע האָט אויך זי פאַרזאָרגט
מיט שקלאַפן אָן אַ צאָל...

דערציילט איר, אַז דער לעבן איז
אַ פּרעכטיק־שיינער פריידנס־טהאָל, (טאָל)
אַז דערנער וועט זי נימאַלס זען
נור בלומען איבעראַל — — — —

עס שפּילט אַ זיסע שמייכעלע
אויף בייביס רויטע ליפּעלעך,

עס טרוימען זיך מלאכים איר;
זי שלאָפֿט און אָטעמט פֿריי...

אין שטאָט, אינעם טומל,
אַראָפּ־צו צום וואַסער,
דאָרט שטייט אַ געבײַדע
זעקס שטאָק אין דער הויך.

פֿון בייסמענט גאַנץ אונטן,
ביז אויבן, טאָפּ־פֿלאָר,
וואוינען פֿאַרשטיקט אונטערהדריקטע
נור אַרבעטער, אָרימע לייט...

עס פֿלאַקערט אַן רתמנות נאַר
די זאָנע ווי אַ פֿײַער גלײַך,
נור מיט וואָס צו אָטעמען —
די פֿאַרע שטיקט און ווערגט.

עס דרייען זיך מאַשינען דאָרט
און רוישן גאַנצע טעג און נעכט:
דאָס נייען אַפּערייטערלעך
פֿון פֿרי ביז שפּעט בײַנאַכט.

אין איינעם פֿון די וואוינונגען
(אויך דאָרט דרייט זיך אַ רעדעלע)
ליגט אין אַן אַלטער וויגעלע
אַ בייבי שוואַך און בלאַס.

עס דרייט זיך שנעל די רעדעלע,
עס דרייט זיך און דערציילט דעם קינד,
אַז שוואַך זיינען ביים אַרבעטער
די פֿיס צו דרייען איר — — — —

דערציילט, אַז עס ערוואַרטעט אים,
דעם קינד אַ ביטער לעבן נור,

דערציילט, אַז עס דערוואַרטעט אים
נור הונגער, מאַנגל, נויט...

אַז ער וועט אויך זיין לעבנלאַנג
נור דרייען אַלץ די רעדעלע —
פאַרשאַפן רייכטום אַנדערע
און זיך — קיין שטיקל ברויט — — —

עס זיינען בלאַס די ליפּעלעך,
עס איז פאַרשמאַכט דאָס קינד,
עס הייבט זיך קוים זיין הערצעלע
און אָטעמט שווער די לופט.

(„פרייע אַרבייטער שטימע", דעם 8טן סעפּטעמבער, 1893)

ווי אַלע אין זיין תקופה זעט לאַפּוכאָוו בלויז קאָנטראַסטן: פרייד, יסורים; נוגש און שקלאַף; האַר און אונטערדריקטער. זיינע דע־מאַלטיקע לידער טראָגן די דאָזיקע סימנים. מען זעט זיי אין דעם אינ־האַלט. אפילו — אין די נעמען, ווי דאָס נאָר וואָס ציטירטע ליד: „צוויי בילדער", אָדער אין די נעמען: „אַמאָל און איצט", „צוויי טייכן."

דאָס ליד איז ניט אינגאַנצן רעגלמעסיק אינעם גאַנג, אין ריטם. דער דיכטער פאַרענטפערט עס אין זיין ליד „צוויי טייכן". אייגנטלעך איז דאָס געווען ג־ט נאָר לאַפּוכאָווס בליק אויף פּאָעזיע, נאָר דער אָנ־גענומענער בליק אין יענער צייט. די רעוואָלוציע, „דער ענדגילטיקער שטרייט", האָט זיך געהאַלטן אין איין דערנעענטערן מיט יעדן טאָג. אין אַזאַ אַטמאָספערע איז ניט געווען קיין צייט פאַר קונסט. און אַוודאי ניט פאַר יענער שלימות, וואָס קונסט פאָדערט פון יעדן קינסטלער.

צוויי טייכן

איך קען ניט קיין פריילעכע לידעלעך זינגען,
איך בין ניט געבאָרן אַ דיכטער צו זיין,
מיט טרערן וועט אימער דאָס ליד מיינע קלינגען,
מיט ביטערע טרערן און שמערצלעכן פּיין.

איך האָב ניט באַזונגען די זילבערנע שטערן,
די וועלט מיט איר וואונדערלעך־רייצנדן פראַכט;
מיך האָבן באַגייסטערט אומשולדיקע טרערן,
דאָס ליד האָבן זיי פון מיין האַרצן געבראַכט.

איך האָב ניט באַזונגען די רייצנדע בלומען,
דעם פרילינג האָב איך קיינע לידער געשענקט;
איך האָב ניט אין בליענדע פעלדער גענומען
באַגייסטערונג, אָדער פון זיי ווען געדענקט.

צוויי מעכטיקע טייכן זע איך פאַר די אויגן,
פון אימער אָן פליסן זיי, בלייבן ניט שטיין:
איין טייך פול מיט טרערן, מיט בלוט איבערצויגן,
דער צווייטער פול שוימענדן, פראַכטפאָלן וויין.

פון איין קוועלע פליסן די צוויי גרויסע טייכן —
דער וויין־טייך איז אויך אַמאָל טרערן געווען;
אויך איך האָב צוואר דאָרטן אַ חלק, אַ גלייכן,
ערלויבט איז אין טרערן מיר טונקען מיין פען,

ביז טרוקן וועט ווערן דער טייך פון די טרערן,
און אונדז וועט געהערן דער טייך פון די וויין,
ביז האַן וועלן אימער מיט יאָמער און טרערן
זיין פול מיינע לידער — מיין הערצנס־געוויין.

(„פרייע אַרבייטער שטימע" דעם 23טן פעברואַר, 1894)

דאָס איז לאַפּוכאָווס קרעדאָ, אויסגעדריקט סענטימענטאַל און אַלעגאָריש. אין אַן אַנדער ליד ווייזט ער אָן אויף דעם גורם — „דאָס געלט". דאָס איז די „עקאָנאָמישע דעטערמינאַציע". דער אופן ווי אַזוי דאָס ליד „אַמאָל און איצט" איז געשריבן געהערט צום פּאַראַ־לעליזם. נאָך ריכטיקער — אין דעם ליד שטייען באַגריפן און בילדער איינס קעגן דעם צווייטן. דער דאָזיקער מיטל איז אַ פרימי־טיווער. מיר זעען אים אין פאָלקסליד. מיר זעען אים אין די פאָלקס־טימלעכע לידער. „אַמאָל און איצט" געהערט אויך צו דעם אפּיקור־

סישן מין לידער אין דער ראַדיקאַלער פּאָעזיע אין די 90ער יאָרן. „גאָט מאַמאָן" איז געווען אַ גאַר באַקאַנטער אויסדרוק אין יענער פּאָעזיע. כמעט יעדער פּאָעט אין יענער תקופה האָט געשריבן אויף דער דאָזיקער טעמע. לאָפּוכאָווס „אַמאָל און איצט" איז געווען געדרוקט אין דער „פרייער אַרבעטער שטימע", דעם 23טן מערץ, 1894.

אַמאָל און איצט

אין מיין קינדהייט פלעג איך גלויבן,
אַז פאַר יעדער קליינער זינד
שמייסט מען דאָרט מיט ריטער אויבן —
אסור, אויב איך גלויב אַצינד.

אין מיין קינדהייט פלעג איך גלויבן,
אַז אַ גאָט אין הימל זיצט
און רעגירט די ערד פון אויבן —
אסור, אויב איך גלויב עס איצט.

איך פלעג גלויבן שטאַרק אין שדים,
רוחות בייזע אַלערליי,
אין אַ גהנום און גן עדן —
ניין, איך גלויב ניט מער אין זיי.

יאָ, איך זע, מע שמייסט מיט ריטער,
דאָ, אויף אונדזער וועלטל גאָר,
און עס זיפצן פילע ביטער, —
וואונדער ווי זיי שווייגן גאָר!...

יאָ, אַ גאָט, אַ ווילדער קייזער,
גיבט עס דאָ אויף אונדזער וועלט,
ערגער פיל פון יענעם, בייזער —
און זיין נאָמען איז „דאָס געלט".

יאָ, איך גלויב נאָך שטאַרק אין גייסטער,
וועלכע זויגן מענטשן־בלוט —
אָ, דער גאָט, די קרוין, דער טייסטער...
יאָ, איך זע, איך קען זיי גוט!...

די סיבות, וואָס האָבן אַרויסגערופן אַזאַ ליד, זיינען בשום אופן ניט געווען קיין צוגעטראַכטע. אין די 90־ער יאָרן, כמעט ביזן יאָר 1910, האָט עקסיסטירט די שוויצפאַבריק. דאָרטן זיינען אומגעקומען יונגע נפשות אין די טויזנטער. דאָס אימיגראַנטישע לעבן איז געווען פאַרזונקען אין דעם דאָזיקן עמק הבכה. שוויצזוכט איז געוואָרן אַ פאַרשפּרייטע „פּראָלעטאַרישע קרענק."

ווען לאָפּוכאָוו האָט געשריבן זיינע פּראָלעטאַרישע לידער, האָט געהערשט אַן אומברחמנותדיקער קריזיס. דער קריזיס איז באַרימט אין דער געשיכטע פון אַמעריקע ווי דער קריזיס פון יאָר 1893.

אויך ניט צוגעטראַכט זיינען געווען לאָפּוכאָווס געדאַנקען וועגן נאָענטן טויט. דאָס זיינען ניט געווען בלויז „פּאָעטישע" מאָטיוון. לאָ־פּוכאָוו איז געקומען קיין אַמעריקע מיט סימנים פון דער פּראָלעטאַרי־שער קרענק. אין די באַדינגונגען פון דעם דעמאָלטיקן אימיגראַנטן־לעבן, באַזונדער בעת דעם גרויסן קריזיס, איז די קראַנקייט געוואָרן געפערלעכער. אין 1895 געפינען מיר אים שוין אין דענווער, קאָלאָ־ראַדאָ, וואו שווינדזיכטיקע האָבן געזוכט זיך ראַטעווען. דעם צווייטן דעצעמבער, 1894, באַווייזט זיך זיינס אַ ליד אין דער „פרייער אַרבע־טער שטימע", געווידמעט די אַרבעטער־קינדער.

צו מיין קינדס געבורטסטאָג

(געווידמעט אן די אַרבייטער־קינדער)

דיין געבורטסטאָג, טאָכטער קליינע,
רופט אַרויס פון מיר דאָס ליד;
די געדאַנקען זיינען מיינע
פול מיט טרויער יעצט און לייד.

פאַרוועדטס קוקן מיינע אויגן
צו די יאָרן, צו דער צייט,
ווען אין קבר לאַנג שוין ליגן
וועל איך פון דעם לעבנס־שטרייט.

פרי באַזיגט, אַ יונגער קרבן
פון דער ווילדער טיראַניי;

ניט געוואַלטיק געשטאָרבן,
לעבן וועלנדיק חאַביי —

בילדער, שוואַרץ־געפאַרבטע בילדער,
זע איך פילע יעצט פאַר מיר —
און איך קלער, איך דענק, איך שילדער,
וואָס יועט ווערן דאַן פון דיר?

וואָס קען ווערן פון איין אָרעם
קינד זאָ עלנד, ווי אַ שטיין:
ווּעסטו קענען קעגן שטורעם
קעמפן מוטיק גאַנץ אַליין! (?)

ווּעסטו קענען רואיק לעבן,
שטיל פאַרטראָגן אַלע שלעג;
אָדער דיר וועט אויך ניט מיידן
יענע גרויזאַם־שענדלעך וועג?

און פיליכט אין דיינע צייטן
וועלן מענטשן פריי שוין זיין
פון די שקלאַפן־שווערע קייטן,
פון די צרות, פון דעם פיין, —

און אַ נייעם פרייען לעבן
וועלן דיינע אויגן זען;
ווען די מענטשן וועלן שטרעבן,
דאָס קיין שלעכטעס זאָל געשען?

און עס בייטן זיך די בילדער
שנעלער ווי ס׳געדאַנקען מיין;
און איך קלער, איך דענק, איך שילדער,
וואָס מיט דיר וועט דעמאָלט זיין?!

נאָענט צו אָט־דעם ליד שטייט דאָס ליד „די יונגע פעדלערקע“.
ער רופט עס אָן — „אַ בילד“. באמת געהערט עס צום מין געשטאַלט־

לידער. דאָס געשטאַלט־ליד אין דער פּראָלעטאַרישער פּאָעזיע האָט, אייגנטלעך, אַריינגעבראַכט מאָריס ווינטשעווסקי. זיינע „לאָנדאָנער סילועטן" האָבן אונדז געוויזן די אומגליקלעכע געשטאַלטן אין דער אינדוסטריעלער שטאָט. באַוואוסט צי אומבאַוואוסט האָבן אַלע פּאָעטן אין דער סאָציאַלער תקופה איבערגענומען ביי ווינטשעווסקין די געשטאַלטן ווי אַ טעמע אין דער סאָציאַלער פּאָעזיע. עס איז געגנוג צו דערמאָנען ווינטשעווסקיס באַרימטע געשטאַלט־לידער „אַ מיידל אין דער סיטי". לאָפּוכאָווס „די יונגע פּעדלערקע" געהערט צו דעם דאָזיקן מין לידער. אַגב, איז עס מן הסתם דאָס לעצטע ליד, וואָס ער האָט געשריבן אין די 90־ער יאָרן. געדרוקט האָט ער עס אין „פרייער אַרבעטער שטימע", דעם 27טן אַפּריל, 1894.

די יונגע פּעדלערקע

(אַ בילד)

איך קען אַ קליינע מיידעלע,
איך זע איר אָפט אין גאַס,
איר בלאַסע, שמאָלע פּנימל
פון טרערן אימער נאַס.

און אימער זע איך שטייענדיק
דאָס צאַרטע קליינע קינד,
און דרייען זיך אויסבייגנדיק
אין רעגן, פראָסט און ווינד.

מיט טרוקן, בלויע ליפּעלעך
צעשפּאָלטן און פאַרשמאַכט,
זאָ שטייט זי אָפּ דעם גאַנצן טאָג,
פון פרי ביז שפּעט אין נאַכט.

זי שטעלט אויס איר קליין הענטעלע
און מיט איר קינדער־קול
רחמנות, מיטלייד בעטנדיק,
פאַרהאַלט זי מיך אַמאָל.

די מוטער האָט איר טעכטערל
אַרויסגעשיקט אויס נויט,
פאַרקויפן זיסן שאָקאָלאַד,
פאַרדינען כאָטש אויף ברויט.

איך קויף פון איר דעם שאָקאָלאַד,
עס נעמט מיר ביי דאָס הערץ
איר זיסער, טרויער־קולכעלע,
איר מוטערס טיפער שמערץ — — —

דער קאָפּ פון שרעקלעך־פינצטערע
געדאַנקען ווערט מיר שווער,
וואָס קען פון דער קליין מיידעלע
נאָך זיין, טו איך אַ קלער?

אָ, זאָג מיר, בלאַסע מיידעלע,
ערקלער מיר, ליבע מיין,
וואָס וועסטו נאָך פאַרקויפן דאַן,
ווען דו וועסט עלטער זיין? —

צוואַנציק יאָר שפּעטער

מיטן ליד „די יונגע פעדלערקע" האָט פאַר לאָפּוכאָוון זיך פאַר־ענדיקט אַ גאַנצער קרייז אין זיין שרייבן לידער. מען באַגעגנט מער ניט זיין נאָמען העכער צוואַנציק יאָר. אין 1915 ווייזן זיך ווידער זיינע לידער. זיי זיינען שוין געדרוקט אונטער אַן אַנדער נאָמען. שוין ניט לאָפּוכאָוו, נאָר טעהאָ. קאַרמען. ווי דערמאָנט פריער, מיר ווייסן בלויז וועגן צוויי לידער, וואָס געהערן צו דער לאַנגער צוואַנציק־יאָריקער הפסקה. דאָס זיינען: דאָס סאָציאַלע ליד „אין קאַמער אַ טיש מיט צוויי שטולן", און דאָס יידיש־נאַציאָנאַלע ליד „אַ יידישער מאָטיוו". אין דער אמתן איז דער „יידישער מאָטיוו" מער אַ פערזענלעך ווי אַ יידיש־נאַציאָנאַל ליד. זיין אַלעגאָריע דערמאָנט אונדז אין „על נהרות בבל". די שטימונג איז דאָ אַ יחידישע, אַ פערזענלעכע. דער איינדרוק איז, ווי ער וויל דערקלערן זיין שווייגן. „טרוקן איז מיין גומען, הייזע־

ריק מיין שטים, מיין ישועה שיקט ניט, שיקט ניט אלהים". ער איז אין אַ פרעמד לאַנד, אַרומגערינגל'ט מיט שונאים. ביי זיין מקדש וואַקסן ווילדע דערנער. ער וואָלט בייגעקומען די פּלשתים אַרום זיך. פעלט אים אַ דוד . . .

אין די שטומע וועלן,
ביי דעם ירדנס זוים,
ליגט מיין טרוים פאַרזונקען
ליגט מיין אַלטער טרוים...

אויף אַ בבל־ווערבע
הענגט מיין פידל מיד,
בעט מיר ניט מער זינגען,
בעט פון מיר קיין ליד.

טרוקן איז מיין גומען,
הייזעריק מיין שטים,
מיין ישועה שיקט ניט,
שיקט ניט אלהים.

דערנער, ווילדע וואַקסן
ביי מיין מקדש־טיר,
פּלישתים וואו איך קער זיך,
ס'פעלט אַ דוד מיר...

זאָל פאַרוועלקן, דאַרן
מיט דיר די רעכטע האַנט,
אויב איך ריר מיין פידל
אין אַ פרעמדער לאַנד.

(פון מאַנוסקריפט, 1908)

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם דאָזיקן ליד מחמת אַ באַ־
שטימטן טעם. דאָס ליד איז אַ געוועב פון עטלעכע מאָטיוון. דאָס באַ־
טאָנט אַ מין איבערגאַנג־צייט בעת דעם פּאָעטס חלומען אַלץ וועגן אָנ־

רירן זיין פידל. דעם לידס הינטערגרונט, די אַלעגאָריע איז אויסגע־האָפטן ווי אַ יידישער מאָטיוו. די שטימונג איז אַ ריין־פּערזענלעכע. די רמזים באַציִען זיך אויפן אומגליקלעכן סאָציאַלן לעבן, אויפן עקאָ־נאָמישן מצב. דאָס לעצטע איז דאָך שולדיק אין דעם דיכטערס שווייגן. דער סאָציאַלער קאַמף קעגן די שונאים איז אויסגעדריקט אין דעם זאַץ וועגן די ווילדע דערנער, וואָס וואַקסן ביי זיין „מקדש־טיר". וואו ער קערט זיך זיינען פאַראַן שונאים, פלשתים. נאָר עס פעלט אים כוח זיי בייצוקומען, „ס'פעלט אַ דוד מיר..." און ווי פּסיכאָלאָגיש ריכטיק עס איז... בעסער געזאָגט, ווי ריכטיק דאָס איז פּאָעטיש: אַזוי ווי ער קען ניט זינגען, זאָגט ער — ער וועט בשום אופן ניט וועלן זינגען. ער שווערט, זיין רעכטע האַנט זאָל פאַרוועלקן, אויב ער וועט אָנרירן זיין פידל אין אַ שנאהדיק לאַנד...

בעתן צווייטן פּעריאָד אין זיין שאַפן, אָנגעהויבן אין 1915, רירן זיינע לידער אָן וואָס ווייניקער סאָציאַלע מאָטיוון. זיי זיינען על־פּי רוב דורכגענומען מיט יחידיש־פּערזענלעכע טעמעס. דאָ און דאָרטן ווייזט זיך אַ געזעלשאַפטלעך ליד. איינגאַנצן זיך אָפּרייסן דערפון קען ער ניט. אָבער צו אָפט באַווייזן זיי זיך ניט. און ווען זיי באַווייזן זיך, זיינען זיי ווי טענער פון אַ פריערדיקער וועלט. בעת ער האָט זיך שוין באַנוצט מיטן נאָמען טעהאָ, קאַרמען, שרייבט ער זיך ווידער אונטער ס. לאָפּוכאָוו אונטערן ליד „דאָס שמידן־ליד", וואָס ער ווידמעט דער „פרייער אַרבעטער שטימע". דאָס ליד איז טאַקע געדרוקט אין דער „פרייער אַרבעטער שטימע", סוף אויגוסט, 1916. מיר וועלן דאָ אי־בערגעבן דאָס ליד מיט דעם מחברס אייגענע אויסבעסערונגען:

דאָס שמידן־ליד

(געווידמעט דער פ. א. ש.)

פאַרפלייצט האָט מיט גאָלדענע ליכטיקע שטראַלן
די זון פונעם קלויסטער דעם דאַך...
אין שלאָפן פאַרטרונקענע ליגן נאָך אַלע,
נאָר איינער, דער שמיד, איז שוין וואַך.

ווי קנוילן פון אייזן די מוסקולן סטאַרטשען,
און גבורהדיק אָטעמט זיין ברוסט,

ער שטייט און פּאַכעט דעם לעדערנעם בלאָזאַק
און זינגט צו אַ לידל מיט לוסט.

עס לעבן די שטיינערנע קוילן אויף ווידער
און שפּריצן מיט פונקען אַרויס,
זיי פליען און זשומען, ווי טויזנטער פליגן,
און פאַלן און לעשן זיך אויס...

שוין צוגעגרייט ליגט אויף דער קוזניע־האַרובע
אַ שטיק אויסגעלייטערטער שטאָל,
מיט פּאָרזיכט געגאָסן, געטעמפּערט, געוואויגן,
געמאָסטן אַ יעטווידע צאָל.

דער שטאָלענער שטאַנג ווערט אַלץ הייסער און רויטער,
און ברענט, ווי די קוילן, מיט גלוט.
עס לויכטן דעם שמיד אויף די ליכטיקע אויגן,
זיי שיינען מיט האָפן און מוט.

ער גייט איצטער שמידן, ער גייט איצטער שמידן
אַ שפּאָגל, גאָר נייעם, אַנטיק.
ער גייט איצטער שמידן, ער גייט איצטער שמידן
פאַר זיך און פאַר אַלעמען גליק.

ער גרייפט מיט אַ פּאָר אומגעהייערע צוואַנגען
דעם גליענדן, פינקלענדן שטאָל,
און האַמערט און האַמערט אַ שווערד אויס אַ גרויסן,
און שענקט עס דעם אָרעמען קהל.

מיט אָט־דער לעצטער שורה „און שענקט עס דעם אָרעמען קהל" ענדיקט זיך דאָס ליד. אַזוי איז עס אין אַן אויסגעבעסערטן מאַנוס־קריפּט, וואָס דער דיכטער האָט איבערגעלאָזן. אין דער „פרייער אַר־בעטער שטימע" איז עס געווען גאָר אַן אַנדערע שורה: „ווייל זינגע־דיק, וועקנדיק קהל". און דאָס געזאַנג צום „קהל" האָט ער אויסגעלאָזן אין דער שפּעטערדיקער רעדאַקציע. אין דער „פרייער אַרבעטער

שטימע״ איז עס באַשטאַנען פון דריי סטראָפעס, אין גייסט פון אַן אַמאָליק רוף־ליד:

שטייט אויף, שטייט אויף אַצינד,
פאַרגאַנגען איז די נאַכט!
דו מאַן, דו פרוי, דו קינד,
פון שלאָף ערוואַכט, ערוואַכט־

מיט מוט, מיט מוט, מיט מוט,
גורט־אָן, גורט־אָן מיין שווערד.
פון בלוט, פון בלוט, דורך בלוט
באַפרייט, באַפרייט די ערד.

פון קרוינען, פון אומרעכט
באַפרייט, באַפרייט די ערד,
פון שררים און פון קנעכט,
פון שווערד, פון שווערד, דורך שווערד.

די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה רופן אין אים אַרויס עטלעכע לידער. מער ווי אַלע אַנדערע לידער צייכן זיי זיך אויס מיט דעם יידישן טאָן, וואָס מיר האָבן געהערט אין זיין ליד אין יאָר 1908 „אַ יידישער מאָטיוו״. איינס פון די פיר־פינף פּאָגראָם־לידער האָט ער אָפּגעדרוקט אין ניו־יאָרקער „טאָג״, דעם 23־טן אָקטאָבער, 1915, אונטערן נאָמען טה. קאַרמען. דאָס ליד הייסט:

ביי דעם טייך ניעמאַן

ביי די ברייטע ברעגן פון דעם טייך, דעם ניעמאַן,
זיצן טויזנטע אבלים, יונגע, אַלטע,
קינדער שוואַכע, בלאַסע, צאַרטע, פרויען, —
יהודהס שענסטע טעכטער — הונגעריקע, קאַלטע.

זיצן טויזנטער אבלים, ווי אין בבל,
זינגען נייע לידער מיטן אַלטן ניגון,

זיפצן, קלאָגן אויפן נייעם גלות רוסלאַנד,
קינות זאָגן אַלע, קינדער אין די וויגן.

ביז צום הימל די פאַרשטיקטע קולות גרייכן,
פון די פרויען די יללות רירן שטיינער:
„זע, וואָס פון דיין פאָלק ישראל איז געוואָרן!"
רואיק בליסט דער ניעמאַן, קיינער ענטפערט, קיינער . . .

מיטן אויסנאַם פון אַ ליד אין אָנדענק פון סאַקאָ און וואַנזעטי און אַ מלחמה־מאָטיוו, הערט ער אויף אײַנגאַנצן שרייבן אויף געזעלשאַפט־לעכע טעמעס. זיינע לידער ווערן יחידישע. געמאָטערט פון קראַנ־קייט, אָן אָפּגעשוואַכטער און פאַרדאגהטער, דערווייטערט פון אַקטיוון געזעלשאַפטלעכן לעבן, שרייבט ער לידער וועגן זיך און אַרום זיך. דער טויט פון דוד פינסקיס יונגן זון גבריאל, אין 1916, רופט אין אים אַרויס דאָס ליד:

געווען אַ יינגעלע

(צום אָנדענק פון אַלע יינגעלעך)

געווען אַ יינגעלע — ניטאָ!
מיט לאָקן גאָלדענע,
געקרויזט און שיין פריזירט,
דער שיינער קעפּעלע
ווי מיט אַ קרוין פאַרצירט.

געווען אַ יינגעלע — ניטאָ!
מיט ליפּן רויטינקע
און זאַפּטיקע ווי טוי,
מיט אויגן ליכטיקע
און ווי דער הימל בלוי.

געווען אַ יינגעלע — ניטאָ!
אַ יעדער אויגן־בליק —

אַ העלער חוגען־שטראַל,
אַ יעדער קלוגער וואונק —
פון האָפענונג אַ קוואַל.

געווען אַ ייִנגעלע — ניטאָ!
אַ קליינער שטיפּעריל,
ער שפּרינגט אַריין, אַרויס,
פילט מיט געלעכטער אָן
די גאַנצע גרויסע הויז.

געווען אַ ייִנגעלע — ניטאָ!
אַ קינד אַ ליבינקער,
דעם טאַטע־מאַמעס טרייסט,
געווען אַ ייִנגעלע —
וואו איז ער איצט, ווער ווייס?

אַ רירנדיק־פּערזענלעך ליד האָט ער אָנגעשריבן נאָכן טויט פון זיין יוגנט־חבר און שוואָגער, דעם פּאָעט יוסף יפה. געשריבן האָט ער עס וועגן יוסף יפהס פּאַראייגזאַמטער פרוי, בעלאַ. רירנדיק איז דאָס, וואָס ער שרייבט דאָס ליד צו אַ מענטשן, וואָס האָט אַליין געשריבן לידער, און וואָס איז געבליבן אייניקע אַליין אויף דער וועלט. רירנדיק איז אויך דאָס, וואָס דאָס איז קאַרמענס כמעט לעצט ליד. ער האָט עס געשריבן פעברואַר 1938, בעת ער האָט שוין געלעבט אין דער וועלט פון חשכות, דאָס ליד הייסט:

יוספס בעלא

זי האָט איר יוספן
צום לעצטן מאָל באַגלייט,
אַ בערגל שוואַרצע ערד
האָט איר און אים צעשיידט.

פאַרגליווערט אין איר אויג
געבליבן איז אַ טרער,

זי זיצט און ברעכט די הענט,
זי קען ניט וויינען מער.

אין פענצטער קלאַפּט דער ווינט,
אַ שטורעמדיקע נאַכט.
זי זיצט ביי יוספס טיש
און גאָט ווייס וואָס זי טראַכט.

פון יעדער ווינקעלע
ווינקט יוספס בליק צו איר,
דער אַלטער שרייבטיש זינגט
פון יוספס בוך אַ שיר.

„אַ קליאַטשקעלע איז זי,
אַ פערדעלע איז ער.״
דער אַלטער שרייבטיש ברומט:
אַליין וועט זיין איר שווער!...

זי מורמלט שטילערהייט:
אים, יוספן איז גוט,
ער שלאָפט אין קבר שטיל,
אין אייביקייט באַרוט.

און זי אַליין, אַליין
אין גרויסער מהבר־וועלט!
אין פענצטער רייסט דער ווינט,
זי ציטערט אויף פון קעלט.

זיך אַליין האָט דער קראַנקער דיכטער אויך אַזוי באַטראַכט. ער האָט זיך געזען אַ מידן, אַ פאַרוואָרפענעם, אָן אָפּגעשיידטן פון קאָכע־דיקן לעבן. אין 1915 איז ביי אים געווען אַ יום־טוב. נאָך 20 יאָר שווייגן האָט אים „די מוזע ווידער באַזוכט״. מיט 15 יאָר שפּעטער האָט ער וועגן זיך געשריבן „זיינע פליגלען הענגען מיד, אויסגעזונגען איז זיין ליד.״

אַלעגאָרישע יחידישקייט

זיין פּערזענלעך ליד האָט געהאַט צו טאָן נאָר מיט אים אַליין ווי מיט אַ מידן, קראַנקן דיכטער. דאָס האָט גאָרניט געהאַט צו טאָן מיט דעם פּערזענלעכן מאָטיוו אין דער אימפּרעסיאָניסטישער פּאָעזיע ביי די „יונגע". עס איז ניטאָ קיין שום ספק, די „יונגע", די אימפּרעסיאָניסטן, האָבן באַווירקט די עלטערע פּאָעטן. אָבער די עלטערע פּאָעטן זיינען ניט אַוועק אין דער וועלט פון האַלב־טענער, האַלב־ליכט. זיי האָבן ניט סוביעקטיוויזירט דאָס בילד גופא, ווי דאָס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין דער מוזיק, למשל, ביי דעביוסי. די אַטמאָספערע ביי זיי איז געבליבן אַ כמו־רעאַליסטישע. און אין דער דאָזיקער כמו־רעאַליסטישער אַטמאָספערע האָט דער אַמאָליקער סאָציאַלער פּאָעט געשריבן וועגן זיך. דאָס אַלץ. אין בעסטן פאַל האָט ער געשריבן וועגן זיך אין אַלעגאָרישע בילדער. כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם איז דאָס ליד:

ווי ביי פייגעלעך פאַסירט

אין אַ וועלדל, אין אַ טאָל,
האָט אַ פויגל־יונג אַמאָל,
אויף אַ הויכן גרינעם בוים
אויסגעבויט פאַר זיך אַ היים.

אויסגעבעט דעם נעסט מיט פּראַכט,
אַ געליבטע דאָרט געבראַכט,
אַ געזינדל אויסגעפירט,
ווי ביי פייגעלעך פאַסירט.

פרילינג־צייט אַ יעדן יאָר
האָט זיי גוטער גאָט אַמאָר
צוגעשיקט אַ נייעם דור,
יונגע פייגעלעך אַ פּאָר.

טאַטע, מאַמע, ליבן צאַרט,
מיילכלעך אָפן, יונגוואַרג וואַרט:

טאַטע ברענגט אַ פֿליגעלע,
מאַמע זינגט אַ ניגעלע.

און דער פֿויגלשער געזאַנג
הערט אין טאָל זיך יאָרנלאַנג.
ביי דעם טאַטע־פֿייגלס טיר
לערנען פֿייגעלעך אַ שיר.

יאָרן לויפֿן שנעל פֿאַרביי,
נייע דורות, לידער ניי,
און די יונגע ליבן ניט
מער דעם אַלטן מיט זיין ליד.

„אונדזער ליד קליגנט אַנדערש גאָר" —
זינגען אַלע זיי אין כאָר, —
„זיינע פֿערזן הינקען צו",
שפּאַסן זיי און ווינקען צו.

„ער האָט זיינע אָפּגעלעבט,
איז אין גאַנצן אויסגעוועפּט,
ווייל אונדז יונגע ניט פֿאַרשטיין,
זאָל דער אַלטיטשקער זיך גיין!"

ווערט אַ רושם אין דעם וואַלד,
אַ געטומל, אַ געוואַלד...
און דער אַלטער אימיגרירט... —
ווי ביי פֿייגעלעך פּאַסירט.

ערגעץ ווייט פֿאַרוואָרפֿן זיצט
אונדזער אַלטער פֿייגל איצט;
זיינע פֿליגלען הענגען מיד,
אויסגעזונגען אין זיין ליד!...

(פֿון מאַנוסקריפּט, יאַנואַר, 1931)

אין דער דאָזיקער שטימונג האָט ער אָפּגעלעבט כמעט די צווייטע העלפט פון זיין לעבן. די שטימונג איז געווען: „איך זוך אַלע האָפענונגען יענע, וואָס זיינען געגאַנגען פאַרלאָרן” („פאַנטאַזיע”). געווען ביי אים אויך פריידיקע מאָמענטן, „קליינע פריידן”. געווען מאָמענטן ווען ער האָט דערפילט דעם אייביקן גאַנג אין די „קליינע פריידן”: „מיין ליד איז אַלט, מיין ליד איז ניי, אַזוי איז אויך דער חודש מאַי” (מאַי, 1928). אין דער דאָזיקער שטימונג האָט ער דעמאָלט איבערגעזעצט טאַגאָרס לידער פון דער זאַמלונג „דער גערטנער”. ער האָט די ענגלישע לאַנזאַמע פּראָזע פאַרוואַנדלט פריי אין געגראַמטע לידער. די לידער זיינען דערפאַר פרייע איבערזעצונגען. ווי עס זעט אויס, איז קאַרמען ניט געווען פאַראינטערעסירט איבערצוזעצן טאַגאָרן. אים איז געגאַנגען מער אין אָטעמען אין אַ קלימאַט, וואָס איז געווען נאָענט צו זיין געמיט. ער האָט געפונען אין טאַגאָרן פאַרבאָרגענע טענער, וואָס האָבן טיף געדרעמלט אין זיין האַרץ. די ענגלישע ניט־געגראַמטע לאַנגזאַמע פּראָזע האָט ער איבערגעדיכט אין זיינער אַן אייגענער פאָרם. דאָס איז על־פּי רוב דער געגראַמטער פיר־פּערז. על־פּי רוב גראַמט ער די צווייטע און פערטע שורה. ווי אַן אילוסטראַציע וועלן מיר נעמען טאַגאָרס צווייט ליד אין זיין בוך „דהי גאַרדנער”, וואָס ראַבינדראַנאַט טאַגאָר אַליין האָט פון בענגאַלי איבערגעזעצט אין ענגליש (ניו־יאָרק, מעקמילען קאָ., 1913):

“Ah poet, the evening draws near; your hair is turning grey. .
“Do you in your lonely musing hear the message of the hereafter?”

“It is evening,” the poet said, “and I am listening because some one may call from the village, late though it be.
“I watch if young straying hearts meet together, and two pairs of eager eyes beg for music to break their silence and speak of them.
“Who is there to weave their passionate songs, if I sit on the shore of life and contemplate death and the beyond?

“The early evening star disappears.
“The glow of a funeral pyre slowly dies by the silent river.
“Jackals cry in chorus from the courtyeard of the deserted house in the light of the worn-out moon.

"If some wanderer, leaving home, came here to watch the night and with bowed head listen to the murmur of the darkness, who is there to whisper the secrets of life into his ears if I, shutting my doors, should try to free myself from mortal bonds?

"It is a trifle that my hair is turning grey.

"I am ever as young or old as the youngest and the oldest of this village.

"Some have smiles, sweet and simple, and some a sly twinkle in their eyes.

"Some have tears that well up in the daylight, and others tears that are hidden in the gloom.

"They all have need for me, and I have not time to brood over the after-life.

"I am of an age with each, what matter if my hair turns grey?"

מיר גיבן דאָ פריער אונדזער איבערזעצונג:

„אָ, דיכטער, דער אָוונט נעענט; דיינע האָר ווערן גרוי.
אין דיין איינזאַם טראַכטן הערסטו די בשורה פון יענער וועלט?"

„ס'איז אָוונט", האָט געזאָגט דער דיכטער, „און איך האָרך, ווייל עמיצער קען אָנקומען פון דאָרף, כאָטש ס'איז שפּעט.

איך לוג צי יונגע וואַנדערנדיקע הערצער קומען זיך צונויף, און צוויי פּאָר גיריקע אויגן לעכצן, מוזיק זאָל פאַרענדיקן דאָס שווייגן און ריידן פאַר זיי.

ווער איז דאָ צו שפּינען זייערע ליידנשאַפטלעכע לידער, אויב איך זיץ אויפן ראַנד פון לעבן און באַטראַכט טויט און וואָס עס איז אויף יענער זייט.

דער ערשטער אָוונט־שטערן פאַרשווינדט.
די גלוט פון די לוויה־שייטער שטאַרבט אָפּ פּאַמעלעך ביי דעם שווייגנדיקן טייך.

שאַקאַלן שרייען אין אַ כאָר פון הויף פון פאַרוואָרלאָזטן הויז אין ליכט פון דער אויסגעמאַטערטער **לבנה.**

אויב עפּעס אַ וואַנדערער, פאַרלאָזנדיק די היים, זאָל קומען אַהער צו היטן די נאַכט און מיט געבויגענעם קאָפּ הערן די מורמלען פון פינצטער, — ווער, ווער וועט דאָ פליסטערן די סודות פון לעבן אים אין די אויערן, אויב איך וועל פאַרהאַקן די טירן און וועל זיך מיען זיך צו באַפרייען פון די שטערבלעכע פּענטעס ?

ס'איז אַ קלייניקייט, וואָס מיינע האָר ווערן גרוי.

איך בין נאָך אַלץ אַזוי יונג אָדער אַזוי אַלט ווי דער יינגסטער אָדער דער עלטסטער דאָ אין דאָרף.

טייל שמייכלען, זיס און פּשוט, און אַנדערע האָבן אַ ביטערן פינקל אין די אויגן.

טייל האָבן טרערן, וואָס קוועלן־אויף אין טאָגליכט, און אַנדערע — טרערן, פאַרבאָרגענע אין דער פינצטערניש.

זיי אַלע דאַרפן מיך, און איך האָב ניט קיין צייט צו שווערמען אין זאָרג וועגן יענער וועלט.

איך בין אַזוי אַלט ווי יעדער איינער, איז וואָס מאַכט עס אויס, אויב מיינע האָרן ווערן גרוי".

טעאָ. קאָרמענס יידישע איבערדיכטונג האָט אין זיך דעם זעלביקן פּאָעטישן מאָטיוו, די זעלביקע בילדער. די פאָרם, דער ריטם — זיי זיינען אין גאַנצן אַנדערע :

גרויער ווערן דיינע לאָקן,
אונטז גנבעט זיך באַזאַכט;
ווען דו ביסט פאַרטיפט אין טרוימען,
דיכטער, דענקסטו ניט פון נאַכט?

אונטז איז שוין אָנגעקומען,
וואַרט איך זיצנדיק ביים שוועל,

יעקב מאַרינאָוו לייענט פאָר אַ ליד ט. לאָפּוּכאָוון
דענווער, קאָלאָראַדאָ, 1895.

ביז פון נעפל קומט אַ שליח
רופן, איך װעל קומען שנעל.

אין דעם נעפל װאַרטן דאָרטן
אַלע אָװנט יונג און אַלט
אומגעדולדיק פאַר מײַן זינגען,
װען זײ רופן, קום איך באַלד.

מײַנע לידער מאַכן לינדער
אַלטע לײַדן, יונגע װײ,
איך פאַרטרײַב פון דאָרט דעם אומעט,
מײַנע לידער טרײסטן זײ.

איך בין אַלט, װען עלטער טרויערט,
איך בין יונג, װען יוגנט לאַכט,
אין מײַן אַלטקײט בליט די יוגנט,
דענק איך ניט פון טויט און נאַכט.

(פון מאַנוסקריפּט, 1928)

די זעלביקע שטימונג, דער דורכזיכטיקער מיסטיציזם, די סקעפּ־טישקײט, בילדלעכע פרײד און באַדויער האָבן אים באַװויגן איבער־צוזעצן פיצדזשעראַלד פערזן פון אָמאַר כאַיאַם. די איבערזעצונג איז אַ פרײַע. די גראַמען זײַנען די זעלביקע װי אין זײַנע טאַגאָר־איבער־דיכטונגען: די צװײטע שורה גראַמט זיך מיט דער פערטער. כדי צו געבן אַ באַגריף װי זײ זעען אויס װעלן מיר דאָ ברענגען עטלעכע רובאַיען:

1

װאַכט אויף! פאַרטריבן האָט די זון
די שטערן און די שװאַרצע נאַכט,
און האָט דעם סולטאַנס טורעם־שפּיץ
פאַרפלײצט מיט ליכט און מאָרגן־פּראַכט.

2

נאָך אײדער טאָג האָט אויפגעשײַנט,
פון שענק אַ קול שרײַט אויס, דוכט מיר:

„דער טעמפל שטייט שוין צוגעגרייט,
וואָס דרעמלען חסידים הינטערן טיר״?

3

נאָר מיט דעם ערשטן הענער־קריי
פון דרויסן רופט מען ראַשנדיק:
מאַכט אויף די טיר, מיר גייען אָפּ,
ווער ווייס צי קומען מיר צוריק!

4

ניטאָ איראַם, ניטאָ זיין רויז,
און יאַמשידס צויבער־כּוס וואו איז?
דאָך בליט דער ווייַנשל פרילינג־צייט,
דער ווייַן אין בעכער דאָ איז זיס.

6

צום ברעג מיט רויטן ווייַן דעם קרוג
פיל אָן, טרינק פיל דיין האַרץ געלוסט!
אין פרילינג־פלאַם נעם וואַרף אַריין
דעם ווינטער־זיפּץ פון קראַנקן ברוסט.

19

אין אונדזער לעבן העלע טעג
געדויערן איין אויגנבליק,
געשווינדער פון דעם פלינקן ווינט
פאַרשווינדט דעם מענטשנס גרעסטע גליק.

די לעצטע רובאיען פון דער פרייער איבערזעצונג זיינען געשריבן אויפן זעלביקן אופן ווי די אַלע פריערדיקע. מיר וועלן דאָ ברענגען ווי אַ מוסטער די לעצטע דריי רובאיען:

211

אויב נאַרן נאַר באַגנעדיקסטו
מיט חן אַ גרויסן פולן קרוג,
דאַן שיק דיין מזל־ברכה מיר:
אויך איך בין גאָרניט אַזוי קלוג.

212

אויב די נשמה נאָכן טויט
אין הימל פליען קען אַרויף,
וואָס פאַר אַ שאַנד, וואָס פאַר אַ שאַנד
איר זיצן דאָ אין שוואַכן גוף.

213

אָ ליבסטע מיין! ווען איך האָב מאַכט
צו חרוב מאַכן דיזע וועלט,
אַ נייע וועלט אַ שענערע
וואָלט איך מיט פרייד צונויפגעשטעלט.

דאָס איז געווען קאַרמענס שטימונג אין יענער צייט. זי האָט זיך געוויגט צווישן דער כאַיאַם־סקעפּטישקייט און דעם מיסטישן טאַגאָר־אומעט. דער גרונט־טאָן פון זיין ליד אין זיין צווייטן פּעריאָד שאַפן איז ליריזם. דאָס איז אַ ליריזם פון אַן עלנטער נשמה. טרוימען, דוכ־טענישן, זכרונות, בענקשאַפט — דאָס זיינען די מאָטיוון.

פאַר דער דאָזיקער ליריק איז כאַראַקטעריסטיש זיין ליד „עלנט" (יאַנואַר, 1931), וואָס ער האָט געשריבן אין טאַגאָר־סטיל:

אָ, די בענקעניש, דער אומעט!
אָ, די איינזאַמקייט, די עלנט!
אָ, דער טרויער אויפן האַרץ
ווי אַ שטורעם־וואָלקן שוואַרץ!

מייד ניט אויס מיין טיר, אָ, פרעמדער,
שטעל זיך אָפּ, פאַרזאַם אַ ווײַלע,
נעם מיין מאַנטל, נעם מיין העמד,
נעם מיין קישן, זײַ ניט פרעמד!

באַלד פאַרגייט די זון אין מערב,
אין מיין שטוב קענסטו פאַררוען,
זע, דער טיש איז צוגעגרייט:
וויין אַ גלאָז און זאַלץ מיט ברויט.

הונגעריק איז מיין נשמה,
לאָז דיין קול מיר הערן, פרעמדער,
רייד, דערצייל מיר, וואָס דו ווייסט,
אפשר ברענגסטו מיר אַ טרייסט.

איז ער שטום, צי טויב, דער פרעמדער?
קערט ניט אום זיין קאָפּ אפילו...
שטילער ווערן זיינע טריט,
מיינע זיפצן הערט ער ניט!

דער לירישער טאָן איז געווען דער הויפּט־טאָן אין זיין גאַנצער פּאָעזיע. אין זיין סאָציאַל־ליד האָט שוין געהערשט די לירישע שטי־מונג. אין יאָר 1915, ווען ער האָט ווידער אָנגעהויבן שרייבן, נאָך 20 יאָר שווייגן, איז אויפגעקומען זיין פּערזענלעך ליד. אין דעם דאָזיקן ליד איז די ליריק געוואָרן באַזונדערס ניכר. אָסיען־מאָטיוון זיינען געוואָרן זיין באַליבטסטע טעמע. ער האָט אָנגעשריבן אַ שפּאָר ביסל אָסיען־לידער, אָדער לידער מיט האַרבסט־שטימונגען. מיר ווילן דאָ איבערגעבן אַ מוסטער:

אַן אָסיען־ליד

וואָס האָט גערויבן, צעשטערט
מיין רו אין מיטן נאַכט?
מיר דוכט, איך האָב געהערט

אין פענצטער קלאַפּט באַזאַכט...
איך בין נאָך שלעפעריק און מיד...
אַלץ שטאַרקער, שטאַרקער קלאַפּט,
די פענצטער רייסט אין הויז;
איך האָב זיך אויפגעכאַפּט
און שפּרינג פון בעט אַרויס:
— געוועקט האָט מיך אַן אַסיען־ליד...

אין דעם זעלביקן יאָר, אין 1917, שרייבט ער דאָס ליד —

זומער־נאַכט

פאַרוויקלט ליגט אין טרוים די גאַנצע וועלט,
פאַרכּישופט פון דער שטילער זומער־נאַכט.
דער פויגל שלאָפט אין נעסט, פאַרוויגט פון בוים,
אַליין נאָר די לבנה וואַכט...

חלומות זיסע שוועבן אויף דער ערד,
אַ שטערן ווינקט און פינטלט צו דער נאַכט,
וואָס ליגט פאַרטונקלט אין זאַנפטער בלומען־דופט,
און די לבנה קוקט און לאַכט...

אין 1937 האָט ער אָנגעהויבן זיך דערנעענטערן צו דער שוועל פון דער נאַכט. „אויגן ווערן טונקל, טונקעלער טאָג־טעגלעך". די שטימונג איז ביי אים אַ געפאַלענע. „לעבנס־שפּיל איז אויסגעשפּילט". „מענטשנס לעבן אין אַ טרוים ווערט צעשוואומען ווי אַ שוים". טרוי־מען באַוועלטיקן אים, פאַרשווינדן, קומען ווידער אויף. ער לעבט אינ־גאַנצן מיט טרוימען. און אויב זיין ריאה האָט אים אויפגעהערט דינען די לעצטע זעקס יאָר פון זיין לעבן, איז דער חוש השמיעה געוואָרן שטאַרקער. דאָס איז איצט די איינציקע פאַרבינדונג מיט דער ווירק־לעכער וועלט. אָבער די ווירקלעכע וועלט איז ביי אים ניט די טעג־לעכע מענטשלעכע זאָרג. ער הערט זיך צו צו דער נאַטור, צום ווינט, צום רעגן, צו פייגל. ער הערט זייערע שמועסן, זייערע געזאַנגען, זייער רעש. עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר יענער שטימונג זיין ליד

„צווי פּאַלמען״. דאָס איז פון זיינע לעצטע לידער ביי דער שוועל פון דער נאַכט. געשריבן האָט ער דאָס ליד אין יולי 1937 :

צווי פּאַלמען

ביי מיין הויז ווי וועכטער שטייען
אַלטע פּאַלמען־ביימער צוויי,
טיף באַהאַלטן אין די בלעטער
טויזנט נעסטן האָבן זיי.

אין די נעסטן וואוינען טויזנט
פייגל־פּאַרלעך, אפשר מער,
זומער, ווינטער, אָן אַ חילוק,
נעסטן שטייען קיינמאָל לער.

כל המינים פייגל קומען
זוכן אין די ביימער רו,
יעדן יאָר געזינדלעך נייע
בויען נייע נעסטן צו.

מאָרגנס, ווען די זון אין מזרח
רויטלט־אָן דעם הימל־זוים,
נעמען פייגעלעך אָן פאַלן
צו דער ערד ווי ניס פון בוים.

אויסגעגלייכט די שטייפע פליגלען,
אויסגעקאַמט די פעדער־האָר,
שפּרינגען אַלע אויף און לויפן,
און פאַרשווינדן פּאָר נאָך פּאָר.

צום שאַנאַנזאַנץ, צו דעם מיסט־באַרג,
אומעטום ליגט אָנגעגרייט,
דאָ אַ ווערימל אַ פעטער,
דאָ אַ ברעקל אַלטע ברויט.

וואַסער טרינקען פֿליט מען דאָרטן,
ביי דעם שטיין פֿון קאַלטן קוואַל,
אָדער צו דעם ברעג פֿון טייכל,
וואו עס רוישט דער וואַסער־פֿאַל.

אָפּגעגעסן, אָפּגעטרונקען,
פֿליט מען צו די נעסטן זען
צי אין אָרדענונג איז אַלעס,
צי איז עטוואָס ניט געשען.

אין די קליינע שנעבלעך טראָגט מען
פּיצלעך שפּייז פֿאַר דער געזינד,
שטיקלעך רויטע, גרינע פֿעדים,
אַלץ, וואָס איינער נאָר געפֿינט.

און דעם גאַנצן טאָג כסדר
איז די נאָכבאַרשאַפֿט אַרום
פֿול מיט פֿייגלשע געשפּרעכן,
מיט געזאַנגען און מיט שום.

ס׳איז אַ נאַטור־ליד. אַ ליד פֿון „קליינע פֿריידן״. דער דיכטער הערט זיך צו צום לעבן: „און דעם גאַנצן טאָג כסדר, איז די נאָכבאַר־שאַפֿט אַרום, פֿול מיט פֿייגלשע געשפּרעכן, מיט געזאַנגען און מיט שום״. אַלץ קומט פֿאַר „ביי מיין הויז״. דאָרטן — „ווי וועכטער שטייען אַלטע פֿאַלמען צוויי...״ עס איז ממש אַ פּערזענלעך ליד. אַ לי־ריש־פּערזענלעך ליד. דאָך איז פֿאַראַן אין דעם ליד אַן אַלעגאָרישער אָנדייט אויפֿן מענטשלעכן לעבן. קליינע טאָגטעגלעכע זאָרגן. אַ מיסט־באַרג, וואו עס ליגט פֿאַר אונדז „אַ ווערימל אַ פֿעטער... אַ ברעקל אַלטע ברויט״. מיר פֿליען צוריק צו די נעסטן צו זען צי אַלץ איז אין אָרדענונג. „אין די קליינע שנעבעלעך טראָגט מען, פּיצלעך שפּייז פֿאַר דער געזינד...״ דאָס זיינען די „קליינעווירקלעכקייטן״. „קליינע זאָרגן״. אָבער דער פּאָעט הערט זיך צו צו די „פֿייגלשע גע־שפּרעכן, מיט געזאַנגען און מיט שום״. די ראַם, דער הינטערגרונט איז דאָ רעאַליסטיש. און אַנדערש האָט עס ניט געקענט זיין. דאָס סאָ־

ציאַלע ליד איז שטענדיק געווען אַ רעאַליסטיש ליד. בלויז אין מאָמענטן פון פּאַטאָס איז דאָס ליד געווען רעוואָלוציאָנער־ראָמאַנטיש. דער דאָזיקער ראָמאַנטישער הויך האָט געלעבט ווען קאַרמען איז נאָך געווען דער יונגער, צאַרטער דיכטער לאָפּוכאָוו.

אין די יונגע יאָרן, אין זיין סאָציאַלן פּעריאָד, איז ראָמאַנטיש געווען דער הויך, דער הינטערגרונט. אין דעם פּעריאָד פון זיין „איך"־ליד, איז די הויפּט־סובסטאַנץ אין זיין ליד געווען ראָמאַנטיש. אָבער פונעם רעאַליסטישן באָדן איז ער ניט געווען אינגאַנצן אָפּגעריסן.

אין זיין פּאַל האָט דעם איבערגאַנג פון סאָציאַלן אין פּערזענלעכן ליד גורם געווען זיין פּערזענלעך לעבן: קראַנקייט, אַנטוישונג. — „איך זוך אַלע האָפענונגען יענע, וואָס זיינען געגאַנגען פאַרלאָרן" („פאַנטאַזיע"). מען קען אָבער אויך דערבליקן אינעם שינוי פון זיין ליד די געזעלשאַפטלעכע אַנטוויקלונג פונעם מאָדערנעם יידן אין אַמעריקע, ווי אויך די אַנטוויקלונג פון יידישן ליד.

יצחק זיילין

1941 — 1873

יצחק זיילין

אויפקום

ניט איין יידישער סאָציאַלער פּאָעט אין אַמעריקע אין די 80ער און 90ער יאָרן לעצטן יאָרהונדערט איז יונגערהייט אַנטשוויגן געוואָרן.

עטלעכע סאָציאַלע פּאָעטן, האָבן דערלעבט אַ בכבודיקע עלטער, אָבער דאָס ביטערע אימיגראַנטישע לעבן האָט פאַרשניטן זייער יעדער מעגלעכקייט זיך אָפּצוגעבן מיט ליטעראַטור. געוועזן, פאַרשטייט זיך, עטלעכע אויסנאַמען — וואָלפסאָן, פּרענאָוויץ. די פּאָעטן וויליאַם קאַיזער, עוזר סמאָלענסקין, דוד גאָלדשטיין, שלמה ז. רובין זיינען גיך אַנטשוויגן געוואָרן. דאָ און דאָרטן האָט ביי זיי אויך שפּעטער אויפגעציטערט, אויפגעפלאַמט אַ ליד, אָבער צו אָפט איז עס ניט פאָרגעקומען. די איינציקע, וואָס האָבן זיך צוריק באַוויזן מיט נייע לידער נאָך יאָרן שווייגן זיינען געווען מאָריס ראָזענפעלד, מאָריס ווינטשעווסקי, דוד עדעלשטאַט, מאָריס מאַרינאָוו און דוד גאָלדשטיין. אינטערעסאַנט — דוד גאָלדשטיינס נייע לידער האָבן בפירוש אויסגעטראָטן פאַר אים אַ נייעם וועג אין דער יידישער פּאָעזיע. זיי זיינען טאַקע צווישן די בעסטע לידער זיינע. אָבער צווישן די אינגאַנצן פאַרגעסענע פּאָעטן איז געווען איינער, וואָס איז סוף נייינציקער יאָרן אינגאַנצן פאַרשוואונדן. מען האָט פון אים אינגאַנצן ניט געהערט, אַזוי ווי אין וואַסער אַריין. דער דאָזיקער פּאָעט איז יצחק זיילין (זעילין).

אין די 90ער יאָרן האָט זיך באַוויזן אַ היפּשע צאָל נייע פּאָעטן. צווישן זיי געפינען מיר אויך דעם אינגאַנצן פאַרגעסענעם יצחק זייליגען. זיילין האָט זיך אָנגעהויבן דרוקן נאָך איידער עדעלשטאַט איז געשטאָרבן אין קאָלאָראַדאָ, דעם 17טן אָקטאָבער, 1892. פאַר אַ סך נייע פּאָעטן איז עדעלשטאַט געווען אַ לעגענדע נאָך ביים לעבן. עדעלשטאַט איז געווען אַ תהומיק־גלויביקער פּרינציפּיעלער מענטש. ער איז געווען אַ זויבערע, אַ ליכטיקע פּערזענלעכקייט. דער דאָזיקער יונגער פּאָעט־אידעאַליסט האָט אַרויסגערופן גרויס יראת־הכבוד. אין דער לעגענדע איז ער דערשינען ווי אַ מאַרטירער. און אַ מאַרטירער איז ער געווען — דער קראַנקער שווינדזוכטיקער דיכטער. דאָס האָבן אַלע געפילט

אין יענער צייט. דאָס האָבן נאָכמער געפילט יענע „אידעאַליסטן" און „רעוואָלוציאָנערן", די אַמאָליקע דענקער און קעמפער, וועמען עדעלשטאַט האָט פאַרגעהערכן:

זיי זיינען ניט לאַנג נאָך אַלס וואַרהייט פראָפעטן
געשטאַנען פאַר אונדז אויף דער פרייהייטס־טריבון,
און איצט, ווי פאַררעטער, ווי פייגלינגע שוואַכע,
באַהאַלטן זיי זיך פאַר דער ליכטיקער זון!

(„דאָס צייט ליד")

און אין דעם זעלביקן ליד כאַראַקטעריזירט עדעלשטאַט אַ גרויסן טייל אין דער דעמאָלטיקער יידישער רוסיש־ריידנדיקער אינטעליגענץ:

אַט זעסטו, קאַריערעס, טיטולן, דיפּלאָמען,
ביזנעס — דאָס אַכטן מיר, וואָס דאַרט ניט זאָגן!
מע קען מיט דעם קנאַקן, מע קען מיט דעם גלענצן
און לעבן דערצו אויף אַ גוטן טאָג.

עס זיינען, אָבער, געווען אַ סך נייע פּאָעטן, וואָס האָבן זיך פאַר־נומען אויף עדעלשטאַטס וועגן. זיי האָבן געחלומט עדעלשטאַטס חלום. זיי האָבן ממש פאַרגעטערט דעם „בלאָסן דיכטער". עס זיינען דעמאָלט אויך געווען אומפאַרשטענדלעכע פאַלן. דער פריערדיקער עדעלשטאַט־פאַרגעטערער פאַרנעמט זיך שפּעטער אויף וועגן וואָס זיינען געווען להלוטין פרעמד דעם דיכטער־מאַרטירער. אַזאַ אומפאַרשטענדלעכן פאַל שטעלט מיט זיך פאַר יצחק זיילין. עס איז באמת שווער צו באַ־שטימען פאַרוואָס אים האָט שפּעטער ניט אינטערעסירט דאָס יידישע לעבן, וואו זיין מוזע האָט אים דערצויגן. אויך די פּאָעזיע־וועלט האָט ער אינגאַנצן פאַרלאָזן.

ווען ער האָט אָנגעהויבן דרוקן לידער אין דער יידישער פּרעסע אָנהייב 90ער יאָרן, איז ער, ווי אַ סך אַנדערע אָנהייבערס, געווען אינ־גאַנצן אונטער דעם „בלאָסן זינגערס" איינפלוס. אין דעם ערשטן יאָר האָט זיילין אָפּגעדרוקט דריי לידער וועגן דוד עדעלשטאַטן. דאָס ערשטע ליד, געווידמעט עדעלשטאַטן, איז מעגלעך זיילינס ערשט ליד. דאָס ליד איז פול מיט אימפּעט. דאָס איז אַ הייס קאַמפּליד, אַ שטור־מיש רופליד:

צום פּאָעט

(געווידמעט אן ד. עדעלשטאַט)

פּאָעט, דיינע רייסנדע, מעסטיקע לידער —
זיי רייסן אויף שטיקער מיין אָרעמעס הערץ;
באַלד הער איך אַ דונער אַ ווילדן, באַלד ווידער
די קלאָגנדע טענער פון יאָמער און שמערץ...

באַלד הער איך אַ פּאַרוואורף, אַ פלוך די טיראַנען,
וואָס רויבן, וואָס טרעטן, מיט פיס אונזער רעכט;
באַלד הער איך אַ שמערצפולן אויסרוף: „ביז וואַנען,
ביז וואַנען — נאָר שקלאַפן, ביז וואַנען — נאָר קנעכט״?

און ווען איך פאַרבעם דיין קוואַלפולעס זינגען
פון בלימעלעך יונגע געשמידעט אין קייט —
דאַן וויל מיר דאָס הערץ פון דער ברוסט אַרויסשפּרינגען,
דאַן ווילט זיך מיר קעמפן אויף לעבן און טויט.

„צום קאַמף!״ שריי איך ווילד און דאָס בלוט טוט מיר זידן,
דער פייער, ער פלאַקערט, ער פלאַמט פון דאָס ניי!
צום קאַמף, איר געדריקטע, דען נאָנט איז דער פרידן;
די בלימעלעך יונגע, — זיי מוזן זיין פריי״ —

(„פרייע אַרבייטער שטימע״, דעם 15טן יאַנואַר, 1892)

דוד עדעלשטאַט איז געשטאָרבן דעם 17טן אָקטאָבער, 1892. איז גלייך נאָך עדעלשטאַטס טויט האָבן אַ סך פּאָעטן געשריבן לידער וועגן דעם מאַרטירער־פּאָעט. צווישן זיי איז אויך געווען זיילין. דעם 2טן דעצעמבער, 1892, איז אין לאָנדאָנער „אַרבעטער פריינד״ דערשינען זיילינס ליד:

די פרייהייט און די וועלט

(צום אָנדענק פון ד. עדעלשטאַט)

ווען זאַנפט פאַרוויגט אין שויס פון דער נאַכט,
שלאָפט פרידלעך, רוט די גרויסע וועלט,
דאַן שטייגט דיין מוזע שטיל, באַוואַכט
אַראָפּ פון טיפן, בלויען געצעלט.

האָן שטייגט די פריהייט, שטיל אַראָפּ,
די הייליקע פריהייט שטאָלץ און ריין;
און מיט אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ
בלייבט זי ביים קבר שטיין.

עס שלאָפט דער באַרג, עס שלאָפט דער טאָל,
עס שלאָפט דער וואַלד, דאָס פעלד — דאָך רופט,
און ציטערדיק, טראָגט זיך מיטאַמאָל
אַ שטימע דורך דער שטילער לופט.

ביים קבר שטייט דאָרט מיט געבעט
די פריהייט מיט געזעגנטן בליק,
זי רופט דעם שלאָפנדן פּאָעט —
עס בעט די וועלט איר קינד צוריק.

ווי שוין דערמאָנט — די פּיעטעט צו עדעלשטאַטן איז געווען זייער גרויס. „דעם שטילן, פאַרמאַטערטן" פּאָעט האָבן זיי געזען אין עדעל־שטאַטס געשטאַלט. עדעלשטאַט איז געווען דער סימבאָל פון „ליידנ־דיקן פּאָעט". פאַר די אָנהייבערס אין די 90ער יאָרן איז שטענדיק געשטאַנען די געשטאַלט פון דעם אַרבעטער־פּאָעט. איז דעריבער ניט אויסגעשלאָסן, אַז מיטן ליד „דער אַרבעטער־פּאָעט" האָט זיילין גע־האַט אין זינען דוקא עדעלשטאַטן. מיר ברענגען עס בשלימות אין קאַ־פּיטל „דעם פּאָעטס שליחות".

זיין לעבן

יצחק זיילין איז געבוירן געוואָרן אין לאַטוויע, פּורים, 1873. צו דרייצן יאָר, אין 1886, האָט ער אין ריגע פאַרענדיקט די רוסישע קרייז־שול אויפן נאָמען יעקאַטערינע דער גרויסער. ער האָט זיך דעמאָלט געגרייט צום עקזאַמען אין ריגער פּאָליטעכנישן אינסטיטוט. צו יענער צייט איז אים געשטאָרבן דער פאָטער. די מוטער, אַן אַקושערין, איז געווען אַן ענערגישע, אַמביציעזע פרוי. זי האָט מפרנס געווען יצחקן (איסאַקן), זיינע צוויי ברידער און אַ שוועסטער. איסאַק האָט אַרויסגע־וויזן גרויס התמדה און אַ סך אַמביציע. האָט די מוטער ניט גע־

זשאַלעוועט קיין כוחות: אונטער אַלע אומשטענדן דאַרף איסאַק קריגן אַ העכערע בילדונג.

ווי אַ סך שטודירנדיקע יונגעלייט איז איסאַק געווען אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. מ'האָט אים אַרעסטירט, און אין תפיסה איז ער קראַנק געוואָרן אויף די לונגען. שפּעטער האָט זיך דאָס אָפּגערופן אין אַמעריקע, אין זיין געמאַטערט לעבן פון אַן אימיגראַנטישן אַרבעטער און סטודענט. פון ריגע האָט ער געמוזט צוליב זיין רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט עוקר זיין. קיין ניו־יאָרק איז ער געקומען אין אָקטאָבער, 1891, מיט זיין שול־חבר און מיטקעמפער אייזיק דזשעי סטענדער, שפּעטער אַ באַוואוסטער אינזשינער אין ניו־יאָרק.

אין ניו־יאָרק כאַפּט זיך דער יונגער סטודענט־אימיגראַנט צו וואָס עס לאָזט זיך נאָר. ער אַרבעט אין פאַבריקן, קראָמען, הונגערט, ווערט אַ ביכער־אַגענט, — מיט איין וואָרט — ער טוט עבודת פּרך.

אין ניו־יאָרק ווערט ער אַריינגעצויגן אין דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג, פאַרעפנטלעכט זיינע לידער אין דער אַנאַרכיסטישער פרעסע. זיין ליד „ביינאַכט", געדרוקט דעם 16טן סעפּטעמבער, 1892, אין לאָנדאָנער „אַרבייטער פריינד", האָט ער שוין געשיקט פון באַפאַלאָ.

וואָס האָט אים געבראַכט קיין באַפאַלאָ, איז ניט אינגאַנצן קלאָר. מעגלעך, ער האָט דאָרטן געהאַט קרובים אָדער פריינד. און אפשר האָט ער אויסגעקליבן די שטאָט באַפאַלאָ, ווייל אין די פּראָווינץ־שטעט איז דעמאָלט געווען אַ סך גרינגער אָנקומען אין אוניווערסיטעט און דערביי זיך מפרנס זיין. און די הוצאות זיינען דאָרטן אפשר געווען אַ סך קלענערע ווי אין ניו־יאָרק. אויך דאָס לעבן איז דאָרט געפלאָסן שטילער. דער אימפּעט און די שטענדיקע אויפברויזן פון ניו־יאָרקער יידישן ראַדיקאַלן לעבן האָט דאָרטן געפעלט. און פאַר לערנען איז דאָס געווען אַ מזל־ברכה.

אויף וויפל עס לאָזט זיך פעסטשטעלן, איז זיילין אָנגעקומען אין באַפאַלער אוניווערסיטעט אין 1895. אָנגעקומען איז ער אויפן מעדיצינישן פאַקולטעט. די צוגרייטונגען צום אוניווערסיטעט און שפּעטער די מעדיצינישע שטודיע, די מעדיצינישע פּראַקטיק און, שפּעטער, זיין האַנדלען מיט הייזער — דאָס אַלץ האָט אים געשטערט צו שרייבן לידער. מיטן ליד „צום פרילינג", געדרוקט אין „פרייע אַרבייטער שטימע" דעם 9טן יוני, 1893, ענדיקט זיך זיין פּאָעטישע קאַריערע. זעקס יאָר שפּעטער דרוקט ער אָפּ נאָך אַ ליד. נאָכדעם פאַרשווינדט

ער אין גאַנצן. מען קען דעריבער אָננעמען: געדרוקט האָט ער לידער — נאָכאַנאַנד — אַרום אָנדערהאַלבן יאָר. געשריבן לידער האָט ער אַ סך לענגער.

אין זיין ליד „מיין שטערבן" לייענען מיר דעם אַנאַרכיסטישן אני־מאמין, אויסגעדריקט אין פערזן. מיר הערן דאָרט אויך אַ פערזענ־לעכע העלדן־נאָטע, ווי עס וואָלט צו אונדז גערעדט אַ מאַרטירער און אַן אומדערשראָקענער וועקער. דעם לידס נאָמען טראָגט אין זיך אַן אינדיווידואַליסטישע באַפאַרבונג — „מיין שטערבן". דער דאָזיקער פערזענלעכער טאָן און דער שטאַרקער אימפעט. דער שטאַרקער ריטם באַלעבן דאָס גאַנצע ליד. דאָס וואָרט „אַנאַרכיע" דאַרף מען לייענען „אַנאַרכי", דער טראָפּ איז אויף דער לעצטער זילבע. אַזוי האָט מען אַרויסגערעדט דאָס וואָרט סוף און אָנהייב הײַנטיקן יאָרהונדערט. „מיין שטערבן" געהערט צו די בעסטע פּראָגראַמאַטישע לידער אין אונדזער סאָציאַלער פּאָעזיע.

מיין שטערבן

אַ וועלט אָנע הערשער, אָן קייטן, אָן צוואַנג,
פון פרייהייט, פון ליבע, פון פרידן,
אַ וועלט, וואו שטאָט קרעכצן, וועט שאַלן, געזאַנג
פון מענטשן, באַגליקט און צופרידן.

אַ פרייע, אַ טרייע, אַ ליכטיקע וועלט,
אָן שמערצן, אָן ליידן, אָן טרערן,
וואו יעטווידער איינער, צופרידן געשטעלט
וועט אַנדערנס פרידן ניט שטערן.

וואו יעטווידער איינער, באַזועלט פונעם גליק,
וועט פילן, און דענקען, און שטרעבן,
און ריין וועט ערשטראַלן דער מענטשלעכער בליק
און זיס וועט ערשיינען דאָס לעבן.

דאָס איז אַנאַרכי! און פאַר איר בין באַרייט
איך אָפּערן אַלעס און ליידן.
און זאָל איך אין קאַמף אויך ערליידן דעם טויט —
פאַר איר וועל איך שטאַרבן מיט פריידן.

נאָר דער אידעאַל ליגט מיר טיף אין מיין ברוסט,
איך האַלט אים דאָרט צערטלעך פאַרבאָרגן,
עס וועקט אין מיר לעבן, ער וועקט אין מיר לוסט,
ער שיינט און באַלייכט מיר מיין מאָרגן.

ער רופט מיך אין קאַמף פאַר דאָס הייליקע רעכט,
אין קאַמף פאַר דאָס הייליקע פרייהייט,
„אין קאַמף" — רוף איך אויס — און עס הערט מיר דער קנעכט
ער הערט מיר, ער פאָלגט מיר מיט טרייהייט.

ער הערט מיר, ער פאָלגט מיר, ווייל קאַמף נאָר אַליין
פאַרשטייען געמאַטערטע שקלאַפן:
אַ מענטש קען קיין שנאָרן ביי מענטשן פאַרשטיין
אויף וואַפן נאָר ענטפערן וואַפן.

איין הייב זיך, איין דריי זיך, איין ריר און איין קער,
איין מאַך און ניטאָ מער קיין רייכע,
ניטאָ מער קיין הערשער — קיין פּאָפּן ניט מער
נאָר פרייע, נאָר טרייע, נאָר גלייכע.

איך ליב, אַנאַרכי דיך, איך ליב דיך זאָ הייס,
און זאָלן דיך פילע ניט ליבן,
די וואַרהייט איז אימער געווען צו גרויס,
די וואַרהייט וואַר אימער געטריבן.

דאָך שמוץ און פאַרלוימדונג און הונדעגעביל
איז דיך ניט אימשטאַנד צו פאַרשוואַרצן,
צו שטאַרק ברענט אין ברוסט מיר דאָס פרייהייט־געפיל
צו טיף ליגט מיר פרייהייט אין האַרצן.

און זוכן די פיינדע, וואָס קענען דיך ניט,
אויף דיר אַלע סאָרטן עוונות,
דאַן רוף איך זיי שטאָלץ צו מיט פרייען געמיט:
איך ליב דיך מיט אַלע חסרונות.

(„דער אַרבייטער פריינד", לאָנדאָן, דעם 24טן פעברואַר, 1893)

כמעט אויף דער זעלביקער טעמע האָט ער מיט זעקס און אַ האַלב יאָר שפּעטער געשריבן נאָך אַ ליד. ווי דערמאָנט, — דאָס איז געווען דאָס איינציקע ליד, וואָס ער האָט געדרוקט במשך העכער זעקס יאָר. ער איז שוין דעמאָלט געווען אַ געענדיקטער דאָקטער. ער האָט שוין דעמאָלט פּראַקטיצירט מעדיצין אין באָפאַלאָ. צו יענער צייט האָט די „פרייע אַרבייטער שטימע" ווידער אָנגעהויבן אַרויסגיין, נאָך אַ הפסקה פון פינף און אַ האַלב יאָר. און צו איר טאָקע האָט ער זיך געווענדט מיטן ליד:

צו די „פרייע אַרבייטער שטימע"

ווידער שטאָלץ און פריי ערהויבן,
ווידער ביסטו אויפגעוואַכט,
קעגן גלויבן, קעגן רויבן,
קעגן ווילדע ברוטענמאַכט.

דעם פאַרבלאָנדזשעטן — אַ שטערן,
דעם פאַרבלאָנדזשעטן — אַ ליכט,
צו ערקלערן, צו באַלערן
איז דיין ציל, דיין הייליק פליכט.

אַלעס פאַלשע צו צעטרעטן,
צו פאַרניכטן אַלץ, וואָס שלעכט,
ניט צו גלעטן, ניט צו בעטן,
צו פאַרלאַנגען פרייהייט, רעכט.

און קיינער, קיינער קען דיך טייטן,
קינד דער וואַרהייט, שטאָלץ און בראַוו!
ענד די בויטן, ברעך די קייטן,
פיר צום פרייהייטס־קאַמף דעם שקלאַף.

(„פרייע אַרבייטער שטימע, דעם 10טן נאָוועמבער, 1899)

נאָך דעם דאָזיקן אויפרוף־ליד איז זיילין אינגאַנצן פאַרשוואונדן פון דער יידישער עפנטלעכקייט. געווען איז ער דעמאָלט 26 יאָר אַלט

און שוין אַ פּאַרנומענער דאָקטער, הגם ער האָט ערשט מיט אַ האַלב יאָר פריער געענדיקט דעם אוניווערסיטעט. זומער, אין יאָר 1900, האָט ער שוין געהאַט אַ גרויסע פּראַקטיק. חוץ זיין פאַמיליע און זיין פּראַקטיק האָבן אים אינטערעסירט אַנדערע זאַכן. ער האָט זייער אַ סך צייט אָפּגעגעבן אויף האָדעווען עופות און עקספּערימענטירן מיט פאַרן פאַרהיימישטע חיות. זיין לעבן איז געווען אָנגעפילט מיט נייע אינטערעסן.

דעם זעלביקן יאָר, 1900, רופט זיך אים אָפּ אַן אַלטע חולאת, וואָס ער האָט געקראַגן אין תפיסה אין ריגע. ער פאָרט אַוועק מיט דער משפחה קיין לאָס־אַנדזשעלעס. דערוויל גרייט ער זיך צום עקזאַמען, צו קריגן די שטעלע פון הויפּט־כירורג אין דעם סאַנטאַ־פע שפּיטאָל אין אַלבאַקוירק, ניו־מעקסיקע. ער האַלט אויס דעם עקזאַמען און קריגט די שטעלע. ער מוז זיך, אָבער, אינגיכן אומקערן קיין לאָס־אַנדזשעלעס. דער קלימאַט אין אַלבאַקוירק איז ניט גוט פאַר זיין געזונט.

אין לאָס־אַנדזשעלעס האָט ער אין יאָר 1906 חתונה געהאַט צום צווייטן מאָל. מיט דריי יאָר שפּעטער לעבט ער דורך אַ נערוועזן צוזאַמענברוך, און ער באַזעצט זיך מיט דער משפחה אין סען־גאַבריעל וועלי, אין שטעטל על מאָנטי. ער ריכט דאָרטן איין אַן אייגענעם קליינעם שפּיטאָל. חוץ דעם פאַרנעמט ער זיך אויך מיט באָדן־ און הייזער־מסחר.

אין יאָר 1918 ווערט ער ערנסט קראַנק אויף האַרץ און זינט דעמאָלט ביזן טאָג פון זיין טויט, יאַנואַר, 1941, לעבט ער אַ צוריקגעצויגן לעבן, כמעט ווי אַן אינוואַליד.

דער אַמאָליקער רעוואָלוציאָנער און אַרבעטער־דיכטער איז געוואָרן זייער רייך. זיין מעדיצין־פּראַקטיק האָט אים אַריינגעבראַכט אַ פאַרמעגן. נאָכמער — זיינע הייזער־ און לאַנד־געשעפטן. ווינטער־צייט האָט ער געלעבט אין פּאַלם־ספּרינגז, קאַליפאָרניע, 120 מייל פון האָליוואוד. די זומער־חדשים האָט ער פאַרבראַכט אויף זיין ראַנדזש אין פּאָקאָימאַ, קאַליפאָרניע, וואָס ער האָט געקויפט אין יאָר 1916. ער האָט ליב געהאַט בויען, קויפן און פאַרקויפן הייזער, האָדעווען קאַנאַריקלעך, פירן ציטרוס־געשעפטן. אין אַ געוויסער צייט האָט ער אויך געהאָדעוועט ספּעציעלע פּריז־הינט און עופות פון יעדן מין, אַפילו פּאַוועס.

ווי דערמאָנט פריער, געלעבט האָט ער אַ צוריקגעצויגן, איינזאַם

לעבן. די סיבה דערפֿון איז ניט אינגאַנצן קלאָר. אים האָט עס, קאָנטיק, פֿאַרשאַפֿט אַ סך עגמת־נפֿש. אין זײַנעם אַ בריוו, אין 1937, צו זײַנעם אַ נאָענטן פֿרײַנד שרײַבט ער: „דאָס לעבן און זײַנע ווידעראַנאַנדן זײַנען כמעט אַלעמאָל גורם געפֿערלעכע שינויים אין כאַראַקטער. אַ סך פֿרײַנד מײַנע (און נאָענטע קרובֿים) האָבן עס דעמאָנסטרירט אין זייער קאָרעספּאָנדענץ מיט מיר. און דער פּועל־יוצא איז געווען, אַז מײַן אינטערעס אין זיי איז געמינערט געוואָרן און לסוף אינגאַנצן פֿאַרשוואונדן, איבערלאָזנדיק הינטער זיך — זכרונות? — יאָ, אָבער ווי פֿײַנלעך —".

און דערוויטערט האָט ער זיך פֿון אַלץ און אַלעמען. ייִדיש, ייִדישע ליטעראַטור, ייִדיש לעבן זײַנען אים שוין געווען אינגאַנצן פֿרעמד. ער איז געווען אַ קאָסמאָפּאָליט פֿון גאָר־אַמאָליקן ראַדיקאַלן חדר. ער האָט ווײַטער סימפּאַטיזירט מיט דער רעוואָלוציאָנער׳ער אַרבעטער־באַוועגונג, אָבער ער האָט זיך ניט באַטייליקט אין קיין שום באַוועגונג.

זײַנע לידער

זײַלין האָט אָנגעהויבן שרײַבן לידער אין רוסיש, נאָך אין ריגע, אין עלטער פֿון 15 יאָר. אינטענסיוו האָט ער זיך פֿאַרנומען מיט פּאָעזיע — אין ניו־יאָרק, אַן ערך צוויי יאָר. דאָס איז געווען אין 1892 און 1893. ער איז דעמאָלט אַלט געווען אַרום 19־20 יאָר. געדרוקט האָט ער זײַנע לידער אין די אַנאַרכיסטישע צײַטשריפֿטן.

זײַנע לידער באַשטייען פֿון: אַרבעטער־לידער; טרערן־לידער; פֿערזענלעכע לידער — אײַנגעבראָכענער געמיט; אײַן סאַטיריש ליד; און לידער וועגן דעם דיכטערס שליחות. אַלע לידער זײַנען, אָבער, אויסשליסלעך אויף סאָציאַלע טעמעס.

אַרבעטער־לידער

זײַנע לידער זײַנען זייער ערנסט. זיי פֿאַרמאָגן קראַפֿט. דערײַבער פֿילט מען ניט צו שטאַרק ווי סענטימענטאַל עס זײַנען זײַנע אַרבעטער־לידער.

צווישן זײַנע ערשטע שאַפֿונגען איז פֿאַראַן אַ ליד — „דער

שוויס". פילט זיך דאָרטן ווי די טעמע איז צוגעטראַכט. אַגב, די דאָזיקע טעמע — „די אַרבעטער זייגען מאַשינען" איז געווען שטאַרק אָנגענומען אין יענער צייט:

דער שוויים

פאַרהילט אין פינצטערער כמאַרע
שטייט דאָרט אַ געבייִדע פול רויך,
עס רוישט און עס קאָכט און אַ פאַרע
שטייגט אויך מיט אַ רעש אין דער הויך.

און ביסלעכווייז נעמט זי צערינען:
עס ווערט פון דער פאַרע אַ שוויס,
צי איז דאָס דער שוויס פון מאַשינען,
צי איז דאָס דעם אַרבעטערס שוויס?

איך טראַכט און איך קען ניט באַגרייפן;
דאָך זע איך אַרום מיר אין גאַס,
דעם אַרבעטערס קינדערלעך לויפן
אַרום, אָפגעריסן און בלאַס.

איך זע די פאַרצאָרעטע מינען
פון אַרבעטער, כ'נעם דאַן פאַרשטיין:
די אַרבעטער זיינען מאַשינען,
עס שוויצן מאַשינען אַליין.

(„פרייע אַרבייטער שטימע", דעם 18טן מערץ, 1892)

אַ סך לאָגישער און גאַנצער איז דאָס ליד „דער שטערבנדער שקלאַף". די טעמע איז דער שטאַרבנדיקער אַרבעטער, וואָס וועט לאָזן נאָך זיך אומגליקלעכע יתומים. די דאָזיקע טעמע האָט שוין דעמאָלט געהאַט אַ שטיקל טראַדיציע אין דער יידישער סאָציאַלער פּאָעזיע. דאָך איז זי ביי די סאָציאַלע פּאָעטן כמעט שטענדיק געווען ווי אַ נייע טעמע. ביי זיילינען האָט דאָס ליד אַ שטאַרקן ריטם. די ערשטע שורה: „מען האָט אים געבויגן... איצט ליגט ער געבראָכן", ווי אויך די לעצטע

שורות, זיינען געדיכט, קלאָר און טיף ערנסט. זיי לאָזן איבער נאָך זיך אַ ווייטן נאָכקלאַנג:

דער שטערבנדער שקלאַף

מע האָט אים געבויגן... איצט ליגט ער געבראָכן,
אָן כוחות, אין הערצן קיין איין טראָפּן בלוט;
מע האָט אים גן־עדן אין הימל פאַרשפּראָכן,
ער זאָל נאָר ניט שרייען און טריי זיין און גוט.
איצט ליגט ער די אויגן צום הימל געהויבן,
ער שיקט אים אַ שמערצפולן בליק פאַרן טויט:
אומזיסט איז געווען זיין האָפן, זיין גלויבן,
ער שטאַרבט, און די קינדערלעך בלייבן אָן ברויט.
דער גאָט, וועלכער פיטערט די ביימער, די גראָזן,
די פייגעלעך קליינע אין וואַלד און אין פעלד,
ער וועט דאָך געוויס ניט יתומים פאַרלאָזן,
די עופעלעך שיצן פאַר הונגער און קעלט!
זאָ האָבן די רייכע, די פרומע געזאָגט, —
אָ שקלאַף, דו אַליין ביסט אַ יתום געווען
מע האָט דיך פאַרטומלט, געמאַטערט, געפּלאָגט,
דו האָסט דיינע עטלעכע אָרעמע יאָרן
פאַרבראַכט נאָר אין טרערן, אין יאָמער, אין נויט,
דו האָסט ביים מאַשין דיינע כוחות פאַרלאָרן
איצט ליגסטו געבראָכן... איין קרעכץ נאָך... ביסט טויט!

***

אָ שקלאַפן, יתומים! פאַרגיסט ניט קיין טרערן,
צו טיף אייער ווייטיק, צו גרויס אייער לייד,
פלוכט, פלוכט זייערע מערדער! דעם פלוך וועט אויך הערן
דער טאַטע, געטריבן אין קבר אָן צייט.

(„פרייע אַרבייטער שטימע“, דעם 29טן אַפּריל, 1892)

אַלע לידער זיילינס זיינען מוזיקאַליש. דאָס זאָגט עדות וועגן אַן אמתן פּאָעטישן געמיט. די דאָזיקע מוזיק שאַפט שטימונג און ליריזם אַ סך מער ווי די טעמע אָדער די ווערטער.

צום אַרבעטער

צי דערפֿאַר, ווייל גוט — מיין האַרץ,
רייסט זי זיך מיט זאַלכער מאַכט,
רייסט צו דיר זי זיך, ווייל שוואַרץ,
ווייל צו שוואַרץ — דיין שוואַרצע נאַכט?

אָדער ליב איך דיר דערפֿאַר,
ווייל איך בין אַזוי ווי דו,
איך ווי דו — אַ פּראָלעטאַר,
אויך ווי דו אָן פֿרייד, אָן רו?

איז אַזוי עס, איז ס'אַזוי —
אַלעס איינס! דיין האַנט, מיין פֿריינד!
גיב דיין האַנט — און אַך און ווי,
אַך און ווי וועט זיין צו זיי
צו די שלעכטע פֿיינד!

(„דער אַרבייטער פֿריינד", לאָנדאָן, דעם 23טן סעפּטעמבער, 1892)

טרערן־לידער

דער טרויעריקער טאָן גייט ביי זיילינגן אָפֿט איבער אין אַ סענ־טימענטאַלן טאָן. זעען אויס אַ סך זיינע סטראָפֿעס ווי סטראָפֿעס אין טרערן־לידער. ווי אַ מוסטער קען דינען דאָס ליד „צום פֿרילינג". דאָס איז אַ ליד פֿול מיט יאוש:

צום פֿרילינג

ניט די ראָזן, ניט די בלומען,
ניט די פֿליגעלעך, וואָס זומען
דורך דער לופֿט זאָ קלאָר און ריין;
ניט די פֿייגעלעך, וואָס זינגען,
זינגען לוסטיק, טאַנצן שפּרינגען,
פֿרילינג! ניט דיין גאַנצער חן.

קען צעטרייבן, קען צעטראָגן,
כאָטש אַביסעלע צעשלאָגן
מיר מיין טיפן, טיפן וויי —
דו ביסט שיין און שטאָלץ און פּרעכטיק
אין דיין שיינהייט, פּראַכט — אוממעכטיק,
קענסט ניט היילן מיר מיין וויי.

פרילינג קענסטו נאָך די צייטן
ווען פאַרגעסנדיק די לײַדן —
קינדער־לײַדן — פלעג איך באַלד
ווידער פריילעך, לוסטיק זינגען
ווידער לוסטיק, פריילעך שפּרינגען
ווי אַ פויגל דורכן וואַלד?

שיינער פרילינג! מיינע בליקן,
אָ, ווי פלעגסטו זיי אַנטציקן
דאָ, נאָך גאָר ניט לאַנג אַהער!
איצט דערזע איך גרינע גראָזן
שלאַנקע בלומען, שטאָלצע ראָזן,
איך באַנעץ זיי מיט אַ טרער.

איצט דערהער איך פריילעך זומען,
גאָלדענע בינען ביי די בלומען,
און די פייגל, ווען איך הער,
צווישטערן, פּיפּן אין די צווייגן
מיט געזאַנג אין לופטן שטייגן
אָ, וואָרום ווערט מיר זאָ שווער?

אָ וואָרום, וואַרום זאָג, פרילינג,
האָסט קיין לאָבונג, האָסט קיין קילונג,
האָסט קיין באַלזאַם איצט פאַר מיר?
זע, איך ליב דאָך נאָך די שיינהייט,
זע, איך ליב דאָך נאָך דיין ריינהייט,
זע, איך ליב דיך נאָך ווי פריער (פרי'ר).

און ווי פריער, פול מיט לעבן,
ביסטו איצט, דו ווילסט עס געבן,
גיריק שטרעק איך אויס די האַנט,
גיריק גרייף איך צו די קווייטן,
וועלט, אַ וועלט! — עס קלינגען קייטן,
שקלאַפן־קייטן אויף מיין האַנט.

(„פרייע אַרבייטער שטימע", דעם 9טן יוני, 1893)

איינגעבראָכענער געמיט

זייליגס איטלעך ליד איז סאָציאַל. דאָך גייען איבער זיינע טרערן־לידער אין פעסימיסטישע פערזענלעכע מאָטיוון. דאָס זיינען שטימונג־מאָטיוון, וואָס האָבן מיט אַ 15 יאָר שפּעטער געפונען אַ וועג אין אַ סך יחידישע לידער ביי די אימפּרעסיאָניסטן אין אַמעריקע, ביי „די יונגע". די דאָזיקע פעסימיסטישע פערזענלעכע מאָטיוון זיינען דורכגעדרונגען מיט רעזיגנאַציע טענער. די דאָזיקע טענער הערט מען שוין ביי זיי־לינען. מיט יאָרן שפּעטער האָט די רעזיגנאַציע־שטימונג זיך אויסגע־דריקט אין אַ סך שטילע, פּאָעטישע לידער ביי די „יונגע" וועגן קעמפן אומזיסט און אומבישט, וועגן ספקות, שפלות און געפאַלענע שטימונגען. עס איז באמת מערקווירדיק צו הערן אָט־אָ די רעזיגנאַציע־מאָטיוון אין די ניינציקער יאָרן. גאָר בולט הערט מען זיי אין זייליגס

ביינאַכט

עס לייכטן אין טיף־בלויען הימלס־געצעלט
די שטערנדלעך שטיל דורך די נאַכט,
איך זיץ ביי מיין פענצטער און קוק אויף דער וועלט
און זיצנדיק, ווער איך פאַרטראַכט.

און זיצנדיק לאַנג אומבאַוועגלעך און שטום
ווערט מיר אויפן האַרצן זאָ שווער,
און פון מיינע אויגן — איך ווייס ניט וואַרום —
זיך קייקלט אַ טרער נאָך אַ טרער.

איך קוק אויפן הימל מיט טרויעריקן בליק
איך זע דאָרט אין שטערן פאַל פּראַכט,
עס שיינט מיר צו שטראַלן מיט פריקהייט, מיט גליק,
ער לויכטעט זאָ שיין דורך... די נאַכט.

אַך, גאָלדענער שטערן! ווי רייסט זיך צו אים
מיין שוואַכעס, פאַרמאַטערטעס הערץ,
איך רוף אים, איך שריי — נאָר ער הערט ניט מיין שטים —
וואָס קימערט דעם הימל מיין שמערץ?

(„דער אַרבייטער פריינד“, לאָנדאָן, דעם 16טן סעפּטעמבער, 1892)

ענלעך צו דעם זעלביקן מאָטיוו איז דאָס ליד:

מיין האַרץ, מיין האַרץ! וואו איז מיין האַרץ?
ביסטו דאָך קאַלטער שטיין?!
ווי אַ מצבה — אין מיין ברוסט —
פאַרלאָזן, שטיל אַליין?

מיין האַרץ! זי האָט אַמאָל געטרוימט
פון לעבן, ליבע, גליק...
און איצט... אָ, איצט... גיט, רויבער, מיר,
גיט מיר מיין האַרץ צוריק.

(„פרייע אַרבייטער שטימע“, דעם 2טן אַפּריל, 1892)

ביי דעם תהומיק־ערנסטן עדעלשטאַטן האָט מען אין זיינע ראָמאַנטישע טענער געהערט אַ מיסטיש־פּאַטעטישן נאָכקלאַנג, צייטנווייז אַ פאַרצווייפלטן, אַ טראַגישן ציטער. ווי מיסטיש־טראַגיש עדעלשטאַט זאָל ניט האָבן געווען, איז אָבער פאַר אים ניט כאַראַקטעריסטיש די געבראָכענע רעזיגנאַציע־שטימונג. אָט־די איינגעבראָכענע שטימונג האָט זיך ביי קיינעם ניט געפילט אַזוי בולט, אָנהייב ביינציקער יאָרן, ווי ביי זיילינגען. זיילין איז טאַקע געווען אַ באַוואוסטזיניקער סאָציאַלער פּאָעט. דאָך האָט זיין רעזיגנאַציע־שטימונג באַשטימטע פאַנאַנדערפאַל־סימנים. אין דעם הערשנדיקן סאָציאַלן ליד הערן זיך אומדערוואַרטע טענער. דאָס זיינען ריין פערזענלעכע רעזיגנאַציע־טענער. דערפאַר טאַקע זיינען דעם יונגן זיילינס לידער וויכטיק פאַר אונדז.

דער „בלאָסער זינגער“ עדעלשטאַט איז געווען פאַרמשפּט צום טויט . . . דער מיסטישער „קרבן“־מאָטיוו האָט געשאַפן דעם הויבן

ראַמאַנטיזם אין זיין פּאַטעטישער פּאַרצווייפלונג. דער זעלביקער מאָטיוו איז אויך געווען אַן אומפאַרשטענדלעכער כוח. ער האָט אויך אויסגעדריקט אַן עטישן דראַנג. אָט מיט דעם עטישן דראַנג דריקט ער אויס אַ הויכן רעוואָלוציאָנערן מאָטיוו: זיך מוסר־נפש זיין פאַרן „הייליקן גייסט", פאַרן אמת און פרייהייט. אויך זיילין האָט געהאַט אין זיך דעם גלויבן צו זיין אַ קרבן פאַרן טובת הכלל, פאַרן באַליידיקטן און צעפייניקטן שקלאַף. אין טייל סאָציאַלע מאָטיוון זיינע הערט מען פאַרצווייפלטע מסירת־נפש טענער, פול מיט פערזענלעכן טרויער, קומער און געבראָכענעם געמיט.

אָט דרוקט ער אַ ליד, אַ וואָרנונג צו די שונאים:

וואָרנונג

אונדזער לעבן איז די וואָרהייט,
אונדזער שטרעבן — פרייהייט, רעכט.
צערטלעך ליבן מיר וואָס ערלעך —
שרעקלעך האַסן מיר וואָס שלעכט.

פיינדע, פיינדע! שטייט פון וויטן,
ניט דורכקרייצט אונדז אונדזער וועג;
ווילד הערט אויך די זאַנפטסטע מוטער
ווען מע רויבט איר קינדער אַוועק.

(„פרייע אַרבייטער שטימע", דעם 15טן מאַי, 1893)

כמעט אַ חודש שפּעטער דרוקט ער זיין ליד „אַ שטיקל ווידוי". אַגב, אין דעם דאָזיקן טרויעריקן ליד וועגן דעם קעמפער פון איינזאַמקייט רירט ער אויך אָן אַ מאָטיוו, וואָס האָט זייער באַאומרואיקט זיין האַרץ. דאָס איז דער מאָטיוו וועגן דעם דיכטערס שליחות און זיין שפלות. אויך דאָ, אין דעם איצטיקן ליד, רעדט ער וועגן דעם ווי ער וואָלט פאַרטוישט דעם ציטער (די ציטרע) „אויף אַ שאַרפן שווערד":

אַ שטיקל ווידוי

פריידלאָז, טרייסטלאָז פליסט מיין לעבן —
אימער וויטיק, אימער שמערץ!
אַך! עס האָט נאַטור געגעבן
מיר אַ הערץ, אַ פילנד הערץ.

און איך פיל, איך פיל די לײדן
פון דעם לײַדנדן, זײַן װײ,
און זײ רײַסן, און זײ שנײַדן,
שנײַדן מיר מײַן ברוסט ענטצװײ.

און אויף אַלעם, — אָ, װי ביטער! —
האָב איך נאָר אַ קרעכץ אַלײן;
איך באַריר מיט שמערץ מײַן ציטער,
און זי ענטפערט מיט געװײן.

טרײַער ציטער, פרײַנד געטרײַער!
דו ביסט אַלעס װאָס איך האָב;
דו אַלײן פאַרשטײסט דעם פײַער
אין מײַן ברוסט, און רופּסט זיך אָפּ.

דאַך, אַ פרײַנד! װי װאָלט פאַרטױשן
איך דיך אויף אַ שאַרפן שװערד —
און דורכציִען, און דורכרױשן
װי אַ שטורם די שקלאַפן־ערד.

אין דער האַנט דעם שװערד דעם שאַרפן,
װי אַן אָדלער װילד און פרײַ,
װאָלט איך פליִען, װאָלט איך װאַרפן
מיך אין קאַמף מיט טיראַנײַ.

װי אַ פײַער װאָלט פאַרצערן
איך דעם בלוטיקן טיראַן
אָפּגערעכנט פאַר די טרערן
פאַר דאָס בלוט פון אַרבעטס־מאַן.

איך װאָלט... װאָס װאָלט איך פאָלבראַכט ניט,
װען כ׳װאָלט געװען, װאָס איך װיל זײַן. —
כ׳האָב קײן קראַפט ניט, כ׳האָב קײן מאַכט ניט
כ׳קען ניט העלפן, כ׳בין אַלײן...

דען עס שלאָפֿן נאָך די שקלאַפֿן,
אונ דאַרום שטיי איך אַליין,
דען עס ראַסטן נאָך די וואָפֿן,
אונ דאַרום שטיי איך אונ וויין.
(„פֿרייע אַרבייטער שטימע", דעם 2טן יוני, 1893)

עס איז אמת — זיין ליד בלייבט שטענדיק אַן אויסשליסלעך סאָציאַל ליד. אָבער די פּאָזיציע איז אַ פּערזענלעכע. ער איז אַ מענטש מיט „אַ פֿילנד האַרץ". ער פֿילט דעם ווײ און די „ליידן פֿון דעם ליידנדן". ער איז גרייט „דורכציען און דורכרײַשן ווי אַ שטורעם די שקלאַפֿן־ערד" און זיך וואַרפֿן „אין קאַמף מיט טיראַניי". אָבער ער איז פֿאַרצווייפֿלט און ער רעזיגנירט — „כ'האָב קיין קראַפֿט ניט, כ'האָב קיין מאַכט ניט, כ'קען ניט העלפֿן, כ'בין אַליין..." ער געפֿינט טאַקע אַ תשובה, אַ דערקלערונג פֿאַר זיין איינזאַמקייט — „דען עס שלאָפֿן נאָך די שקלאַפֿן, און דערום שטיי איך אַליין. דען עס ראָסטן נאָך די וואפֿן, און דערום שטיי איך און וויין". עס איז אַלץ, אָן שום ספק, סאָציאַל, סאָציאַל־באַוואוסטזיניק. דאָך זעט מען דאָ דעם פּעסימיסטיש־פּערזענלעכן רעזיגנאַציע־מאָטיוו. מיט יאָרן שפּעטער האָט דער דאָזיקער מאָטיוו זיך אָפּגעטיילט פֿון דעם סאָציאַלן געוועב און האָט אָנגעהויבן לעבן אַן אייגן פּריוואַט־פּערזענלעך לעבן.

דאָס סאַטירישע ליד

זיילין איז אפֿשר געווען דער ערשטער, וואָס האָט זיך אויסגעטיילט און אַפֿילו אָפּגעטיילט פֿון דעם אָנגענומענעם סאָציאַל־קאָלעקטיוון נוסח. דאָס איז פֿאַרגעקומען אינגאַנצן אומבאַוואוסטזיניק. ער אַליין האָט געחוזקט איבער די אַנטלויפֿער, איבער „מאָדערנע פּעסימיסטן", וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן אָפּגעבן מיט פּריוואַטע ענינים, מיט קליינע פֿאַרגעניגנס...

אין זיין איינציק סאַטיריש ליד ריידט ער טאַקע אָן די וואונדן, וואָס האָבן פֿאַרשאַפֿט יסורים אַ סך אמתע ראַדיקאַלע אידעאַליסטן. טייל שפּעטערדיקע „יונגע" האָבן גאָר געקעמפֿט פֿאַר אָט־די שטימונגען: „קליינע געשעענישן", „קליינע מעשים", „טאָג־טעגלעכקייט", „רגעס פֿרייד". זיילין גיט איבער אָט־די שטימונג, וואָס ער האָט שוין באַמערקט

אָנהייב נײַנציקער יאָרן. ס׳מאַכט ניט אויס, וואָס ער טרייבט איבער. דאָס טוט יעדער סאַטיריקער. דער קוים־געהערטער יחידישער מאָטיוו האָט זיך דעמאָלט געפונען אין דעם סאָציאַלן ליד־געוועב. ער האָט זיך געלאָזט הערן טאַקע אין זיילינס לידער. זיין סאַטיריש ליד דער־ציילט אונדז אַ סך. נאָכמער דערציילט אונדז די באַטאָנונג אין דעם אונטערקעפּל: „געווידמעט צו פּילע״.

דער מאָדערנער פּעסימיסט

(געווידמעט צו פּילע)

קוקט אָן דעם פּעסימיסטן דאָרט,
הערט צו צו זיין באַשווערדן,
ניטאָ, זאָגט ער, קיין רואיק אָרט,
קיין פּלאַץ פאַר מיר אויף ערדן.

און וואו איך גיי, און וואו איך שטיי —
די וועלט אַזוי פאַרדאָרבן,
דאָ — לוקסוס, גלאַנץ; דאָרט — אַך און וויי,
דאָ לוסט, דאָרט — קרעכצט אַ קרבן.

אַ וועלט, אַ ווילדע, ווילדע וועלט,
ווי טיף ביסטו געזונקען,
אין געלט, אין בלוט־געטרענקטע געלט
אין בלוט ווערסטו דערטרונקען.

די ערד, די צאַרטע, מוטער־ערד —
מיט בלוט־געפּילטע גריבער,
עס קנאַקט דער בייטש, עס בליצט דער שווערד
און ס׳בלייבט אַ חורבה איבער.

אַ טויט, אַהער, געשווינד אַהער,
נעמט צו דאָס וויסטע לעבן!
איך קען ניט מער, איך וויל ניט מער!
וואָצו, וואָהין דאָס שטרעבן?

וואָס, וואוהין? — אַ סויס, נאָר דו,
נאָר דו נאָך קאָנסט מיך רעטן!
אַהער געשווינד — נעם אַלעס צו,
דאָך לאָז מיר... מיין ראָזעטן...
(„דער אַרבייטער פריינד", לאָנדאָן, דעם 10טן פעברואַר, 1893)

דעם פּאָעטס שליחות

ווי פריער דערמאָנט, זיילינגען האָבן פון אָנהייב אָן אינטערעסירט די פּראָבלעמען, וואָס זיינען ענג פאַרבונדן מיט דעם באַרוף און דער באַשטימונג פון פּאָעט. אַז דער פּאָעט דאַרף זיין אַ וועקער, וואָס וועקט צום קאַמף, — דאָס איז געווען אָנגענומען ביי אַלע סאָציאַלע פּאָעטן אין די 80ער און 90ער יאָרן. דעם דאָזיקן געדאַנק האָט, אָן שום גוזמא, אויסגעדריקט יעדער סאָציאַלער פּאָעט פון יענער צייט. באַוואוסט זיינען מאָריס ראָזענפעלדס פערזן פון זיין ליד „אָן די פּאָעטן":

דיכטער! גענוג אייך פאַנטאַזירן,
הערט אויף אין דער לופטן צו שוועבן,
פּרוּאווט זיך בעסער אינטערעסירן
אין דעם מאַטעריעלן לעבן...
לאָזט צו רו די ראָזן, די ליליען,
די שמעטערלינגע, די נאַכטיגאַלן,
זאָל די בלום דופטן, די פייגל שפּילן, —
באַזינגט אונדזער נויט, אונדזערע קוואַלן! (קוואַלן — ליידן, צרות)
— —
— —
האַלט אָפּ מיט די ווייכע מעלאָדיען!
זינגט קאַנאָנען־לידער, שפּיזן־לידער!
גענוג אייך אין דער לופטן פליען,
וועקט בעסער צום קאַמף אייערע ברידער!

ביי זיילינגען, און נאָכמער ביי עדעלשטאַטן, גייט דער מאָטיוו אַ סך ווייטער: דער פּאָעט דאַרף זיין גרייט צו זיין אַ קרבן פאַרן פאָלק, ניט בלויז „וועקן די ברידער צום קאַמף". זיילין איז שפּעטער געוואָרן

איינגאַנצן אָפּגעפּרעמדט און פאַרגעסן. בשעתו, אָבער, האָט ער דעם דאָזיקן מאָטיוו אויסגעדריקט אַ סך פּאָעטישער און רירנדיקער ווי דער שפּעטערדיקער לייב פון סאָציאַלער פּאָעזיע — מאָריס ראָזענפעלד. זיילין האָט עס אויסגעדריקט אין דעם ליד —

דער אַרבעטער פּאָעט

שטיל, פאַרמאַטערט; איינגעבויגן
בלאָנדזשעט ער אַרום —
בלאַס זיין פּנים, זיינע אויגן
בליקן שמערצפאָל, שטום...
זיינע ליידן, זיינע שמערצן,
פאָלק! דו קענסט זיי גוט;
אין דעם דיכטערס קראַנקען הערצן
קאָכט דאָס „שקלאַפּנבלוט".

אָפט, שוין שפּעט, ווען ס'לייכטן שטערן,
רואיק, שטיל — די נאַכט,
שטייט ער איינזאַם און גיסט טרערן,
וויינט און טראַכט און טראַכט —
טראַכט פון אַלץ, וואָס איז אים טייער,
טרוימט פון לעבן, לוסט...
טראַכט פון פאָלק... אַ ווילדער פייער
ברענט אין דיכטערס ברוסט...
טראַכט פון פאָלק... דער ווילדער פייער
פלאַקערט ווילדער צו:
פאָלק! דאָס לעבן איז אים טייער —
טייערער פיל ביסטו!...

(„פרייע אַרבייטער שטימע", דעם 1טן אַפּריל, 1892)

אין אַן ענלעך ליד „אין קאַמף" ווערט שוין דער זעלביקער טרערן־ און קרבן־מאָטיוו פאַרוואַנדלט אין אַ מין טראַגישן, העלדיש־טראַגישן ריטואַל־מאָטיוו. אין דער רעוואָלוציאָנערער ליריק איז דער דאָזיקער מאָטיוו אַ הויך־ראָמאַנטישער, אַ מיסטישער. אויך זיילין האָט אין

זיינע ערשטע פערזן געזוכט אויסצודריקן די ווייטע וויזיע פון דעם „בלוטנדיקן" העלד ווען ער זינגט זיין לעצט ליד:

אין קאַמף

ווען דער קאַמף־געשריי דער ברידער
דונערט לויט פון לאַנד צו לאַנד,
קעמף אויך איך, אַנשטאָט מיט לידער
מיט דעם בלאַנקן שווערד אין האַנט
מיט דעם בלאַנקן שווערד דעם שאַרפן
וויל איך פליען זיי פאָרויס!
מוטיק קעמפנד, דאָרט מיך וואַרפן,
וואו דער דראַנג, די נויט איז גרויס.
און ווען בלוטנד זינק איך נידער
אויף דעם שלאַכטפעלד קאַמפעס מיד;
דעמאָלט זינג איך זיי — די ברידער
נאָך איין ליד — מיין לעצטע ליד.

(„פרייע אַרבייטער שטימע", דעם 8טן אַפּריל, 1892)

אין זיילינס לידער זייַען דורכגעגאַנגען טענער: דאָס אַרבעטער־ליד, דאָס קאַמף־ליד, דער פּאַטעטישער ריטואַל־מאָטיוו, דאָס שקלאַפן־ליד און דער יחידישער מאָטיוו. פאַראַן אין זיי אומדערוואַרטע סימנים: פּעסימיזם, רעזיגנאַציע — דאָך באַוועגן זיך אַלע זיינע לידער אין דער ספערע פון פּראָלעטאַרישן באַוואוסטזיין.

חיים אַלעקסאַנדראָוו

1909 — 1869

חיים אַלעקסאַנדראָוו

פילזייטיקער שרייבער

חיים אַלעקסאַנדראָוו האָט געהאַט דעם ביטערן גורל ווי אַ צאָל סאָציאַלע פּאָעטן אין די 80ער און 90ער יאָרן. פרי האָט ער פאַרלאָזט אונדזער זינדיקע וועלט: ער איז געשטאָרבן צו 39 יאָר. ער איז ניט געשטאָרבן אַזוי יונג ווי עדעלשטאַט, באָווּשאָווער, בנימין ראָזענבלום, יצחק רייִנגאָלד, נעיטן לעמפּערט, נחום באַבאַד — דאָך גענוג יונג. ער האָט אויך ניט איבערגעלאָזן קיין בוך שריפטן. זיינע לידער, דערציילונגען, קריטיקן און פּובליציסטישע אַרטיקלען זיינען צעזייט און צעשפּרייט איבער צייטונגען און זשורנאַלן. אַ סך זיינען פאַרפאַלן אײנעם מיט די צייטונגען, וואָס מ'האָט ניט אָפּגעהיט. אַ סך זיינען פאַרפאַלן אין מאַנוסקריפּט־פאָרם. אין די מאַנוסקריפּטן זיינען, על־פּי־רוב, געווען לידער. צו אונדז איז, אַזוי נאָך, דערגאַנגען אַ קלײנער טייל פון זיין פּאָעטישער ירושה.

בעת זיין לעבן האָט מען אים געהאַלטן מער פאַר אַ פּובליציסט און קריטיקער ווי פאַר אַ פּאָעט. גענומען האָט זיך עס דערפון, וואָס זיין פּובליציסטישע פּען איז געווען אימקאָמפּראָמיסלעך שאַרף און דאָס האָט מען שטענדיק באַמערקט. חוץ דעם — לידער האָט ער געדרוקט אַ סך ווייניקער ווי אַנדערע זאַכן. מען האָט אים פאַררעכנט צווישן די פּאָרנעמסטע שרייבער. חוץ פּובליציסטיק, קריטיק און לידער, האָט ער געשריבן דערציילונגען, פעליעטאָנען, ביאָגראַפיעס און דראַמאַטישע ווערק. ער איז, אָבער, געווען דער מחבר פון אַ רעוואָלוציאָנער ליד, וואָס האָט שטאַרק געווירקט אויף די אויפוואַכנדיקע יידישע מאַסן.

דאָס דאָזיקע ליד, „חברים אין קאַמף”, געהערט צו די געציילטע יידישע לידער, וואָס האָבן דורכגעפירט א גרויס שליחות. ווי עטלעכע אַנדערע לידער פון דעם מין, האָט דאָס ליד געהאָלפן אַריינבריינגען היכן רעוואָלוציאָנערן ראָמאַנטיזם און אידעאַליזם אין דער יידישער רעוואָלוציאָנערער און אַרבעטער־באַוועגונג. דערמיט אַליין האָט אַלעקסאַנדראָוו זיך פאַראייביקט אין דער יידישער פּאָעזיע.

חיים אַלעקסאַנדראָווס אמתער נאָמען איז געווען חיים (וויליאַם) מיללער. זיין פאָטערס נאָמען אַלכסנדר, סענדער, האָט ער פאַר־וואַנדלט אין זיין פסעוודאָנים אַלעקסאַנדראָוו. אונטער דעם נאָמען האָט ער געשריבן ערנסטע פובליציסטישע און אַנדערע אַרבעטן. פע־לעטאָנען — אויך אין גראַמען — האָט ער געשריבן אונטערן נאָמען „דאָן־קיכאָט". לידער האָט ער געשריבן אונטערן נאָמען אַלעקסאַנ־דראָוו און סאַרעריוועס. דעם פסעוודאָנים סאַרעריוועס האָט ער צו־נויפגעשטעלט פון זיין מוטערס נאָמען — שרה־רבקה.

קינדהייט אין פעטערבורג און פאָעטישע טרוימען

חיים אַלעקסאַנדראָוו איז געבוירן געוואָרן אין פעטערבורג,דעם 20סטן אויגוסט,1869. זיין פאָטער, אַן אויסגעדינטער ניקאָלאַיעווער סאָלדאַט,איז געווען אַ פרומער ייד. דעם פאָטערס פרנסה איז געווען — האַנדלען מיט אַלטע קליידער. די משפחה האָט ממש זיך געטרונ־קען אין נויט. דאָס רעכט צו וואוינען איבער גאַנץ רוסלאַנד, וואָס אַ־לע אויסגעדינטע ניקאָלאַיעווער סאָלדאַטן האָבן געקראָגן, האָט ווינ־ציק וואָס געהאָלפן. דער פאָטער איז געווען צוגעשריבן צו די מעש־טשאַנעס אין קראָנשטאַט. דאָרטן האָבן זיינע זין זיך געדאַרפט שטעלן צום פריזיוו. פון די זעקס קינדער אין דער משפחה, פינף זין און איין טאָכטער, איז אַלעקסאַנדראָוו געווען דער צווייטער זון.

אַלעקסאַנדראָוו האָט זיין קינדהייט פאַרבראַכט אין אַן אָרעמער און פרומער אַטמאָספער. ביז 15 יאָר איז אַלעקסאַנדראָוו אַליין געווען ביז גאָר פרום. פריער האָט ער זיך געלערנט אין דער פעטערבורגער תלמוד־תורה, דערנאָך אין ל. בערמאַנס געזעלשאַפטלעכער יידישער שול. אלע לימודים אין דער שול האָט מען געפירט אויף רוסיש. בער־מאַנס שול איז געשטאַנען העכער ווי די אַנדערע אַנהייב־שולן פאַר יידישע קינדער. אין1884 האָט אַלעקסאַנדראָוו פאַרענדיקט די שול מיט אויסצייכענונגען.

נאָכן ענדיקן די שול, האָט אַלעקסאַנדראָוו אַ יאָר צייט זיך פאַרנומען מיט געבן פריוואַטע לעקציעס. ער האָט דעמאָלט זייער אַ סך גע־לייענט. ער האָט בכלל געהאַט דאָס גאַנצע לעבן זיינס אַ גוואַלדיקע תשוקה צום לייענען. ניט שולן, נאָר דאָס לייענען איז געווען דער הויפט־מקור פון זיין בילדונג. גאָר פרי האָט זיך אין אַלעקסאַנדראָוון

אויפגעוועקט א באַגער צו שרייבן. ווען ער איז נאָך געווען אַ תלמיד אין בערמאַנס שול, האָט ער אָנגעהויבן שרייבן לידער. די שול האָט געהאַט ניט קיין שלעכטע לערערס, יידן און קריסטן, סטודענטן פון פעטערבורגער אוניווערסיטעט. איינער פון די לערערס האָט דעם יונגן שירים־שרייבער אויסגעלערנט די כללים פון פערזנבוי. אַלעק־סאַנדראָוו האָט זייער פרי גענומען קוקן אויף זיך ווי אויף אַ פּאָעט און געחלומט וועגן אַ דיכטער־קאַריערע.

אין דעם יאָר נאָכן ענדיקן די שול איז פאָרגעקומען אַ טיפער בייט אין דעם יונגן בחורס שטימונגען. עס האָבן געווירקט אויף אים נעקראַסאָוו און נאַדסאָן און בכלל די רוסישע פאָלקיסטישע לי־טעראַטור. ער איז אויך געווען באַקאַנט מיט דער יידיש־רוסישער זשורנאַליסטיק. ער האָט געהאַט זיין אייגנס דעם יידיש־רוסישן זשור־נאַל „וואָסכאָד" פאַרן יאָר 1883. ווי פאַר יענער צייט האָט ער גוט געקענט די יידישע ליטעראַטור: מענדעלען, אליקום צונזערן, שמר"ן א"אַנד.

ליידן — דאָס איז געווען די הויפּט־מחשבה וואָס האָט באַוועל־טיקט דעם יונגן טרוימער. ער האָט זיך גופא געזען ווי אַ קרבן. די סיבות? — דאָס לאַנד וואו דער דענקענדיקער מענטש מוז ליידן; דאָס יידישע פאָלק וואָס קען נישט קומען צו זיך נאָך די נאַרוואָס (1881) פאַרגעקומענע פּאָגראָמען; די נויט וואָס מאַטערט די גאַנצע משפחה; און וואָס עס זעט זיך נישט קיין אויסוועג. דער יונגער דיכטער האָט געליטן ניט בלויז אַבסטראַקט, ניט נאָר "פּאָעטיש", נאָר אויך זייער פּראָזאַאיש און פאַקטיש. די נויט האָט אַרויפגעלייגט אויף אים אַ שטעמפּל אויפן גאַנצן לעבן. אין דעם כאַראַקטער פון דעם צוקונפ־טיקן פאָלקיסט־ראָמאַנטיקער איז געווען אַ מאָדנע סתירה. פון איין זייט איז ער געווען זייער לעבן־לוסטיק און שטיפעריש. פון דער צווייטער זייט—אַ פאַרשלאָסענער אין זיך, מיט אַ נטיה צו זיין איינזאַם, אין זיך פאַרקליבן און שווייגעוודיק. אין די יונגע יאָרן איז ליידן נאָך באַטראַכט געווען ווי אַ מין געהיימע פּריווילעגיע. דאָס איז געווען פאַרבונדן מיט טונקעלע טרוימען וועגן הויכע וויזיעס און באַרופן. אָבער שפּעטער האָט זיך עס אָפּגערופן, ער זאָל זיין מרה־שחורהדיק דאָס גאַנצע קורצע לעבן זיינס, ער זאָל כמעט שטענדיק זיין איינזאַם.

ווען דער 15־יאָריקער בחור האָט פאַרלוירן דעם גלויבן אין גאָט איז ער געוואָרן אַ ראַציאָנאַליסטישער, סאָציאַל־באַוואוסטזיני־

קער אַפּיקורס. אָבער ער איז אויך טיף־פאַרזונקען אין איינזאַמקייט. אפשר ווי אַן אויסוועג האָט דער יונגער טרוימער זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ חלום וועגן עפּעס אַן אויפטו — אַ סימבאָלישער טואונג, עפּעס אַ שטורעמדיקן, צינדנדיקן „טאָט". די מעגלעכקייט דאָס דורכצו־פירן האָט ער געהאַט אין צוויי יאָר אַרום, בעת ער איז געווען אַ תלמיד אין ווילנער לערער־אינסטיטוט.

אין ווילנער לערער-אינסטיטוט

דורכגעזאַפּט מיט אַ זאָרשט צו וויסן און מיטן באַגער שפּעטער צו קענען „עפענען די אויגן" דער גאַנצער וועלט, האָט זיך אַלעק־סאַנדראָוו צו 16 יאָר, אין 1885, אַוועקגעלאָזט קיין ווילנע. ער איז דאָרטן אָנגעקומען אין יידישן לערער־אינסטיטוט. אין אינסטיטוט האָט אַלעקסאַנדראָוו זיך אויסגעצייכנט אין אַלע לימודים. זיינע שול־חברים האָבן אים ליב געהאַט, אָבער די באַאַמטע און לערערס פון אינסטיטוט האָבן געקוקט אויף אים מיט חשד. זיי האָבן געדאַרפט אויסהאָדעווען צוקונפטיקע פאַרזייערס פון דער קאַזיאָנער רוסיפי־קאַציע. זיי האָבן געמוזט אַכטונג געבן אויף שטרענגער לאָיאַליטעט מצד די סטודענטן צו דער מאַכט. אין דעם האָבן זיי זיך אַרויסגעוויזן ווי גוטע אַרויסהעלפערס פון דער צאַרישער „אָכראַנע". עס האָט טאָקע געוועלטיקט דער גייסט פון דער דריקנדיקער „אָכראַנע". דער קלענסטער חשד האָט געפירט צו רעוויזיעס און אויספאָרשונגען. און חיים אַלעקסאַנדראָוו איז געווען אַ שטאָלצער, פאַרביסענער, אַן אומאָפּהענגיקער און פאַרשלאָסענער אין זיך. אויף אַזאַ איינעם האַלט מען שטענדיק אַן אויג.

בעת אַלעקסאַנדראָוו איז געווען אין צווייטן קלאַס (אין 1887), איז אין אינסטיטוט געוואָרן פּאָפּולער אַ סאַטיריש לידל „אויפרוף צו די אינסטיטוט־בחורים". דאָס ליד איז געווען זייער פּאָפּולער אין לערער־אינסטיטוט שוין לאַנג נאָך דעם ווי חיים אַלעקסאַנדראָוו איז דאָרטן מער ניט געווען קיין תלמיד. די אינסטיטוט־„נאַטשאַל־סטווע" האָט אָפּנים געוואוסט ווער עס איז דער מחבר פון דעם ליד, וואָס האָט זיי ניט געשמעקט. דערווייל איז עפּעס פאָרגעקומען. אין אַפּריל 1887 האָט דער קוראַטאָר פון ווילנער בילדונגס־ראַיאָן אַריינגעשיקט אַ פאַראָרדענונג, מען זאָל דורכפירן אַ שטרענגע רעווי־

זיע אין אינסטיטוט. די רעוויזיע, דורכגעפירט פון די באַאַמטע און לערערס, האָט געדויערט פון האַלב נאָך פינף אין אָוונט ביז האַלב נאָך עלף ביינאַכט. אויב מען האָט געפונען ביי אַ סטודענט אַ טרייף־פסול, האָט מען אים שפּעטער געגומען אויף אַ פאַרהער. ביי אַט דער רעוויזיע איז אַריינגעפאַלן דער סטודענט גאָזשאַנסקי, דער שפּעטער באַוואוסטער בונדיסט — לנו. ער איז אָבער אָפּגעקומען מיט אַ שטרענגן פאַרהער. ביי אים האָט מען געפונען לעגאַלע ביכער. זיי זיינען געווען בלויז פאַרבאָטן פאַרן אינסטיטוט. ערגער ווי אַלע אַנדערע האָט אָפּגעשניטן חיים מיללער־אַלעקסאַנדראָוו. אָט וואָס דער פּראָטאָקאָל דערציילט וועגן אים:

„בעת דער רעוויזיע איז ביים תּלמיד פון צווייטן קלאַס חיים מיללער, צווישן פאַרשיידענע שירים וואָס ער האָט אַליין אָנגעשריבן, געפונען געוואָרן אַ שיר מיטן טיטל „אָן אויפרוף צו די אינסטיטוט־בחורים", וואָס אין אים זיינען פאַראַן באַליידיקנדיקע אויסדרוקן קעגן דעם פּעדאַגאָגישן פּערסאָנאַל פון אינסטיטוט, קעגן דער אָרדענונג אין אים און קעגן דער דיסציפּלין... איבער דער אומדרך־ארצדיקער באַציאונג פון מיללערן צו דער פּעדאַגאָגישער קאָרפּאָראַציע פון אינסטיטוט, דעם גראָבן אָפּשפּאָטן פון דער אינסטיטוט־דיסציפּלין און דער נעגאַטיווער ריכטונג אין לעבן — האָט דער פּעדאַגאָגישער ראָט באַשלאָסן אויסצושליסן מיללערן פון אינסטיטוט" (זלמן רייזען: „ח. אַלעקסאַנדראָוו — דער פאַרגעסענער ייִדיש־אַמעריקאַנישער שריפט־שטעלער און יידישיסט", ייוואָ־בלעטער, ב' 5 (1933), נומ' 2).

עקשנות, תּפיסות און פּאָליציייִשע אויפזיכט

דער פאַל מיטן שילער חיים מיללער האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם. דער אינספּעקטאָר יהושע שטיינבערג האָט זיך געמיט ווירקן אויף מיללערן, ער זאָל בעטן מחילה, אָבער דער תּלמיד איז געווען פאַרעקשנט. ער האָט באַטראַכט דעם אינצידענט ווי אַ וויכטיקע פּרינציפּיעלע פראַגע. ביי די אַלע שמועסן און אויספרעגענישן איז ער געבליבן אומקאָמפּראָמיסלעך. אַגב, — דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן אל הפּועל דער חלום וועגן מאַרטירערטום פאַר פרייהייט. אַ גאַנצע וואָך נאָך דער רעוויזיע האָט מען אים געהאַלטן אין סטראַשען און איינריידן. דאָס האָט, אָבער, נישט געהאָלפן. האָט דער

פּעדאַגאָגישער ראַט פון אינסטיטוט, בראש מיטן דירעקטאָר באַרסקי, אויסגעשלאָסן דעם 18־יאָריקן סטודענט פונעם לערער־אינסטיטוט. דער אויסגעשלאָסענער האָט געוואוסט, אויף וואָס ער קען זיך איצט ריכטן.

צום „פאַרברעכער" האָט זיך גענומען די פּאָליציי. אין איינעם מיט „אויסוואורפן און גנבים" און טאַקע אויך מיט אמתע פאַרברע־כערס, האָט מען חיים אַלעקסאַנדראָוון אַוועקגעשיקט מיטן עטאַפּ קיין קראַנשטאַט, וואו ער איז געווען אַ נכתב. אַכט וואָכן האָט גע־דויערט אָט דער וועג. אין די אַכט וואָכן האָט מען זיך געוואַלגערט אין פאַרשיידענע תפיסות. דער פּאַרזינדיקטער האָט איצט געדאַרפט פינף יאָר צייט לעבן אין קראַנשטאַט אונטער פּאָליצייאישער אויפ־זיכט. די פינף יאָר האָט אַלעקסאַנדראָוו אויסגענוצט זיך לערנען אַליין, לייענען, לערנען זיך דייטש, פראַנצייזיש, איטאַליעניש, ענגליש. ער האָט אין דער צייט אויך געשריבן. ער האָט זיך מפרנס געווען פון פּריוואַטע לעקציעס.

במשך די געצוואונגענע פינף יאָר אין קראַנשטאַט האָט אַלעק־סאַנדראָוו אָנגעהויבן שרייבן אין ערנסטע רוסישע זשורנאַלן, טאַקע אונטערן פּסעוודאָנים ח. אַלעקסאַנדראָוו. ער האָט אָבער געקלערט וועגן אַ שטענדיקער פּראָפעסיע. האָט ער אין 1896 דערלאַנגט אַ בקשה דעם בילדונגס־מיניסטער, מען זאָל אים דערלויבן ווערן אַ לערער. דאָס האָט מען אים אָפּגעזאָגט. איז ער געוואָרן אַ פּריוואַטער לערער אין דער משפחה פון אַ גענעראַל. כמעט צוויי יאָר צייט האָט ער אין איינעם מיט דעם גענעראַלס משפחה געררייזט איבער פאַרשיידענע לענדער אין אייראָפּע. ווען ער איז צוריקגעקומען קיין קראַנשטאַט, האָט ער אָפּנים געזען, ס'איז ניטאָ פאַר אים קיין שום צוקונפט אין רוסלאַנד. האָט ער באַשלאָסן פאָרן קיין אַמע־ריקע. דעם 5טן יוני, 1898, האָט ער פאַרלאָזן רוסלאַנד און אין אַ קורצער צייט נאָך דעם איז ער אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק.

אין ניו־יאָרק

אין ניו־יאָרק האָט אַלעקסאַנדראָוו זיך אָפּגעגעבן מיט ליטעראַ־רישער אַרבעט. שוין אין 1899 טרעפן מיר זיינע זאַכן אין „אבענד־בלאַט". דאָס איז געווען דער אָפיציעלער טעגלעכער אָרגאַן פון דער

סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי („סאָושעליסט לייבאָר פּאַרטי"; מען האָט זי גערופן לויט די ראשי־תיבות — עס־על־פּי). ער האָט אויך מיטגעאַרבעט אין דער זונטיקדיקער אויסגאַבע פון „אַבענד־בלאַט" — אין דער „אַרבייטער־צייטונג". ח. אַלעקסאַנדראָוו איז קיין פּאַרטיי־מענטש נישט געווען. פּאָרמעל איז ער נישט געווען קיין מיטגליד פון עס־על־פּי. נאָר ער איז געווען אַן אויסגעהאַלטענער סאָציאַליסט. די אויסגאַבעס פון דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי זיינען אים געווען נאָענט. זיי זיינען געווען רעוואָלוציאָנער. ער האָט דאָרטן זיך געקענט אויסדריקן פריי. אים איז אויך געווען צום האַרצן דער קאַמף קעגן דער וואולגאַרקייט אין דער געלער פרעסע און קעגן אירע וואָרט־זאָגערס. אַלעקסאַנדראָווס שטעלונג אין די עס־על־פּי אויסגאַבעס איז קלאָר כאַראַקטעריזירט אין דעם עדיטאָריעלן אַרטיקל אין „אַרבייטער" צו אַלעקסאַנדראָווס ערשטן יאָרצייט, דעם 25סטן יוני, 1910:

„אַלעקסאַנדראָוו איז תּוך פּיל באַטראַכט אַלס אַן עס־על־פּי מאַן. אין דעם געוויינלעכן פּאַרטיי־זינען איז ער דאָס ניט געווען. אַלעקסאַנדראָוו איז געווען צופּיל שטימונגס־מענטש אום איבערהויפּט צו זיין אַן אָרגאַניזאַציאָנס־מאַן אין דעם זינען ווי דאָס ווערט געוויינלעך פאַרשטאַנען. אויב וועלכע אָרגאַניזאַציאָן האָט אים איבערהויפּט געקאָנט באַטראַכטן אַלס אַ דורכויס איריקן. איז עס געווען דער „בונד" אין רוסלאַנד. און דאָס גראַד דערפאַר ווייל אַלעקסאַנדראָוו איז געווען אַ שטימונגס־מענטש. דער ערוואַכטער יידישער אַרבעטער אין רוסלאַנד, וועלכער איז געוואָרן אַ רעוואָלוציאָנערער קעמפער, האָט אים באַזונדער באַגייסטערט, און דערום איז ער געווען אַ בונדיסט, אַפילו אויב ער איז קיין מיטגליד פון „בונד" ניט געווען. דער רעוואָלוציאָנערער יידישער אַרבעטער אין רוסלאַנד האָט עס אים באַגייסטערט צו שרייבן זיין קאַמפּליד וואָס איז פאַרעפנטלעכט אין דעם „אַרבייטער" אונטער דעם טיטל „חברים אין קאַמף" און וואָס איז אַזוי פּאָפּולער צווישן די אַרבעטער אין רוסלאַנד.

„אַלעקסאַנדראָווס מייסטע שריפט זיינען ערשינען אין אונדזער פּרעסע ניט ווייל ער איז געווען אונדזערער אַ פּאַרטיי־מאַן — דאָס איז ער ניט געווען — נאָר ווייל דאָ האָט ער אומגעשטערט געקאָנט אַרויסזאָגן זיין וואָרט, דאָ איז זיין פעדער געווען פריי, ווי עס איז פריי די פעדער פון אַלע אַנדערע וועלכע שרייבן איצט פאַרן „אַרבייטער"."

אין דעם זעלביקן נומער „אַרבייטער" געפינען מיר דוד פּינסקיס

אַן אַרטיקל צו אַלעקסאַנדראָווס ערשטן יאָרצייט. מיר שטעלן זיך אָפּ אויף עטלעכע שטעלן. מיר דערוויסן זיך דאָרטן ווי אַזוי אַלעקסאַנדראָוו האָט זיך געפילט, בעת ער האָט אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע טעטיקייט אין אַמעריקע. מיר דערוויסן זיך אויך ווי אַזוי עס האָט דורכגעלעבט די צען יאָר אין אַמעריקע אַזאַ מענטש ווי אַלעקסאַנדראָוו, אַ קעמפער און אַ ליריקער, אַ שטענדיקער שווייגנדיקער אין אַן אָפּלאַכער, אַ פּאַר־טאַגנענער אין זיך און אַ רופער צום געזעלשאַפטלעכן געוויסן:

„. . . דאָס פאַרלאַכן, דאָס לעכערלעך מאַכן איז אַ גרויס און שאַרף געווער אין קאַמף מיט שלעכטיקייט און נאַרישקייט, און ער האָט גע־וואוסט ווי צו געברויכן דאָס דאָזיקע געווער ווי ווייניקע אין אונדזער ליטעראַטור... לאַכן — יאָ, לאַכן קאָן מען אַפילו פון אַן אייגענעם טאַטן. אָבער שעלטן ניט. און ער האָט קיין מאָל ניט געשאָלטן און קיין מאָל זיך ניט געקריגט. ער האָט שטענדיק געבענקט נאָך שלום. ער איז געשטאַנען מיט אונדז. אָבער ער האָט ניט געהערט צו קיין פּאַרטיי. דער קאַמף צווישן די ביידע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָט שטענדיק באַ־דריקט זיין נשמה. אין די לעצטע יאָרן האָט זיך אים אָנגעהויבן צו דוכטן, אַז ער האָט די אַנדערע פּאַרטיי אַ ביסל צו האַרט באַהאַנדלט. האָט ער זיך פון ביידע גלייך דערווייטערט, ריכטיקער — האָט געזוכט אַ וועג ווי צו ביידע גלייך צו פאַרהאַלטן זיך. און גאַנץ געוויס איז, אַז ווען מיר וואָלטן דאָ געהאַט אַ געאייניקטע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, וואָלט ער אַ סך מער אַקטיוו געווען, וואָלט ער אַ סך מער אויפגעטאָן. דער ברודער־קאַמף אָבער האָט פּאַראַליזירט זיינע כּוחות".

איין זאַך קענען מיר זיך גרינג אָנשטויסן: צופיל נחת פון זיין מיטאַרבעטן אין „אַבענד־בלאַט" האָט אַלעקסאַנדראָוו ניט געהאַט פון סאַמע אָנהייב אָן. דאָס איז טאַקע געווען די איינציקע טעגלעכע צייטונג, וואָס דורך איר האָט ער געקענט ריידן צו דער אימיגראַנטן־מאַסע. אָבער אַלעקסאַנדראָוו האָט זיך פאַרבונדן מיטן „אַבענד־בלאַט" בשעת דער שפּאַלטונג און דעם ברודער־קריג אין דער יידישער אַרבעטער באַוועג־גונג אין אַמעריקע. דאָס איז געווען דער ביטערער קאַמף צווישן צוויי צדדים. איין צד איז געווען דער דעליאָן־צד, וואָס האָט געצילט צו באַהערשן אָדער ברעכן אַלע יוניאָנס, גרינדן נייע און זיי פאַרנעמען אויף פּאָליטיש. און דער צווייטער צד, האָט געפּריידיקט פריינדלעכע באַציאונגען מיט די יוניאָנס, סאָציאַליסטישע אַגיטאַציע און אויפקלע־רונג און דאָס „בויערן פון אינעווייניק". דער דעליאָן־צד איז געבליבן

מיטן „אבנד־בלאַט״. דער צווייטער צד האָט דעמאָלט געגרינדט דעם „פאָרווערטס״. ביטערקייט און אויפרעגונג האָט דער דאָזיקער קאַמף געשאַפן. אָט אין אַזאַ צייט האָט זיך אָנגעהויבן אַלעקסאַנדראָווס ליטעראַרישע טעטיקייט דאָ אין לאַנד. גרינג איז אים ניט אָנגעקומען אויפצוהיטן די ווערדע פון אַ ריטער פאַר דער גאַנצער אַרבעטער־באַוועגונג. שווער איז געווען אין אַזאַ צייט אויפצוהיטן די אומבאַפלעקטע ערלעכקייט. און הויך זיינען געווען אַלעקסאַנדראָווס פאָדערונגען צו שרייבערישער עטיק. מען דאַרף דאָ נעמען אין באַטראַכט זיין פאָעטישע נאַטור, זיין אידעלן רוסישן פאָלקיזם. אָן שום פניות איז ער געווען איבערגעגעבן דעם פאָלק און דעם פאָלקס אינטערעסן. ניט געקוקט אויף די אַלע אומגינציקע תנאים, האָט אַלעקסאַנדראָוו במשך זיין קורץ לעבן געהאַלטן זיין באַרוף ריין און אויף אַ חשובער מדרגה.

דאָס „אבענד־בלאַט״ איז אונטערגעגאַנגען אין 1902. דערמיט האָט זיך פאַרענדיקט אַלעקסאַנדראָווס דריי־יאָריקע קאַריערע אין אַ טאָג־צייטונג. עס איז דאָ מער ניט געווען קיין טעגלעכע צייטונג, וואו ער האָט זיך געקענט אַריינפּאַסן. „אין אין טעגלעכער יידישער צייטונג איז אַלעקסאַנדראָוו יאָ געווען אַ מיטאַרבעטער, אָבער דאָס איז געווען „דער פריינד״ אין פעטערבורג, און ניט קיין צייטונג אין ניו־יאָרק, וואו ער האָט געלעבט. און אַלעקסאַנדראָוו איז דאָ געווען ווערענד דער גאַנצער צייט וואָס די היגע יידישע טעגלעכע פרעסע האָט זיך פונאַנדערגעוואָקסן״. אַזוי איראָניזירט דער לייט־אַרטיקל אין „אַרבייטער״, דעם 3טן יולי, 1909.

נאָכדעם ווי דאָס „אבענד־בלאַט״ און די „אַרבייטער־צייטונג״ זיינען אונטערגעגאַנגען, איז אַלעקסאַנדראָוו געווען אָנגעוויזן אויף צופעליקע פאַרדינסטן. ער שרייבט אין „אַרבייטער״, דעם וועכנטלעכן אָרגאַן פון עס־על־פּי. וואָס הייבט אָן אַרויסגיין אין 1904. ער רעדאַגירט אין 1904 דעם חודש־זשורנאַל „די פרייע שטונדע״ (אַרויס סך־הכל 8 נומערן), וואו ער דרוקט זיינע דערציילונגען, לידער און רעצענזיעס. ער שיקט אויך אַרטיקלען אין פעטערבורגער „פריינד״ און אין דעם חודש־זשורנאַל „דאָס לעבן״. אויך שרייבט ער אין ווילנער „פאָלקס־צייטונג״. אָבער דאָס זיינען אַלע צופעליקע זאַכן. קיין מזל־ברכה איז ניטאָ אין דעם. דאָס באַפרידיקט אים ניט — ניט גייסטיק, ניט פינאַנציעל. זיין לעבן ווערט שווערער פון טאָג צו טאָג. נאָך אַ קינדהייט אין אָרעמקייט, נאָך אַ יוגנט אין נויט, נאָך שווערע איבערלעבונגען

אין די גאָר יונגע יאָרן, קומט צו דער פינצטערער גורל פון אַ קולטורעלן שרייבער. אַ רוסיש־יידישער אינטעליגענט, אַן אומקאָמפּראָמיסלעכער פּאָלקיסט, האָט ער אויפגעהיט דאָס נאַאיווע און שיינע פון דעם אידעאַ־ליסטישן רוסישן „נאַראָדניק". אָבער ער האָט באַדאַרפט לעבן און „מאַכן אַ לעבן" אין דער סביבה פון אונדזער אימיגראַציע אָנהייב דעם יאָרהונדערט.

ליכט און פרייד אין לעבן האָט אים געבראַכט זיין חתונה מיט פּעני פּין אין 1906. די זייער באַשיידענע פּעני פּין האָט געשטאַמט פון אַ חשובער אינטעליגענטער משפּחה. אַלעקסאַנדראָווס לעבן איז געוואָרן פולער, העלער. די שווערע מרה־שחורה־שטימונגען זיינען אויף אַ קורצער צייט פאַרשוואונדן. נאָך דער חתונה קריגט אַלעקסאַנדראָוו אַ שטעל אין דעם פאַרלאַג „אינטערנאַציאָנאַלע ביבליאָטעק" („אינטער־נעשאָנאַל לאַיברערי פּאַבלישינג קאָמפּאַני"). דער באַלעבאָס פון פאַר־לאַג, עוואַלענקאָ, האָט זיך פאַרנומען אויף אַ גרויסן שטייגער. ער האָט אַרויסגעגעבן ווערק פון די בעסטע שרייבערס. ער האָט געפּלאַנט אַרויס־צוגעבן די יידישע קלאַסיקערס. אָט־דער עוואַלענקאָ, וואָס אַליין האָט ער זייער ווייניק געקענט יידיש, האָט קיין בעסערן מיטהעלפער ווי אַלעקסאַנדראָוון גאָרניט געקענט קריגן. פאַרשטייט זיך, אַלעקסאַנדראָוו האָט קיין ברעקל חשד ניט געהאַט וועגן עוואַלענקאָן. דעמאָלט האָט נאָך קיינער פון דער איסט־סייד נישט געוווּסט דעם ביטערן אמת וועגן עוואַלענקאָ. עוואַלענקאָ איז געווען אַן אַגענט פון דער רוסישער „אָכ־ראַנע". עוואַלענקאָ האָט געשפּילט די ראָלע פון אַ מעצענאַט, פון אַ מענטשן וואָס איז זיך מוסר־נפש פאַר קולטור בכלל און פאַר יידישער קולטור בפרט. אַלעקסאַנדראָוו אַליין האָט געהאַט וועגן עוואַלענקאָן זייער אַ געהויבענע מיינונג. עוואַלענקאָן האָט אויפגעדעקט בורצעוו אין 1910, נאָך אַלעקסאַנדראָווס פריצייטיקן טויט.

די פאַרהאַנדלונגען מיט יידישע שרייבערס האָט ס'רוב געפירט אַלעקסאַנדראָוו, דער סעקרעטאַר פון דעם פאַרלאַג. זומער 1907 איז אַלעקסאַנדראָוו אַוועקגעפאָרן קיין איראָפּע צו פאַרהאַנדלען מיט יידישע שרייבערס מכוח אַרויסצוגעבן זייערע ווערק. אַריינפאָרן קיין רוסלאַנד האָט ער ניט געקענט מחמת זיינע אַמאָליקע פּאָליטישע זינד. האָט ער מערסטנס פאַרבראַכט אין קראָקע. אין בערלין האָט ער זיך געטראָפן מיט בעל־מחשבותן, מיט פרישמאַנען. דער עיקר איז אָבער אַלעקסאַנד־ראָוון געגאַנגען אין פאַרבינדן זיך מיט פּרצן און אין אַרויסגעבן פּרצעס

װערק. מיט פּרצן האָט אַלעקסאַנדראָװ זיך געטראָפֿן, װען יענער איז צוריקגעפֿאָרן פֿון אַ קורבאַד. דאָס איז געװען נאָך פּרצעס אַ שװערער לונגען־אָנצינדונג. פֿון אָט דער צייט שטאַמט די אינטערעסאַנטע קאָרעספּאָנדענץ צװישן דינעזאָנען, פּרצן און אַלעקסאַנדראָװן. די קאָרעספּאָנדענץ װאַרפֿט אַ ליכט אויף אַ סך פּראָבלעמען אין דער דעמאָלטיקער יידישער פֿאַרלעגעריי, אויף טעאַטער, אויף ליטעראַטור בכלל. דער מחבר פֿון די שורות האָט אָפּגעדרוקט די קאָרעספּאָנדענץ אין די „ייװאָ־בלעטער", באַנד 25, 1945.

די נסיעה קיין אייראָפּע, אין דער באַגלייטונג פֿון זיין פֿרוי, האָט געהאַט אויף אַלעקסאַנדראָװן אַן אָפּפֿרישנדיקע װירקונג. נאָכן צוריקקומען איז װידער געקומען אַ פֿריידיקע געשעפֿעניש אין זיין לעבן. אין 1908 איז געבוירן געװאָרן זיין זון אַלעקסאַנדער. אָבער דאָס גליק האָט ניט לאַנג געדױערט. אַלעקסאַנדראָװס געזונט איז געװאָרן ערגער. עס האָבן זיך באַװיזן סימנים פֿון אַ כראָנישער קראַנקייט. מיטן פֿאַרלאַג איז ער אויך שוין ניט געװען מער פֿאַרבונדן. האָט ער געזוכט זיך מפרנס זיין מיט װאָס עס האָט זיך געלאָזן. ער האָט יאָ געקראָגן אַ שטעל, אָבער ער האָט זי נישט געקענט האַלטן; ער האָט קיין כוחות ניט געהאַט. זיין קראַנקייט האָט זיך פֿאַרערגערט, ביז ער איז געװאָרן אין גאַנצן פֿאַראַליזירט. פֿינף־זעקס חדשים האָט ער זיך געפֿונען אין אָט דעם אומגליקלעכן צושטאַנד.

די געשיכטע מיט זיינס אַ ליד, געדרוקט ערשט נאָך זיין טויט, דערציילט אונדז, אויף אַ רירנדיקן אופֿן, װעגן זיין קראַנקייט. זיין זון איז געבוירן געװאָרן דעם 19טן מאַי, 1908. קורץ נאָך דעם איז אַלעקסאַנדראָװ אװעקגעפֿאָרן אין די בערג. אַזױ האָבן זיך די דאָקטוירים געעצהט. דאָרטן האָט ער דעם 1טן יוני אָנגעשריבן די ערשטע דריי סטראָפֿעס פֿון ליד. אַ קורצע צייט שפּעטער האָט ער אָנגעשריבן די װייטערדיקע דריי סטראָפֿעס און זיי אָפּגעשיקט דער פֿרוי. דעם 18טן יוני, איז ער געקומען אַהיים קיין ניו־יאָרק זייער אַ קראַנקער. ער האָט ניט געקענט רוען, ביז װאַנען ער װעט ניט ענדיקן דאָס ליד. אָבער ער האָט ניט געהאַט קיין כוח צו האַלטן אַ פּען אין דער האַנט. האָט ער, פֿיר טעג נאָכן קומען אַהיים, אַ שברי־כלי, דיקטירט זיין פֿרוי די לעצטע צװיי סטראָפֿעס. מיר ברענגען דאָס ליד אין דעם פֿאָרעם װי ער האָט עס אַליין פֿאַרריכט עטלעכע חדשים שפּעטער, און ניט װי עס איז געװען געדרוקט אין „אַרבייטער".

אַז דער שלאָף, מיין קינד, פאַרמאַכט דיר
מיט זיין צאַרטן ריר דעם בליק, —
„ביסט אַ מלאך!" זאָגט די מאַמע,
און איר פּנים שיינט פון גליק.

ביסט אַ מלאך אין די הימלען
דיין נשמה שוועבט אַצינד
אין די בלאָען, טיפע הימלען,
פריי פון זאָרג און ריין פון זינד.

און פון קוואַלן טרינקט זי דורשטיק
זייער האָט־געבענטשטן זאַפט,
וואָס דו וועסט דאָס גאַנצע לעבן
דאָרטן שעפּן מוט און קראַפט.

שלאָף וואָס לענגער. יעדע רגע
זאָל דיר געבן נאָך אַ טראָפּ
אָט פון יענע פולע קוואַלן
און דיר שטאַרקן האַרץ און קאָפּ.

און זי בייגט זיך איין צום מיילכל,
קושט דעם אָטעם. — „מלאך מיין!"
שעפּטשעט זי, און אין די אויגן
טוט אַ טרער אַ העלן שיין.

יע, אַ מלאך... ווי אַ חלום
פליט אַוועק דיין זיסע צייט,
יאָרן קומען, יאָרן גייען,
און דו טרעטסט אַריין אין שטרייט.

אין דעםווילדן שטרייט פון לעבן,
וואו אויף יעדן שטיקל ברויט
זיינען דאָ אַ צען בעלנים
און עס לויערט רק דער טויט.

שלאָף, מיין קינד, און זאַמל כוחות,
שמיד זיך אויס אַ שטאַרקן שווערד,
אַז קיין בייזע מאַסט זאָל קענען
דיר באַזיגן אויף דער ערד.

נאָך פינף־זעקס חדשים פולשטענדיקן פּאַראַליז האָט זיך באַוויזן אַ שטיקל האָפענונג. ער האָט געקענט אַרומגיין אָנגעשפּאַרט אויף אַ שטעקן. ער האָט געפּרואווט ווידער זיך נעמען צו דער פּען. און ווען ער האָט ניט געקענט שרייבן אַליין, פלעגט ער דיקטירן. דאָקטוירים האָבן געגעבן האָפענונגען: ער וועט מיט דער צייט קענען פירן אַ לעבן פון אַ מער־ווייניק נאָרמאַל געזונטן מענטשן. דאָס לעצטע יאָר פון זיין לעבן האָט ער געוואוינט מיט דער פרוי און קליינעם זונעלע אויף 425 גרענד סטריט, האַרט לעבן אַטוירני סטריט. בייטאָג האָט דער מעלאַנכאָלישער שרייבער ליב געהאַט זיך וואַרעמען אויף דער זון, זיצנדיק אויף אַ שטול לעבן די טרעפּ פון הויז. געווען איז דאָס דער סאַמע צענטער פון דער יידישער איסט־סייד. פּעני מיללער איז געווען אַ קראַנקן־שוועסטער אין דער „נוירסערי סעטלמענט דיספּענסערי", אויף 265 הענרי סטריט. דאָרטן האָט זי זיך געגוג אָנגעזען מיטן גרויל פון אָרעמסטן און עלנטסטן אין דעם יידישן קוואַרטאַל. נאָך אַ טאָג אַרבעט צווישן די אָרעמסטע און פאַרשטויסנטסטע, האָבן זיך אָנגעהויבן אירע פליכטן אין איר אייגן הויז: אַרום דעם קראַנקן מאַן און דעם קליינעם קינד.

ווען חברים זיינען געקומען צו אַלעקסאַנדראָוון עטלעכע וואָכן פאַר זיין טויט, האָט ער מיט זיין אויסזען ניט געקענט מאַכן אויף זיי קיין צו גוטן איינדרוק. דאָך האָבן זיי ניט חושד געווען, אַז דער סוף איז אַזוי נאָענט. מאָנטיק, דעם 21סטן יוני, 1909 איז אים געוואָרן זייער שלעכט. מען האָט אים צוגענומען אין מאָנטעפיאָרע־האָום־שפּיטאַל, וואָס האָט זיך דעמאָלט געפונען אויף דער 137סטער גאַס און בראָדוויי. צו דער אַלטער נערוון־קראַנקייט איז צוגעקומען אַ לונגען־אָנצינדונג, און פרייטיק, דעם 25סטן יוני, עטלעכע רגעס פאַר עלף ביינאַכט, האָבן זיך פאַרענדיקט אַלעקסאַנדראָווסליידן.

די לוויה איז פאָרגעקומען זונטיק, דעם 27סטן יוני, עלף אין דער פרי, פון זיין שוואָגערס, טשאַרלז בערנשטיינס, הויז, 242 וועסט 112טע גאַס. מען האָט אַלעקסאַנדראָוון געבראַכט צו קבורה אויפן אַרבעטער־

רינג בית־עולם הר־ציון. הספדים האָבן געהאַלטן: הערץ בורגין, אַלעקסאַנדראָווס יוגנט־פריינד — אויף רוסיש; ב. וולאַדעק — אין נאָמען פון „בונד"; יוסף שלאָסבערג — אין נאָמען פון די אַמעריקאַנער סאָציאַליסטן; יואל ענטין — אין נאָמען פון יידישע שרייבערס.

דער שיקזאַל פון יידישן שרייבער אין אַמעריקע

ווען אַלעקסאַנדראָוו איז געשטאָרבן איז דער גאַנצער ענין אַלעק־סאַנדראָוו געוואָרן זייער אַן אַקטועלער, מער ווי ביי זיין לעבן. די „קאָלאָניאַלע זיטן" אין דעם אימיגראַנטיש־ראַדיקאַלן לעבן — זעט מען בולט אין די פאַרשיידענע אָפרופן אויף אַלעקסאַנדראָווס טויט. זיי זיינען ממש אַ שטודיע וועגן סאָציאַלער מאָראַל. וועלן מיר זיך אויף דעם אָפּשטעלן באריכות.

ווי פריער דערמאָנט — געווען איז אַלעקסאַנדראָוו שטענדיק אַ שטילער, שטענדיק אַ פאַרטראַכטער, אין זיך צוריקגעצויגענער מענטש. ער איז אָבער אויך געווען צופיל „אָפּנהאַרציק". זיין פען איז געווען אויך אַ בייסיקע. דאָך האָט מען אים געהאַלטן צווישן די פאָרנעמע געציילטע יידישע שרייבער אין ניו־יאָרק. אין דעם פריער־דערמאָנטן לייט־אַרטיקל, אין „אַרבייטער", דעם 3טן יולי, 1909, איז באמת אויס־געדריקט די אַלגעמיינע מיינונג וועגן אַלעקסאַנדראָווס פריינד און קעג־נער. „אַזעלכע שרייבער ווי אַלעקסאַנדראָוו איז געווען, פאַרמאָגן מיר ניט פיל. אין געוויסע פּרטים איז ער געשטאַנען גאַנץ אַליין — עס איז צו אים קיין צווייטער ניט געווען. אַזאַ שרייבער איז אַ ווערטפולע קראַפט פאַר אַ טעגלעכער צייטונג. דאָך איז אַלעקסאַנדראָוו געווען אָנגעוויזן כמעט אויסשליסלעך אויף אַ פּאָר וועכנטלעכע צייטונגען, פון וועלכע ער האָט קיין לעבן ניט געקענט מאַכן".

דער ענין אַלעקסאַנדראָוו איז נאָך זיין טויט געוואָרן אַן ענין וועגן „דעם שיקזאַל פון דעם יידישן שרייבער אין אַמעריקע". די וועגן צו דער באַלעבאַטישער און קעגנעריש סאָציאַליסטישער פרעסע זיינען אפשר געווען פאַר אים אָפּן. אָבער אַלעקסאַנדראָוו איז געווען אַ פּאַר־עקשנטער מענטש. ער האָט זיך ניט געלאָזט בייגן. ער איז ניט געווען קיין פּאַרטיי־מענטש, דאָך איז ער געווען פעסט אין זיינע פּרינציפּן, לאָיאַל צו זיינע קאָלעגן. אפשר האָט דער באַהאַלטענער רעוואָלוציאָ־נערער סענטימענטאַליסט, דער ליריקער, דער מאַרטירער־ליריקער,

געוואַלט בעסער זיין צווישן די ניט־דערפּאַלגרייכע, צווישן די פּאַרלי־רער, צווישן די דאָן־קיכאָטן. אגב — „דאָן קיכאָט" איז געווען זיינער אַ פּסעוודאָנים. איז אַזאַ פּסעוודאָנים אַ צופאַל?

אין דעם באַריכט וועגן דער לוויה, אין „אַרבייטער", דעם 3טן יולי, 1909, לייענען מיר:

„אַלע רעדנער האָבן געשפּראָכן מיט ציטערדיקע שטימען, אָבער ענטין איז געווען אַם מייסטן איבערוועלטיקט. אין אַ האַרציקער רעדע, פאַרגיסנדיק ביטערע טרערן אויף אַלעקסאַנדראָווס אָרון, האָט ער גע־רעדט פון דעם שיקזאַל פון דעם יידישן שרייבער אין אַמעריקע.

„דער אָרון איז אַראָפּגעלאָזט געוואָרן אין קבר, באַגלייט פון די טרערן פון אַלע אַנוועזנדע, און פון דעם האַרצרייסנדיקן וויינען פון אונדזער חברס פרוי און פון זיין מוטער".

ענטינס הספד אויף אַלעקסאַנדראָוון האָט געעפנט אַ וואונד, וואָס אַ סך האָבן געפילט. זי האָט אַרויסגעשריען פון די אַרטיקלען, וואָס מען האָט געשריבן נאָך אַלעקסאַנדראָווס טויט. „דער יידישער שרייבער טרינקט זיך אין בלאָטע", זיינען געווען יואל ענטינס ציטנדיקע ווער־טער. אַלעקסאַנדראָוו איז פאַר אים דער סימבאָל, וואָס ווייזט אונדז אַ טראַגיש שרייבער־לעבן, אַ טראַגישן טויט. זעט — דאָס איז דער גורל פון אַ מאָראַלישן מענטשן, וואָס וויל ניט און קען ניט גיין אויף פשרות. באַזונדערס — מיט דער וואולגאַרקייט און דער הפקרות אין דעם יידישן אימיגראַנטישן לעבן. די איסט־סיידער אומקולטור און די הפקרות האָבן זיך ביי אַלעקסאַנדראָווס טויט אַנטפּלעקט אין זייער גאַנצער דערשרעקנדיקער און אָפּשטויסנדיקער געשטאַלט. מען האָט אין אַלעקסאַנדראָוון דערזען דעם איידעלן און גלויביקן דאָן־קיכאָט, וואָס גייט אַרויס אין אַן אומגלייכן קאַמף קעגן הפקרות. און אַ סך איידעלע קולטור־טוערס און פיינע שרייבערס זיינען געווען אירע קרבנות. אַלעקסאַנדראָווס טויט האָט דערמאָנט אין דעם געראַנגל צווישן רע־וואָלוציאָנערע אינטעליגענטן און פירערס וואולגאַריזירערס.

פאַר דער יידישער אינטעליגענץ איז מיט אַלעקסאַנדראָווס טויט ווידער אויפגעקומען די פיינלעכע פראַגע: פאַרוואָס איז עס געשען? אָט איז געווען אַ גלענצנדיקער פּובליציסט, אַ גוטער פעליעטאָניסט, אַ פילזייטיקער שרייבער, גרינג אויף דער פּען, ערנסט אין זיין אַרבעט, אַ מענטש מיט גרויסער קולטור. פאַרוואָס איז עס געשען, וואָס אַזאַ שרייבער זאָל ניט האָבן קיין טעגלעכע טריבונע צו ריידן צו די מאַסן,

וואָס האָבן זיך געניטיקט אין זיין וואָרט? איצט, מיט אַ קנאַפּן האַלבן יאָרהונדערט שפּעטער, קען מען געבן אַ געשיכטלעך־סאָציאָלאָגישן ענטפער. דעמאָלט איז עס געווען אַן אָפענע וואונד און אַ קלעמענדיקער וויטיק. דעריבער זיינען די רעדעס און די אַרטיקלען אַרום אַלעק־סאַנדראָווס טויט אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דער תקופה.

בן־יקיר (ד״ר פרענק ראָזענבלאַט) האָט אין דעם זעלביקן נומער „אַרבייטער״ כאַראַקטעריזירט אַלעקסאַנדראָוון דעם עסטעטיקער, סאָ־ציאַליסט און מענטש אַן פשרות:

„די נאָענטסטע חברים וויסן ניט פיל פון זיין פּריוואַטן לעבן. ח. אַלעקסאַנדראָוו, דער שרייבער, דער וויציקער און אָפטמאָל בייסנדער כאַטיריקער, איז געווען גאַנץ פאַרשיידן פון דעם שווייגנדיקן, אין זיך פאַרבאָרגענעם און אימער פאַרטראַכטן וויליאַם מיללער.

„צווישן באַקאַנטע אָדער, אומבאַקאַנטע, צווישן חברים אָדער קעגנער — אימער און שטענדיק איז ער געווען רואיק, געלאַסן, דאָך ניט פלעגמאַטיש.

„צווישן נאָענטע אָדער ווייטע האָט ער זיך קיין מאָל ניט גע־שטופּט אין פראָנט. דאָך האָט ער קיין מאָל ניט פאַרלאָרן די זעלבסט־ווירדע פון אַ תלמיד־חכם . . .

„אַן עסטעטיקער אין דער נשמה, אַ סאָציאַליסט מיטן גאַנצן לייב און לעבן, האָט ער ניט איין מאָל זיך פאַרזינדיקט ביי די וועלכע האַלטן די אַרבעטער־פריינדשאַפט אַלס ביזנעס־מאָנאָפּאָל . . . זיינע זינד זיינען געווען אָפטמאָל אומפאַרגעבלעך — ער איז ממש געווען אַ מורד במלכות, ער האָט געוואָרפן זיינע פיילן גאָר אין די הויכע פענצטער. דאָס האָט מען אים ניט געקענט מוחל זיין . . . אָבער אַלעקסאַנדראָוו איז געווען געגנוג עסטעטיקער און אַ צו ערנסטער סאָציאַליסט צו בייגן זיין קאָפּ דאַן ווען עס האָט זיך געהאַנדלט אין זיינע איבערצייגונגען און פּרינציפּן . . .

„אַן ענוו איז ער געווען. קיין צייכן פון גדלות איז ניט געווען אין אים צו באַמערקן. אין קליניקייטן פלעגט ער אימער אַלץ נאָכ־געבן, זיך אָפּזאָגן פון זיין אייגענער מיינונג אָדער פאָרשלאָג. אין קליינקייטן. ווען עס איז אָבער געוואָרן אַ פראַגע פון פּרינציפּ, אַ פראַ־גע פון מער אָדער ווייניקער וויכטיקייט, ווי צב״ש, אין פאַל פון די „פּרינציפּן־ערקלערונגען״ פון דעם יידישן ליטעראַטור־פאַראיין, — דאַן איז אַלעקסאַנדראָוו געווען פעסט ווי אַ זייל. זיין אימער אָראָפּגעבוי־

גענער קאָפּ האָט זיך ווי דורך אַ צויבער אויפגעהויבן און זיינע אויגן האָבן געקוקט גלייך אין זיין קעגנערס נשמה אַריין.

„אַלעקסאַנדראָוו האָט געקענט שעצן יענעמס געפילן. ער האָט אָבער אויך געקענט פאַרטיידיקן זיינע איבערצייגונגען".

די דערמאָנטע סתירות ביי אַלעקסאַנדראָוון האָבן געזען אַ סך נאָענטע. קלאָר און שאַרף רירט זיי אָן ס. ק. שנעעפאַל. ער דערקלערט זיי אין זיין אַרטיקל „אַלעקסאַנדראָוו — דער שרייבער און דער מענטש". דער אַרטיקל איז דערשינען צו אַלעקסאַנדראָווס ערשטן יאָרצייט אין „אַרבייטער", דעם 25סטן יוני, 1910:

„אַלעקסאַנדראָוו דעם שרייבער האָב איך נאָך געקענט אין רוס־לאַנד, פון „פריינד" און „פּאָלקסצייטונג". און בעת איך האָב אים צום ערשטן מאָל געזען אין אַמעריקע, האָט זיך מיר סתם ניט געוואָלט גלויבן, אַז דאָס איז דער מאַן מיט דער פעדער אין דער האַנט, וואָס האָט אַזוי אָפנהאַרציק, זאָגאַר אָפטמאָל שוין צו אָפנהאַרציק, געוואָרפן דעם גאַנצן אמת, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר אמת, גלייך אין פּנים אַריין יעדן איינעם אָן שום צערעמאָניעס, אָפּטמאָל זאָגאַר מיט אי־בעריקע פעך און שוועבל . . . און אַלעקסאַנדראָוו דער מענטש, מיט זיין קרענקלעכער שעמעוודיקייט, מיט זיין עקשנותדיקן שוויגן, מיט זיין העפלעכקייט, איז געווען אין מיינע אויגן אַ לעבעדיקער ווידער־שפּרוך צו מיין אַלטן באַקאַנטן, אַלעקסאַנדראָוו דעם שרייבער. ער איז געווען פאַר מיר אַ רעטעניש.

„ווען איך האָב זיך אָבער מיט אים נעענטער באַקאַנט, איז ער פאַר מיר געוואָרן אַלץ מער און מער פאַרשטענדלעך. עס איז ניט געווען נייטיק קיין באַזונדערע באָאָבאַכטונגס־קראַפט צו באַמערקן, אַז אַלעק־סאַנדראָוו לעבט ווייט אָפגעשלאָסן פון דער אַרומיקער וועלט. עס האָט זיך געפילט אין יעדן וואָרט זיינעם, אַז איינזאַם איז ער אין דעם גאַנצן רויש און קאָך. און דיזע שטענדיקע איינזאַמקייט וועלכע איז געוואָרן זיין צווייטע טבע האָט עס געווירקט אויף אים האָט אים גע־מאַכט פאַר אַ נזיר".

„אַלעקסאַנדראָוו איז פילייכט געווען דער ערשטער וואָס האָט מיט דער פעדער פּראָטעסטירט קעגן דעם „טרינקען זיך אין בלאָטע" פון זיינע קאָלעגן אין דער שרייבער־פּראָפעסיאָן. ער האָט פּראָטעסטירט פאַר זיי, ווערנד זיי אַליין האָבן געמוזט שוויגן, און פילייכט גאָר, אין נייטיקע מאָמענטן, אים פאַרשפּאָטן. און וויל אַלעקסאַנדראָוו האָט

אזוי הייליק געהאַלטן זיין פעדער, האָבנדיק דעם באַוואוסטזיין, אַז אַ שרייבער איז אַ לערער און האָט אַ רעכט צו באַנוצן די פעדער נאָר אום אויסצודריקן זיינע אמתע געדאַנקען און געפילן, איז פאַר אַלעקסאַנדראָוון ניט געווען קיין פּלאַץ אין דער היגער יידישער טעגלעכער פּרעסע, אויסער אויף דעם באַרימטן „בעגקל" וועלכער האָט עקסיסטירט מיט דעם צוועק צו דערמאָרדן מענטשנס כאַראַקטערע.

„און אונדזער אינטעליגענץ וועלכע מאַכט פּרעטענזיעס אויף לערנען און דערציען דאָס פאָלק האָט געהאַנדלט ביי אַלעקסאַנדראָווס טויט ניט בעסער ווי די פּרעסע ביי זיין לעבן. וואָס קאָן איינער וואָס איז באמת פאַראינטערעסירט אין דער יידישער קולטור־אַרבעט, און ספּעציעל אין דער סאָציאַליסטישער אויפקלערונגס־אַרבעט, טאָן ווייניקער ווי צו קומען אָפּגעבן דעם לעצטן כבוד אַ קאָלעגע וועלכער האָט זיין גאַנצן יונגן לעבן געווידמעט דער אַרבעט! און דאָך, ווער פון אונדזערע וואָרטפירער, ווער פון אונדזערע סאָציאַליסטישע רעדנער, שרייבער און טוער, אויסער די געגנאָסן פון דעם „אַרבייטער", איז געקומען באַגלייטן אַלעקסאַנדראָוון אויף זיין לעצטער רייזע? בורגין איז ניט געקומען אַלס שרייבער, זאָנדערן אַלס אַן אַלטער גוטער פריינד פון דעם פאַרשטאָרבענעם. וולאַדעק אין ליליפּוט זיינען געווען די איינציקע פון „בונד". ענטין, אַדלער, עלבע און באַנק זיינען געווען די איינציקע וואָס זיינען געקומען פון די פילע און פילע יידישע שרייבער און דיכטער".

פאַר יוסף שלאָסבערגן זיינען אַזעלכע מענטשן ווי אַלעקסאַנדראָוו וויכטיק דערמיט, „וואָס זיי האַלטן אויף דעם פאַרטרויען אין דער מענטשלעכער נאַטור":

„דאָס טאָגטעגלעכע לעבן איז אַזוי פול מיט אַנטוישונגען, מיט פאַרלאָרענע גלויבנס, מיט ליגן, פאַלשקייט און פאַרראַט, אַז ביים שטאַרקסטן מענטשן, וועלכער איז דאָך ניט מער ווי מענטשלעך, כאַפּט זיך אַמאָל אַריין אַ געפיל פון פעסימיזם בנוגע דער מענטשלעכער נאַטור; אָבער דאָס לעבן פון אַזאַ מענטשן ווי אַלעקסאַנדראָוו שטאַרקט דעם פאַרטרויען אין דער מענטשלעכער נאַטור, און דער פעסימיזם ווערט פאַרטריבן".

שלאָסבערג האָט אָט־די רייד אַרויסגעזאָגט ביי דער טרויער־פאַרזאַמלונג נאָך אַלעקסאַנדראָוון. די דאָזיקע פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען דעם 12טן יולי, 1909, אין „מאַנהעטן לאַיסעאום".

אויף דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג האָבן אַלע רעדנער אַפּעלירט צו די „אייניקע הונדערט אינטעליגענטע מענער און פרויען", וואָס זײַנען געקומען אָפּגעבן כבוד דעם פאַרשטאָרבענעם שרײַבער. די ווענדונג איז געווען — זיי זאָלן מיטהעלפן אַרויסגעבן אַלעקסאַנדראָווס שריפטן. אויך מאָריס ווינטשעווסקי האָט גערעדט וועגן דעם. ווינטשעווסקי האָט דערציילט: אַלעקסאַנדראָוו איז שטענדיק געווען צוריקגעצויגן און איינזאַם. אַלעקסאַנדראָוו האָט געמאַכט אויף אים דעם איינדרוק ווי אַ מענטש, וואָס איז יאָרנלאַנג אָפּגעווען אין אַ טורמע, און איז פּשוט צעפּגעוואוינט געוואָרן פון מענטשן. אָבער דער זעלבער אַלעקסאַנדראָוו איז געוואָרן גאָר אַנדערש ווען ער האָט גענומען די פעדער אין האַנט. נאָכדעם ווי ער האָט גערעדט אויספירלעך מכוח דעם גורל פון יידישן שרײַבער האָט ער דערקלערט: „ווען די שרײַבער וואָלטן געטאָן פאַר שרײַבער דאָס, וואָס קלאָוקמאַכער טוען פאַר קלאָוקמאַכער ווען זיי זײַנען גוט אָרגאַניזירט, וואָלט פיללײַכט דיזער מיטינג ניט געווען נייטיק".

אין זײַנע „רעדאַקציאָנעלע נאָטיצן", „צוקונפט", יולי, 1909, שטעלט זיך אָפּ מאָריס ווינטשעווסקי אויף דער טראַגעדיע אַלעקסאַנדראָוו, אויף זײַן פּרינציפּיעלקייט, אויף דער באַציאונג מצד בונדיסטן־שרײַבער צו דער „ס. ל. פּ." און „ס. פּ." און ער באַטאָנט: דער רעזולטאַט איז „אַז מען בלייבט דאָ אַ ריגאָריסט־בונדיסט, פאַר וועלכן אַפילו די „וואָרהייט" איז טריף, און דאָס בלייבנדיק, בלייבט מען אויך אַן אביון און דורך דעם ווערט מען קראַנק, און דורך דעם גייט מען פאַר דער צײַט אין דר'ערד אַרײַן..."

אויף זײַן דיך־בייסיקן אופן שרײַבט צביון אין זײַן אַרטיקל „ח. אַלעקסאַנדראָווס לעבן און טויט" („דער אַרבייטער", דעם 10טן יולי, 1909):

„ניט נאָר ווי צו לעבן דאַרף מען פאַרשטיין אין אַמעריקע, נאָר אויך ווי צו שטאַרבן. ח. אַלעקסאַנדראָוו האָט ביידע זאַכן ניט פאַרשטאַנען. אין זײַן לעבן האָט ער זיך צו פעסט געהאַלטן פאַר פּרינציפּן. און אין אַמעריקע קען מען מיט פּרינציפּן ווייט ניט פאָרן, בפרט נאָך אַ יידישער שרײַבער. און געשטאָרבן איז ער צו באַשיידן, און באַשיידנקייט איז אין אַמעריקע, אין דער יידישער אַמעריקע, נאָך מער ווי אַ פאַרברעכן".

צביון דערמאָנט ווי אַזוי מען האָט דעם דאָזיקן פיינעם שרײַבער

ניט אנערקענט ביים לעבן און ווי אזוי מען האט אים טויט־געשוויגן ביים טויט. ער שרייבט: „עס האט גארניט פאסירט, אין גאנצן גע־שטארבן נאר איין שרייבער, און, נאך אזעלכער, וואס האט געהאט אין זיין לעבן די חוצפה פאר קיינעם זיך בייגן און צו בלייבן א קבצן ביזן טויט".

„ווי לאנג אלעקסאנדראוו האט געלעבט, האט מען אים געדארפט פארגעסן. ער איז דאך א שרייבער געווען, און א שרייבער מיט טאלאנט און בילדונג... אבער ווען ער איז געשטארבן, האט מען דאך שוין מיט א לייכטן הארצן אים געמעגט אפגעבן די אנערקענונג און דעם כבוד וואס אים קומט!"

„און וויפל שרייבער האבן מיר איבערהויפט אזעלכע ווי ה. אלעק־סאנדראוו? און ניט נאר אין אמעריקע, נאר אין אונדזער יידישער ליטעראַרישער וועלטל איבערהויפט. וויפל פובליציסטן אזעלכע ווי אלעקסאנדראוו האבן מיר אין אונדזער ליטעראטור? מיר האבן סקיצן־שרייבער, דיכטער, ראמאניסטן, וויפל דאס הארץ גלוסט. וויפל פובלי־ציסטן אבער האבן מיר? און אין אונדזער אומגעהייער־גרויסן דלות אויף דעם פובליציסטישן געביט איז דער פארלוסט פון ה. אלעקסאנד־ראוו באזונדערס גרויס. אונדזער פארשטארבענער חבר האט אין דער יידישער פובליציסטיק פארנומען איינע פון די וויכטיקסטע פלעצער אויבן־אן. מיט זיין בילדונג, מיט זיין שיינער, פליסיקער שפראך, מיט זיין שארף, בייסנדער סאטירע און מיט זיין אויסגעצייכנטן סטיל אי־בערהויפט, האט ער גאנץ וויניק געהאט זיין גלייכן. אין רוסלאנד, וואו מען פארהאלט זיך צו דער יידישער פובליציסטיק מיט מער ערנסט ווי אין אמעריקע, האט ה. אלעקסאנדראוו זיך דערוואָרבן א גרויסע פאַ־פולאריטעט אין זייער א קורצער צייט. אין פעטערבורגער „פריינד" איז ה. אלעקסאנדראוו געווען פאררעכנט אלס איינער פון די גרעסטע ליטעראַרישע מיוחסים, און ניט קיין קלענערן כבוד האט מען אים אפגעגעבן אין דער ווילנער „פאלקס־צייטונג".

„יא, אין רוסלאנד איז ה. אלעקסאנדראוו אנערקענט געווארן און אין רוסלאנד וועט מען אים געוויס אפגעבן אויך זיין לעצטן כבוד. פאר אמעריקע איז ה. אלעקסאנדראוו א צו אנשטענדיקער שרייבער געווען, אז מען זאל אים אנערקענען . . ."

א סך שארפער פון צביונגן האט געשריבן ד"ר ס. מ. קלארמאן, אין דעם ארטיקל „וועגן אלעקסאנדראוו" („דער ארבייטער", דעם 7טן אויגוסט, 1909).

„ . . . יעדער איינער וועט דאָך מוזן צוגעבן, אַז אַלע די וואָס זיינען אין דער „שרייבער־מלאכה“ האָבן ניט אַזוינע פעאיקייטן און אַזאַ שיינעם אינדיווידועלן סטיל און אַזאַ אַלזייטיקייט ווי ער“.

„ער האָט ניט געהאַט פאַר וועמען זיינע געדאַנקען אַרויסצוגעבן. די געדאַנקען וועלכע זיינען געווען אַ טייל פון זיין אָרגאַנישן „איך“, די הייליקע געפילן, וועלכע זיינען געבוירן געוואָרן אַלס פּועל יוצא פון זיין בלוט און מאַרך, האָבן ניט געקענט גרייכן די, פאַר וועמען ער האָט געדענקט, אַז זיי זיינען נייטיק. זיין שטילע שטימע האָט געמוזט פאַר־הילכט ווערן פון דעם רעש און געפילדער פון אונדזער אַזויפיל שרייענ־דיקער געלער און געל־רויטלעכער פּרעסע. ער האָט ניט געהאַט מיט וועמען זיך צו טיילן מיטן גייסטיקן פאַרגעניגן וואָס ער האָט געהאַט, לעזנדיק די שענסטע און בעסטע וועלט־ליטעראַטור. און דאָס האָט אים געמאַכט אַזוי טרויעריק, אַזוי איינזאַם, אַזוי ווייט און פרעמד פון מענטש. דיזע טראַגעדיע זיינע איז אין גאַנצן פאַרקערפּערט אין זיינע שריפטן. באַזונדערס אין יענע, וועלכע זיינען געווען געשריבן אונטער זיין פען־נאָמען „דאָן־קיכאָט“. קענט איר זיך פאָרשטעלן אַ גרעסערע טראַגעדיע ווי די, אַז אַ מענטש וואָס איז געבוירן געוואָרן מיט אַ מיל־דער, גוטמוטיקער, ווייכער נאַטור, זאָל מוזן פאַרגיפטעט ווערן און שיסן מיט פאַרסמטע פיילן! ווערטער, וועלכע האָבן געזאָלט זיין בטבע גלעטנדע, צערטלעכע און טרייסטנדע, זאָלן מוזן פאַרוואַנדלט ווערן אין פולע מיט צאָרן, צער, האַס און ביטערן סאַרקאַזם! אַ ביטערער גע־לעכטער, וואָס ווערט אַרויסגערופן ביי אַזאַ פילנדן און דענקענדן מענטשן ווי אַלעקסאַנדראָוו איז געווען, דורך דער אַרומיקער פאַרפּעסטעטער סביבה פון וואולגאַריטעט, פון „טריאומפירנדן שווינן“, פון פאַרשווע־כונג פון אַלע הייליקטימער און פון דער אַלגעמיינער גלייכגילטיקייט, מוז לאַנגזאַם אָבער זיכער פאַרסמען דאָס בלוט און פאַרברענען דעם מאַרך, ביז ער ווערט ענדלעך אַ קרבן עולה, און שטאַרבט אַ פּריצייטיקן טויט. אָט דאָס איז געווען די אמתע טראַגעדיע פון אונדזער ליבן ח. אַלעקסאַנדראָוו. און דיזע איז פאַרקערפּערט אין „דאָן־קיכאָט“, און וועט שטענדיק בלייבן ווי אַ לעבעדיקער עדות צו דער שאַנדע פון אונדזערע טאָן־געבער פונעם גייסטיקן לעבן פון דעם יידישן קוואַר־טאַל פאַר די לעצטע צען יאָר“.

אָבער דער ביטערער גורל איז נאָכגעגאַנגען אַלעקסאַנדראָוון אויך נאָך זיין טויט. עטלעכע טעג נאָך דער לוויה — דעם 30סטן יוני, 1909

— האָבן שרייבער, דעם פאַרשטאָרבענעמס פריינד, אויסגעקליבן אַן „אַלעקסאַנדראָוו־מעמאָריאַל קאָמיטעט”. דער קאָמיטעט האָט זיך מתחייב געווען: 1) אַראַנזשירן אַן אַלעקסאַנדראָוו־מעמאָריאַל־מיטינג, 2) זאַמלען אַלעקסאַנדראָווס אַלע שריפטן און אַרויסגעבן זיי אין בוך־פאָרם, 3) שטעלן אַ מצבה אויף זיין קבר, און 4) אַרויסגעבן אַ פּאָסטקאַרטל מיט אַלעקסאַנדראָווס בילד און מיט זיין זייער פּאָפּולער קאַמפּסליד „חברים אין קאַמף” („אָ ליבער, מיר האָבן געשלאָסן...”). די טרויער־פאַרזאַמלונג האָט מען אָרגאַניזירט. די מצבה אויפן קבר האָט מען געשטעלט און דאָרטן אויסגעקריצט דאָס אומפאַרגעסלעכע קאַמפּסליד. אָבער וואָס שייך זיינע שריפטן — האָט זיי קיינער ניט אַרויסגעגעבן. ניט געקוקט אויפן שטורעם — „דער שרייבער טרינקט זיך אין בלאָטע”, האָט מען אַלעקסאַנדראָווס שריפטן געלאָזט פאַרפאַלן ווערן אין תהום פון שכחה.

אמת, מען דאַרף צוגעבן, געוויסע באַמיאונגען אַרויסצוגעבן די שריפטן האָבן זיינע חברים יאָ געמאַכט. מען האָט זיי צונויפגעקליבן, זיי מסדר געווען, און ווען ניט אַ צופאַל וואָלטן זיי אַפנים יאָ אַרויס. דער גאַנצער מאַטעריאַל איז פאַרברענט געוואָרן אין אַ שריפה אין דער ביורא פון עס־על־פּי. אַ ביסל שפּעטער, אין 1910, איז אונטערגעגאַנגען דער „אַרבייטער”, דער אָפיציעלער אָרגאַן פון דער יידישער סעקציע „עס־על־פּי”. דערווייל איז מען אָפּגעקילט געוואָרן צום גאַנצן פּלאַן. ביסלעכווייז האָט מען אים אָנגעהויבן פאַרגעסן.

קריטיק

אין דער געשיכטע פון דער יידישער פּובליציסטיק און פון יידישן פעליעטאָן דאַרף אָבער אַלעקסאַנדראָווס נאָמען פאַרנעמען גאָר אַ חשובן אָרט. זיין שפּראַך איז געווען רייך, קלאָר, נאַטירלעך און אידיאָמאַטיש. ער האָט פאַרמאָגט דאָס ליטווישע יידיש פון אַ יידן אַ תלמיד־חכם. אַחוץ אין דער פּובליציסטיק האָט ער זיך אויסגעצייכנט אין דער קליינער צאָל קריטישע אַרטיקלען, וואָס ער האָט אָנגעשריבן. ער איז געווען גענייגט צו אַנאַליז און ער האָט באַטראַכט ווערק מיט זייער אַ פיינעם חוש. קיין ספּעציעלע פילאָסאָפיע פון ליטעראַטור האָט ער ניט געהאַט פאָרמולירט. און זיין גלייבן אין קריטיק איז דאָס גלייבן ווי ביי די רוסישע פאָלקיסטן און יידישע קריטיקערס סוף ניינציקער און אָנהייב

הייִנטיקן יאָרהונדערט. זיין בליק אויף קריטיק ווערט אין גאַנצן קלאָר דורך זיין אַרבעט וועגן איבסענען („צוקונפט", מערץ, 1906) און דורך דעם אַרטיקל וועגן שלום אַשעס „שטעטל" („צוקונפט", אָקטאָבער, 1906). אַלעקסאַנדראָוו גייט ניט צו צו אַ ווערק מיט אַ פּובליציסטישער „מאַרקסיסטישער" מאָס, ווי מען האָט עס געטאָן יענע צייטן אין דער יידישער אַמעריקע. ער האָט געהאַט זיין עטיש־געזעלשאַפטלעכן צוגאַנג. ער האָט געהערט צו יענע, וואָס האָבן געוואָלט „גוטע ליטעראַטור, און דער עיקר ריינע ליטעראַטור" — אַ פּראָזע, וואָס איצט האָט זי אַ קנאַפּן אינהאַלט. דעמאָלט אָבער איז זי געווען אַ גרענעץ־ליניע. אין יענער צייט האָט זיך ערשט געהאַט אָנגעהויבן דער קאַמף מצד אַ קליינער גרופּע „עסטעטן", מצד מענטשן מיט העכערע פאָדערונגען און מער קולטור. אַ מענטשן פון אַלעקסאַנדראָווס שניט האָט מען באַטראַכט פאַר אַן „עסטעט".

אין זיין קריטיק גיט אַלעקסאַנדראָוו זיך אָפּ מיט „אינהאַלט, סטיל און דורכפירונג פון הויפּטגעדאַנק". חוץ די ריין ליטעראַרישע פאָדערונגען פאַרגעסט ער קיינמאָל ניט עטלעכע וויכטיקע פּרטים: קונסט מוז זיין געזעלשאַפטלעך אין איר וואָרצל. זי מוז זיין „גוט" און „פאַרנינפטיק". זיין אַרטיקל וועגן אַשס „שטעטל" איז אינטערעסאַנט און גוט אָנגעשריבן. ווייזט ער, למשל, דאָרטן אָן: „אַש מוסרט קיינעם בישט, דרשנט ניט קיין שום מאָראַל, ניט קיין אַלטע, ניט קיין נייע; פּראָטעסטירט ניט קעגן די בייז פון דער וועלט; קעמפט ניט פאַר געזעלשאַפטלעכע אידעאַלן. ער איז ניט מער ווי אַ קינסטלער, אַ דינער פון דער ריינער קונסט. ער קען מאָלן, האָט חשק דערצו און מאָלט". און ווייטער: „אַ מערקווירדיקן הומאָר באַזיצט דער שרייבער, אַ ווייכן, אַ וואַרעמען, אַזוי ווי די בילדער וואָס ער מאָלט, און עס טראָגט זיך מחמת דעם פון די בילדער אַ שטראָם פון שלום אי מיט דער רשעותדיקער וועלט, אי מיט דעם פאַרכמאַרעטן און מיט בליי אָנגעלאָדענעם הימל".

אין דער הקדמה צו דער „פרייער שטונדע", וואָס ער האָט רעדאַקטירט, דריקט אַלעקסאַנדראָוו אויס זיין אני־מאמין בנוגע ליטעראַטור און איר שליחות פאַרן פאָלק. דעריבער ברענגען מיר פון דאָרטן דעם ווייטערדיקן גרעסערן אָפּשניט:

„די פרייע שטונדע" טרעט ניט אַרויס אונטער דער פאָן פון פאַרטייאישע אינטערעסן. זי איז ניט קיין פאַרטיי־אָרגאַן, האָט ניט קיין שום טענדענץ. די „פרייע שטונדע" איז אַ ריין ליטעראַרישער זשורנאַל,

ניט מער און ניט ווייניקער. אַלץ וואָס זי באַצוועקט און צו וואָס זי וועט שטרעבן מיט אַלע מעגלעכקייטן איז צו געבן גוטע ליטעראַטור, צו דינען דער שיינער קונסט אין דעם ריכטיקן זין פון וואָרט. אין דעם זשורנאַל וועט דער לעזער געפינען אַזעלכע ווערק וואָס זיינען עכט ליטעראַריש, ד"ה וואָס באַפרידיקן באַשטימטע פאָדערונגען בנוגע צום אינהאַלט, צום סטיל, צו דער דורכפירונג פון הויפּטגעדאַנק.

„די „פרייע שטונדע" איז אָבער אין דער זעלביקער צייט אויך אַ קולטור־זשורנאַל, טאָקע דורך דעם אַליין שוין וואָס זי באַצוועקט זיך אָפּצוגעבן נאָר מיט גוטע ליטעראַטור. די „פרייע שטונדע" האָט זיך אַוועקגעשטעלט פאַר איר נאַענטסטע אויפגאַבע צו פאַרשפּרייטן אין דער יידישער מאַסע אַ בעסערן באַגריף פון קונסט, אַנטוויקלען אין איר אַ פיינערן געשמאַק, פאַראינטערעסירן זי אין דעם לעבן פון דער דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע. דאָס וועט אויף שטענדיק פאַרבלייבן אַ וויכטיקער דאָקומענט פאַרן פאַרשער. זיין באַשולדיקונג גרויסער און ברייטער וועלט, אין דעם לעבן פון די אומות העולם, אין דעם לעבן פון מענטשנס האַרץ און מענטשנס נשמה, אין דעם לעבן פון דער שיינער, רייכער, אייביק בליענדער נאַטור מיט אירע מיליאָנען־מיליאָסן אומבאַגרייפלעכע וואונדער, צויבער־מליכות, וועלטן און וועלט־לעך.

„די „פרייע שטונדע" וועט תמיד פאַרבלייבן טריי צום הייליקן געבאָט, וואָס זי האָט זיך גענומען פאַר איר מאָטאָ:

פאַרזייט וואָס איז אייביק און גוט און פאַרנינפטיק
פאַרזייט מיט אַ טאַלק.
אַ הערצלעכן דאַנק וועט אייך אָפּגעבן קינפטיק
דאָס יידישע פאָלק . . ."

אָט דער פּאַראַפראַז פון נעקראַסאָוון איז ניט בלויז געווען אַ מאָטאָ, וואָס האָט זיך געפּאַסט צו אַ זשורנאַל, נאָר צו אַלע זיינע ליטעראַרישע ווערק, צו זיין גאַנץ לעבן . . .

טיף און דורכדרינגלעך איז אַלעקסאַנדראָוו אין זיין עסיי „די יידי־שע ליטעראַטור אין אַמעריקע", געדרוקט אין דער ביילאַגע צום פּע־טערבורגער „פריינד" — „דאָס לעבן", נומ' 5, 1905. דאָס איז אַן אַנאַליטישער אַריינבליק אין דער געלער פּרעסע, אין דער שונד־ליטעראַטור. די „העגט" אין די רעדאַקציעס, די „פאַרקויפטע נשמות",

וואָס ווערן דאָרטן אָנגעגריפן, האָבן אים דעם אַרטיקל קיין מאָל ניט געקענט מוחל זיין. אַלעקסאַנדראָוו האָט דאָרטן געגעבן אַ בילד וועגן דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע. דער גאַנצער ענין ווערט נאָך שאַרפער מחמת אַ גאַנץ טיפער באַמערקונג. גראָד אין אַמעריקע, ווייזט ער אָן, איז די צייט פּאַר אַ רייכער און ריינער ליטע־ראַטור געווען זייער אַ גינסטיקע. די נייע שטראָמען מענטשן האָבן געשאַפן די מעגלעכקייט פאַר אַ גרויסן מאַרק. נאָך מער — זיי האָבן געשאַפן אַ ניי, אַ מערקווירדיק לעבן. דער מין מענטש איז אונטער דעם נייעם הימל געוואָרן אַן אַנדערער, אַ נייער טיפּ פּאַר אַ נייער טע־מאַטיק. ער שרייבט:

„די צוואַנגען, אין וועלכע עס האָט זיך געצאַפּלט דער גייסט אויף יענער זייט ים, זיינען געבליבן אין וועג, און דאָ איז ער פריי געוואָרן, אויסגעלייטערט, באַפרישט מיט נייע בלוטן, נייע כוחות. דער עקאָנאָ־מישער יאָך האָט צייטנווייז זיך געלאָזט טאָקע פילן גאַנץ שטאַרק, אָבער די אַרומיקע אַטמאָספערע האָט אים געמאַכט מילד, דערטרעגלעך, שטענדיק געמונטערט מיט אַ האָפענונג, מיט אַ נייער אויפזיכט אויף בעסער . . . דער שטאָף האָט מער גערייצט די שאַפונגס־קראַפט פון שרייבער. ער האָט אים געגעבן ברייטע מעגלעכקייטן זיך צו פאַרטיפן אין דעם מענטשנס נשמה, דער עיקר — אין דער יידישער נשמה. דאָרטן, אין קליינעם שטעטל, איז דער יידישער מענטש פון אַן אַלטער וועלט. ער לעבט אין אַ באַשטימטן, אַן איינגעשטעלטן, אָבער אויך אין אַ שמאָלן קרייז פון דענקען און פילן. דאָ, אין אַמעריקע, איז ער אַרויס פון די ד׳ אמות, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם אַלטן קאַפּטל און אַרויפגעצויגן אַ נייעם, געניצט נאָכן לייטישן שניט, אָדער ער האַלט אין מיטן דער עובדא . . . אַ שפּאָגל נייער ייד איז באַשאַפן געוואָרן אויף אַזאַ דרך און זיין פּסיכאָלאָגיע איז געווען אַ זעלטן רייכע . . . אַ ברייטע וועלט פון לעבן און שטרעבן . .. אַלץ איז דאָ געווען אַנדערש: די אָפּשטאַמונג, די דערציאונג, די שפּראַך, די לעבנס־פאָדערונגען, די באַדערפענישן, די אמונה, די פּאָליטישע רייפקייט, דאָס עסן, דאָס קליידן זיך, דאָס יאָגן זיך נאָך פּרנסה, דאָס באַהאַנדלען דעם שכן — בקיצור יעדער האָט געהאַט זיין אַרט קעמפן, לעבן און שטאַרבן.“

אַלעקסאַנדראָוו שטעלט זיך אָפּ אויף די שטאַרקע סיכסוכים וואָס זיינען דאָ אויפגעקומען אין אַמעריקע. דאָס לעבן איז דאָך געווען פול מיט היפּוכדיקע אינטערעסן. עס האָבן זיך צונויפגעשטויסן פאַר־

שיידענע שטאַנדפּונקטן, מנהגים, לשונות, גלויבונגען און אידעאַלן. און מיט דעם אַלעם איז געקומען אַ שעפּעריש געפּיל; מען מוז זיך האַלטן צוזאַמען, געאייניקט אין קאַמף קעגן עקספּלואַטאַציע, קעגן אַסימילאַציע. און דאָך זיינען כסדר פאַרגעקומען קאַמפן: אין די משפּחות — צווישן צוויי דורות, צווייי קולטורן, צווייי לעבנס־געפילן, און אַ קאַמף אין דער אינעווייניקסטער וועלט גופא. אַלעקסאַנדראָוו זעט אין דעם אַלעם אַ רייכן פּסיכאָלאָגישן מאַטעריאַל, וואָס דער יידישער שרייבער האָט ניט אויסגענוצט. אין אַזאַ וועלט האָט דער שרייבער געדאַרפט זיין ניט נאָר אַ קינסטלער, וואָס נעמט־אויף אַ ניי לעבן, אַ נייע נשמה. ער האָט אויך באַדאַרפט זיין אַ לערער, אַ דערציער, אַ פירער, אַ וועגווייזער. און ניט דערפילט האָט דער יידישער שרייבער אין אַמעריקע זיין שליחות!

דאָס איז אַלעקסאַנדראָווס טרויעריקער אויספיר. און ער גיט אָן געוויסע סיבות פאַר דעם דורכפאַל: די נויט ביי די יידישע שרייבער; און די גרענגדע וואָס די געלע פרעסע האָט געפּירט. די רעדאַקציעס זיינען געווען קברים פאַר אמתע טאַלאַנטן. די געלע פרעסע האָט גע־צוואונגען דעם שרייבער זיך אויסבייטן אויף קליינגעלט. זי האָט פון אים אויסגעזויגן זיין גאַנצע שאַפונגס־ענערגיע. חוץ דעם זיינען נישט געווען קיין עלטערע שרייבערס „וואָס זאָלן זיין די וועכטער פון דורך יאָרן איינגעגרונטעוועטע ליטעראַרישע טראַדיציעס". די געלע פרעסע האָט זיך באַמיט מיט אַלע כוחות זיך צופּאַסן צום יידישן לייענער, אָבער ניט אים דערהייבן. און דער קולטורעלער מצב פון דורכשניט־לעכן יידישן לייענער איז געווען זייער אַ נידעריקער. די טענדענץ אין דער ליטעראַטור האָט אויך אַרויפגעצוואונגען חסרונות. דער שרייבער האָט געשריבן מעכאַניש, ניט שעפּעריש. זיין רעאַליזם איז געווען ניט קיין טיפער — אַ פאָטאָגראַפישער, און די ביטערסטע סיבה איז די, וואָס די אינטעליגענץ האָט געהאַלטן אין אַנטלויפן פון אונדז.

יידישיזם

העכערע פאָדערונגען פאַר ליטעראַטור זיינען ביי אַלעקסאַנדראָוון געגאַנגען אינאיינעם מיט זיין יידישיזם און זיין קוק אויף דער יידישער קולטור. געקומען צום אויסדרוק איז אָט דער יידישיזם אין דער פּריב־ציפּן־דערקלערונג פון „יידישן ליטעראַטור־פאַראיין". אַלעקסאַנדראָוו איז געווען צווישן די הייפּט־גרינדערס, אינאיינעם מיט ד"ר חיים



חיים אַלעקסאַנדראָוו — צו 35 יאָר.

זשיטלאָווסקי, לעאָן קאָברין, אברהם ליעסין, קלמן צונזער, מרים שמר, י. ל. כהן און אַנדערע. דאָס איז געווען אין 1905. דריי יאָר פאַר דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ. מיט יאָרן שפעטער זיינען אויפגעקומען יענע קולטור־ליגעס און קולטור־געזעלשאַפטן, וואָס האָבן געפּרואווט דורכצופירן אין לעבן די פּרינציפּן פון יידישיזם. אין זיין „לעקסיקאָן" כאַראַקטעריזירט זלמן רייזען דעם פאַראיין ווי די „ערשטע אויסגע־שפּראָכן יידישיסטישע אָרגאַניזאַציע". אין דעם אַרטיקל אין „ייוואָ־בלעטער", וואָס מיר האָבן דערמאָנט אין אָנהייב, שרייבט זלמן רייזען: „אָט־דער ליטעראַטור־פאַראיין ווייזט שוין אָן אויף דער נייער באַציאונג צו דער יידישער קולטור. ער האָט געהאַט אַ ברייטע פּראָ־גראַם „וואָס האָט אָנגעהויבן רעאַליזירט צו ווערן ערשט אין יאָרן אַרום און איז טיילוויז אויך די אַרבעט פון דעם מיט 20 יאָר שפעטער געגרינדעטן יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט". ער גיט אויך צו: „ריכטיק האָט אַלעקסאַנדראָוו אָפּגעשאַצט די באַוועגונג וואָס האָט אַרויסגערופן די גרינדונג פון דעם יידישן ליטעראַטור־פאַראיין". דאָס זעט מען בולט פון אַלעקסאַנדראָווס קאָרעספּאָנדענץ אין דער אויסגאַבע „דאָס לעבן", נומ׳ 5, 1905, וועגן דעם פאַראיינס גרינדונג. מיר לייענען דאָרטן:

„די באַוועגונג איז אַן עכטע פאָלקס־באַוועגונג. זי טראָגט אין זיך אַ געזונטן קערן, דעם קערן פון נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין, פון זעלבסט־באַפרייאונג און זעלבסט־בויאונג... דאָס איז ניט דער ערשטער לי־טעראַטור־פאַראיין ביי יידן. אַ סך זיינען שוין פריער געווען, אי אין רוסלאַנד אי דאָ אין אַמעריקע. אָבער צווישן יענע אַלע פאַראיינען און דעם איצטיקן איז דאָ אַ וויכטיקער אונטערשייד. יענע פאַראיינען האָבן געקוקט אויף דער יידישער ליטעראַטור נאָר ווי אויף אַ מיטל צו בילדן דאָס פאָלק, כדי דאָס פאָלק זאָל שפעטער קענען איבערגיין צו דער ליטעראַטור פון די אומות־העולם. און אַזוי באַגרענעצט ווי זייער קוק איז געווען, איז אויך געווען זייער פּראָגראַם און אַרבעט. אָט דער ניי־געגרינדעטער פאַראיין שטעלט זיך אויפן שטאַנדפּונקט, אַז די יידישע ליטעראַטור דאַרף זיין אַ צוועק פאַר זיך אַליין, און זי האָט אַן עקסיסטענץ־באַרעכטיקונג ווי די גויישע ליטעראַטורן און אַז זי מוז לעבן און וועט לעבן, כל־זמן עס וועט לעבן אין נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין דאָס פאָלק, וועמענס גייסט זי דריקט אויס, און לעבן דווקא אין דער יידישער שפראַך, ווייל דאָס איז די שפראַך פון דעם

גרעסטן טייל פון פאָלק, און נאָר אין דער שפּראַך איז זי אין שטאַנד צו פאַרשפּרייטן איר מעכטיקע קולטורעלע ווירקונג".

געזעלשאַפטלעכע טעמאַטיק

אַלעקסאַנדראָוו האָט געפאָדערט סאָציאַלן באַוואוסטזיין, ריינע ליטעראַטור, ריינע פּובליציסטיק. ער איז זיך געווען נאַציאָנאַל באַוואוסט, דורך־און־דורך פּאָלקיסטיש. ער איז ניט געווען טענדענציעז. דאָך האָט ער געשריבן סאָציאַלע לידער. דער סאָציאַלער מאָטיוו איז ביי אַלעקסאַנדראָוון געווען ניט קיין פּאַרטיי־ענין און ניט קיין מאָדע. פאַר אים איז עס געווען אָרגאַניש, נאַטירלעך. דאָס איז געווען זיין לעבנסבליק.

צווישן די לידער, וואָס עס האָט זיך איינגעגעבן צונויפקלייבן, געפינען זיך „יידישע וויגלידער". שרייבן אַזעלכע לידער איז ניט געווען קיין צופאַל אין יענער צייט. לערמאָנטאָווס „וויגליד" איז דעמאָלט געווען באַרימט ביי די רוסיש־רעדנדיקע יידישע פּאָעטן. נאָכמער האָט נעקראַסאָווס „וויגליד" פאַרכאַפּט זייער פאַנטאַזיע. נעקראַסאָוו האָט אויסגענוצט דעם לערמאָנטאָוו־מאָטיוו פאַר ביטערן סאָציאַלן הומאָר. ביי טייל יידישע סאָציאַלע פּאָעטן אין אַמעריקע געפינען מיר „וויגלידער", געשריבן אין סאָציאַלן נוסח. ביי אַלעקסאַנדראָוון באַשטייען די „יידישע וויגלידער" פון צוויי היפּוכדיקע מאָטיוון: „דאָס אַלטע" און „דאָס נייע". די לידער זיינען געווען געדרוקט אין דעם „אַרבייטער", דעם 28סטן אויגוסט, 1909:

יידישע וויגליד

1. ד אָ ס אַ ל ט ע

שלאָף. מיין קינד, אַ זיסער מלאך
טוט ביי דיר צוקאָפּנס שטיין . . .
ביזקל מאַרק איז אַ מהלך,
האַנדלען וועט דיין מאַמע גיין . . .
שלאָף, מיין קינד, שלאָף, מיין קינד,
מאַך די אויגן צו געשווינד.

ווי פון גינגאָלד איז דיין קעפל,
פערל שיטן זיך פון מויל . . .
כ׳טראָג אַוועק מיין קאַשיק עפל
שלעפ זיך, דלות, זיי ניט פויל . . .
שלאָף, מיין קינד, שלאָף, מיין קינד
מאַך די אויגן צו געשווינד.

ביסט אין קלויז דער גרעסטער מתמיד,
לערנסט גמרא טאָג און נאַכט . . .
שטייט מיין קאַשיק ווי פאַרחתמעט,
און מיין מזל שטייט און לאַכט . . .
שלאָף, מיין קינד, שלאָף, מיין קינד,
מאַך די אויגן צו געשווינד.

קענסט שוין באַלד די גאַנצע תורה,
און עס קלינגט מיט דיר די וועלט . . .
כ׳שטיי און פריר מיט מיין סחורה,
ביז די ביינער גריבט די קעלט . . .
שלאָף, מיין קינד, שלאָף, מיין קינד,
מאַך די אויגן צו געשווינד.

ווערסט, מיין זון, אַ גבירס אַן איידים
און קומסט אַן צום שווער אויף קעסט,
מעג די קויפער געמען שדים,
פון אַ גראָשן גיב זיי רעשט . . .
שלאָף, מיין קינד, שלאָף, מיין קינד,
מאַך די אויגן צו געשווינד.

טראָגסט אַ זיידענע קאַפּאָטע,
און די זאָקן ווייס ווי שניי . . .
שטיי איך אָפּ דעם טאָג אין בלאָטע
לויף אַהיים — אַ בראָך צו זיי . . .
שלאָף, מיין קינד, שלאָף, מיין קינד,
מאַך די אויגן צו געשווינד.

טראָגסט אַ היטל, שײַנט פון װײַטן
און אַ גאַרטל — גאָלע פליש . . .
פֿאַר דײַן טאַטן — ס'ברעכט די זײַטן —
שטעל איך קאָכן פוסטע פיש . . .
שלאָף, מײַן קינד, שלאָף, מײַן קינד,
מאַך די אויגן צו געשװינד.

2. ד אָ ס נ ײַ ע

שלאָף מײַן קינד, דײַן טרײַע מוטער
בײַ דײַן בעטל שטײט און װאַכט.
װאַקסטו אויס בײַ מיר אַ גוטער
און אַ קלוגער — גאָר אַ פּראַכט.
שלאָף, מײַן קינד, שלאָף, מײַן קינד,
שליס די אויגן צו געשװינד.

הויך און שטאָלץ דעם קאָפּ דעם שײנעם
און אַרויס אין לעבן דרײסט!
בײגן — בײגסט זיך ניט פֿאַר קײנעם,
פֿרײַ די הענט און פֿרײַ דעם גײַסט.
שלאָף, מײַן קינד, שלאָף, מײַן קינד,
שליס די אויגן צו געשװינד.

װעסט אין קאַמף ניט שטײן פון װײַטן,
מוטיק װאַרפסט זיך אין געפעכט;
פֿאַר דעם אמת װעסטו שטרײַטן
און פֿאַר אַלץ, װאָס גוט און רעכט.
שלאָף, מײַן קינד, שלאָף, מײַן קינד,
שליס די אויגן צו געשװינד.

דו װעסט זיגן, דו, דער גוטער,
אַט אין יענער גרויסער שלאַכט . . .
שלאָף, מײַן זון, דײַן טרײַע מוטער
בײַ דײַן בעטל שטײט און װאַכט.
שלאָף, מײַן קינד, שלאָף, מײַן קינד,
שליס די אויגן צו געשװינד.

די זעלביקע קעגנשטעלונג — דאָס אומגליקלעכע קעגן דעם פרייען — זעט מען אויך אין זיין ליד, וואָס הייסט, „צוויי וויגלידער". די טעמע האָט אים, קאָנטיק געמאַטערט. ווי דאָס פריערדיקע ליד איז אויך דאָס ליד „צוויי וויגלידער" פול מיט ייִדישן לעבנסשטייגער. און אין זיי איז אַלעקסאַנדראָוו זייער פאָלקסטימלעך. אַגב, זעלטן ווען אַ פּאָעט אין זיין צייט אין אַמעריקע האָט געשריבן אַזאַ קלאָרן, זאַפטיקן און דורכזיכטיקן ייִדיש, אָן שום דייטשמעריזמען. פּשטות און היימיש־קייטן ווייען פון זיינע לידער. די „צוויי וויגלידער" זיינען פריי נאָך נעקראַסאָווס „פּעסניאַ יעריאָמושקע". בלויז דעם געדאַנק האָט אַלעקסאַנדראָוו גענומען ביי נעקראַסאָוון. דאָס איבעריקע איז אינגאַנצן ייִדיש:

צוויי וויג־לידער

שטיל די לופט אין קליינעם שטעטל,
פּוסט און וויסט די שמאָלע גאַס.
אין קאַלוזשע ווי אַ שרעטל
שפּילט זיך משהקע, קויטיק, נאַס.
ס׳ברענט די זון. דער אַלטער מאיר
שפּאַנט דאָס פערד און ווישט דעם שווייס.
שרה־דבורה זיצט ביים טויער,
האַלט אפרימקען אין שויס
און פאַרוויגט אים מיט אַ לידל.
כ׳זיץ דערביי און שטרענג זיך אָן
כאַפּן ווערטער . . . און אַ זידל
גאָר אַ בייזן ווילט זיך טאָן
אי דאָס ווייבל — די בהמה,
אי דעם שיר מיט זיין געזאַנג,
אי דעם גייסט פון שקלאַפן־אימה,
וואָס עס הערט זיך אין געזאַנג.
אַי־לו־לו־לו. אין די אויגן
ביי די רייכע קריגן חן
אין ני״ג גרינג: דעם רוקן בייגן
וועסט דאַרפן . . . יע, מיין קרוין . . .
חנפען זיי, די פּיאַטעס לעקן,
זיין באַשיידן ווי אַ גראָז,

און אין קהלשע זאַכן שטעקן
ניט אַטוואַזשען זיך די נאָז.
ווען זיי גיבן דיר אַן עצה,
ווי צו פירן אויף דער וועלט,
מיט אַ סך, אַ קלאַפּ אין פּלייצע,
פריינדלעך פּנים, נאָר אָן געלט, —
ווער צעגאַנגען פון התפּעלות,
לאָז אַרויס אַ הייסע טרער,
דעם בעל־עצהס גרויסע מעלות
לויב און לויב אַלץ מער און מער.
האַלט דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן,
ליאַרעם ניט, ווען ס׳טוט דיר וויי,
קריך ניט יענעם אין די אויגן,
ניט פאַרגעס — דו ביסט אַ שטרוי,
אַי־לו־לו־לו . . . נשקשה,
מען געוואוינט זיך צו צו אַלץ.
ביסט אַ ייד און זוכסט פּרנסה,
האָסט שוין ברויט און ס׳פעלט דיר זאַלץ —
ברעך זיך, קאָרטשע זיך אין הרייען . . .
אַי, עס טראַסקעט וואו אַ ריפּ, —
מילא ? אַז די קינדער שרייען :
טאַטע, עסן, עסן גיב,
ניט פאַרליר אין גאָט בטחון !
האָסט אַ צרה — זיץ און קלאָג,
איז דיין שווערע האַרץ צעבראָכן,
פּאַסט הפּסקות, תהלים זאָג.
קומט אַ גזר מן השמים,
גייט שוין אונטער, מיינסט, די וועלט ?
ברענג (דאָס) אומגליק צום בית־חיים —
רייסן קברים, מעסטן פעלד,
נאָר ניט האָב קיין גרויסן וועלער
און עשירות ניט פאַרלאַנג.
גיט מען דיר געקעכץ אַ טעלער,
נעם זשע צו און זאָג אַ דאַנק,
און דערפאַר, דערפאַר מיין תורה

נאָך די הונדערט צוואַנציק יאָר,
ווען דו קומסט אַהין צום בורא,
ביסטו תיכף ווי אַ בכור.
קריגסט אַ חלק עולם הבא
גאָר ווי זיי (די) למד וואָוו,
ביי איין טיש מיט אונדזער גבאי.
מיטן מגיד, מיטן רב.
שלאָף, מיין האַרץ, דער גוטער פּאָטער
וועט דיר מאַכן זיס דיין רו
און פון ביין וועסט ווערן פּטור,
אַי־לו־לו־לו־לו־לו . . .

משהקע באָדט זיך אין קאַלוזשע,
שרה־דבורה נעבעך מיד.
— „ועסטו שוין שלאָפן, אכזר, נו־זשע?"
— „הערט, איך האָב אַן אַנדער ליד.
גיט אַהער דעם קליינעם שרייער
כ'וויג אים איין אויף מיינע הענט.
כ'נעם דאָס קינד, אַ העליש פייער
אין מיין זינגען זידט און ברענט:
„שטאַרק געבויט און ברייט געוואַקסן,
טראָגנסט מיט שטאָלץ דעם שיינעם קאָפּ.
בייטן וועסט זיך ניט . . . אַן עקשן
ביסט אפרים . . . וואַרפסט אַראָפּ
פון די פּלייצעס אין אַ צאָרן,
די נשמה יונג און דרייסט,
דעם געפּאַק, וואָס לאַנגע יאָרן
האָט געדריקט, געשטיקט דיין גייסט;
דעם באַגאַזש פון שווערן גלות —
פרעהס מכות, פרעהס יאָך —
לאַנגע פּאות, לאַנגע פּאָלעס,
די מסחרים פון דער וואָך,
פול מיט קנאה, שנאה, טרערן,
פול מיט לויפעניש פון הינט,
פול מיט זידלען, שילטן, שווערן

װעלכע שטערן דיר אין גײן.
עס צעפּאַלן אַלטע געטער,
און דער גײַסט — ער װערט באַפרײַט.
דו װעסט זאָגן . . . פרײער — שפּעטער,
קומען, קומען מוז די צײַט!"
װען עס עפנט זיך דײַן מוח
און די גײַסט אַרױס אין שטרײַט.
אין אַ שטרײַט מיט זאַװערוכעס,
מיט מתבלים גרױס און קלײן.
און אַ שטרײַט מיט בײזע רוחות,
אין די אָדערן פון ברוסט
און פון טױזנט קולות פלאַפּלט
פון געװױס, געזאַנג און לוסט.
שלאָף, אפרים . . . קלײבן כּוח
האָרפּסטו, קינד צו יענער צײַט,
דײַן ישועה קומט פון לעבן
װאָס עס רױשט, און הילכט און שלאָגט
װי אַ קװאַל, און װעקט אַ שטרעבן
העכער, װײַטער, װאו עס טאָגט.
פון דעם לעבן, װאָס עס צאַפּלט
ליגסט דײַן האָפענונג אַװעק,
ניט פון פאַסטן, רײַסן קברים,
קומט די גאולה אויף דער װעלט.
ניט פון גראָבן זיך אין ספרים
זאָגן תהלים, מעקסטן פעלד,
פון אַ קרבן, פון אַ קנעכט . . .
און באַפרײַט פון אַלטן שימל
גײַסט אַרױס אין ברײטן װעג . . .
אויף דער ערד, און ניט אין הימל,
רײַסן, בײַסן, פול מיט חינט;
דעם פאַרזאָרגטן קאַלטן שכל
און דעם יאוש װאָס צעברעכט
און אַט דעם רחמנות שמײכל

(„די פרײַע שטונדע", אַפּריל, 1904)

„דו וועסט זיגן . . . פריער־שפעטער, קומען, קומען מוז די צייט״ קלינגט ווי אַ פאַרזיכערונג. די דאָזיקע הבטחה געפינט מען ביי אַלעק־סאַנדראָוון אויך אין אַנדערע לידער. די דאָזיקע הבטחה דערמאָנט אונדז אין וועקלידער, אין רופלידער. אַזאַ איז דאָס „מאַי־ליד״. צו דעם דאָזיקן ליד האָט דער יונג־פאַרשטאָרבענער קאָמפּאָזיטאָר מאיר פאָזנער אָנגעשריבן מוזיק. ער האָט דערמיט אויפגעלעבט דאָס ליד אין זכרון פון יידישע מאַסן. פאַר די לעצטע עטלעכע צענדליק יאָרן זינגען דאָס ליד די יידישע אַרבעטער־כאָרן. געדרוקט איז געוועזן דאָס ליד ניט אונטער אַלעקסאַנדראָווס נאָמען, נאָר אונטער זיין פסעוו־דאָנים — סאָרעריוועס:

מאַי־ליד

וועמעס שטימע הער איך קלינגען?
נייע לידער זאָל מען זינגען!
אַל דאָס בייזע איז פאַרביי
מיט דעם ווינטן קאַלטן, לאַנגן . . .
רייך אין פאַרבן, רייך אין קלאַנגען
קומט צוגיין דער ערשטער מאַי.

וועמעס שטימע הער איך קלינגען?
פרייע לידער זאָל מען זינגען!
ס׳נעמט אַ סוף די שקלאַפעריי,
לויז די קלאַנגען, לויז די קייטן . . .
העל באַפוצט מיט פרישע קווייטן.
קומט צוגיין דער ערשטער מאַי.

וועמעס שטימע הער איך קלינגען?
הויך און מונטער זאָל מען זינגען!
זאָל זיך טראָגן פראַנק און פריי
אונזער ליד אין אַלע עקן . . .
צו אַ נייעם לעבן וועקן
קומט צוגיין דער ערשטער מאַי.

אַלעקסאַנדראָוו (מ. סאָרעריוועס) איז געווען באַקאַנט די יידישע מאַסן דורך די לידער, וואָס ער פלעגט דרוקן אין דעם אומלעגאַלן זשורנאַל „דער בונד", אַזאַ ליד איז — „ווען דער שונא שטייט אַנטקעגן...". געווען איז עס געדרוקט אין נומער פינף „דער בונד", אָקטאָבער, 1904, איז אויך דערשינען אינעם זעלביקן יאָר אין זשורנאַל „די פרייע שטונדע", יולי, 1904, אונטערן נאָמען „פון די נביאים", אונטערגעשריבן ה. ווילנער:

פון די נביאים

ווען דער שונא שטייט אַנטקעגן
און פאַרשפאַרט דיר אַלע וועגן
מיט האַרמאַטן ביי דער זייט,
ווען דיין פרייהייט וויל ער רויבן
און דעם שטאָלץ אין דיר פאַרטויבן, —
שטרייט!

נעם צוזאַמען
גאָר די פלאַמען
פון דיין ברענענדיקן כעס,
פעסט און מונטער
רייס אַרונטער
אַלע צוואַנגען פון דיין האַס,
פול מיט טריקהייט
צו דער פרייהייט
פלאַטער אויף די רויטע פאָן,
און מיט קלאַנגען
פון געזאַנגען
מוטיק גרייף דעם שונא אָן.

אויף דעם שלאַכטפעלד זאָלן ווידער
קלינגען יענע פרייע לידער
פון די יוגנטלעכע טעג,
ווען אין האַרצן אין דעם בריטן
האָט געפלאַקערט צו דעם צווייטן

טיפֿע ליבע אָן אַ ברעג,
אונ די העלע
הייסע װעלע
האָט נעריסן אין צ שלאַכט
מיט די קרעפטן,
װעלכע העפטן
דעם פּרוכת פֿון דער נאַכט,
אין דיין לעבן
נאָר איין שטרעבן
האָט באַהערשט די גאַנצע צייט;
אַלץ װאָס טייער, —
אין דעם פֿייער
פֿונעם גרויסן, בייזן שטרייט.

מיט אַ האַנט געפּאַסט אין אייזן
האָלסט דעם שונא גיך באַװייזן,
אַז ער לעבט — דיין אַלטער מוט,
און װעסט ברענגען צום מזבח
פֿאַר דער פֿרייהייט גאָר דיין כּוח,
יעדן טראָפּן פֿון דיין בלוט.

װי תמיד, מערקט מען אין אַלעקסאַנדראָװוס לידער: גוטע שפּראַך, חוש פֿאַר ריטם, אינטערעסאַנטע גראַמען, באַזונדערס װען ער גראַמט העברעאישע מיט יידישע װערטער, װי, למשל: עצה — פֿלייצע, בטחון — צעבראָכן, פּאָטער — פּטור, גלות — פֿאָלעס. שכל — שמייכל, זאַ־װערוכעס — רוחות אאַז״װ.

ד ע ק אַ ד ע נ ט ן

דער סאַרקאַזם אין אַלעקסאַנדראָװוס פּובליציסטישע זאַכן איז זייער בולט. דער סאַרקאַזם איז אויפגעקומען אין זיינע פּערזן. אין געװיסע פּערזן איז זיין פּען געװען אפשר װייניקער בייסיק, אָבער אָפּלאַכעריש איז זי סיי־װי געװען. און זיינע קרבנות זיינען געװען על־פּי־רוב — די מאָדערניסטן. דעמאָלט האָט מען זיי גערופן — דע־קאַדענטן.

עס איז נאַטירלעך געווען פאַר אַלעקסאַנדראָוון, ער זאָל ניט קענען באַנעמען די פּריוואַט־יחידישע מאָטיוון, וואָס האָבן ניט געהאַט אין זיך קיין שמץ געזעלשאַפטלעכן באַדייט. ביי די דעמאָלטיקע דעקאַדענטן — איז די גאַנצע וועלט געווען ווי אויסגעשלאָסן. בלויז פּערזענלעכע אינטערעסן און פּערזענלעכע גריבלענישן האָבן זיך דעמאָלט באַוויזן אין דער יידישער ליטעראַטור.

עס איז ניט קיין צופאַל, וואָס אַלעקסאַנדראָוו איז געווען צווישן די ערשטע חוזק צו מאַכן פון דעם זשורנאַל „יוגענד" (1907־1908). אי די פּאַרלויפער פון דער יחידישער פּאָעזיע, אי די שפּעטערדיקע „יונגע" האָבן אין יענעם זשורנאַל זיך באַוויזן אין זייער פולן מאָדערניזם. אַלעקסאַנדראָווס „פּאַרניכטנדיקער" אַרטיקל איז פאַר זיי געווען אַ שטאַרקער קלאַפּ. זייער שרייבן — האָט ער באמת געגלויבט — איז ניט „גוט און פאַרנינפּטיק". געדרוקט איז געווען זיין אָנפאַל אין דעם „אַרבייטער". אָנהייב 1908.

נאָך אין 1906, ווען ער האָט געשריבן וועגן אַשס „שטעטל" אין „צוקונפט", האָט ער אים פאַרגעוואָרפן — „סימבאָליסטישע פאַרדרייעניש". „דער סטיל — שרייבן דאָרטן אַלעקסאַנדראָוו — איז אומעטום אַן אויסגעצייכנטער. אָבער שוין צופיל געפּוצט אין סימבאָלישע פּעדערן. נעמט, למשל, אַזאַ זאַך: „צווישן די טונקעלע פאַלדן פון די פּעלצן (ביי די אַריינגעקומענע) האַלט זיך נאָך אויף דער טונקעלער סוד פון דער נאַכט, וואָס זיי האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט" (זייט 3)... נו, וואָס, זייט מוחל, וועט דאָ פאַרשטיין אַ פּראָסטער מענטש, דער מאַסאָוועך לעזער? אַ פּאָר אויגן וועט ער אויסגלאָצן, מיט די פּלייצעס קוועטשן. די מאָסע נעמט איבערהויפּט ניט אָן זיין סימבאָליזמוס. און ס'איז כ'לעבן אַ שאָד, וואָס שלום אַש האָט אַ נייגונג, און אַ גאַנץ שטאַרקע, צו סימבאָליסטישע פאַרדרייענישן".

אָבער נאָך מיט פיר יאָר פאַר דעם, און פריער נאָך, האָט ער ליב געהאַט שרייבן פּעלעטאָנען אין גראַמען וועגן „דעקאַדענטן". אין אַט־די פּעלעטאָנען פילט מען אַ לייכטע פּען. אָט איז זיינע אַ פּאַראָדיע וועגן אַ „דעקאַדענט", דערשינען אין דער „אַרבייטער־צייטונג", דעם 2טן אויגוסט, 1902. דאָס ליד איז וועגן אַ באַוואוסטן דיכטער, וואָס מען האָט דעמאָלט געהאַלטן פאַר אַ „דעקאַדענט". געווען איז ער — יואל סלאָנים. געשריבן האָט אַלעקסאַנדראָוו דאָס ליד אונטערן פּסעוודאָנים — דאָן קיכאָט.

שמערל דעם דיכטערס מעלאַנכאָליע

אין גאָרטן, פֿאַרטיפֿט אין געדאַנקען,
שפּאַצירט ער אַרום ביי דעם פּלאַנקען.
דער הימל איז שוואַרץ, און די נאַכט
איז אויכעט ווי שמערל פֿאַרטראַכט,
פֿאַרשמאַכט . . .

אין גאָרטן שפּאַצירט ער אַרומעט,
און גרויס ווי די וועלט איז זיין אומעט.
אין האַרצן ביי שמערלען איז סם,
זיין מכה איז טיף ווי דער ים,
בים־באַם . . .

און שטיל איז אַרום ווי אין קבר;
אַ שוידער גייט דורך יעדן אבר.
ביי שמערלען אין קאָפּ איז אַ בראַנד,
און שמערל איז בלייך ווי די וואַנט,
ווי שמאַנט . . .

וואָס הער איך? וואָס זע איך? וואָס פֿיל איך?
וואָס זאָג איך? וואָס טראַכט איך? וואָס וויל איך?
וואָס גיי איך ביים פּלאַנקען אַרום?
וואָס טרעף איך גאָר וועגנס אומעטום?
בום־בום . . .

אוי, שמערל, נישט מאַך דאָ קיין טעות!
דו האָסט מעלאַנכאָליע משמעות
דאָס איז אַ פּאָעטישע קרענק . . .
דער קריגט זי וואָס האָט אין די בענק —
אַ קרענק . . .

אַן אַנדער אַפּלאַכעריש ליד איז געווען דאָס —

פֿרילינג־ליד

(ראָמאַנטיש, סימבאָליש, דעקאַדענטיש)

(געווידמעט די יידישע דיכטער פֿון דער אַמעריקאַנער יידישער פּרעסע)

די ווערבע, זי שטייט מאַיעסטעטיש.
די זון איז אין בראָטן פֿאַרטאָן.
די ביימער זיי קרעכצן פּאָעטיש
און שאָקלען די בלעטער קאָקעטיש,
דער ווינט פֿאַלט אַרונטער פֿון טאָן.

די פֿייגלען זיי זינגען געוויינלעך.
און דרייען דערביי מיטן עק.
אין וואַלד עפּעס מאָדנע פֿאַרשווינדלעך
דאָ קומען, דאָ לויפֿן אַוועק.
ווער זייענען דאָס ? וועווערקעס ? שדים ?

הערט, הערט, ווי עס קוואַקען די פֿרעש.
איך ווענד מיינע בליקן צום בוידעם ;
די מאַד הענגט פֿונאַנדער די וועש.

דאָס גרעזל איז גרין ווי אַ וואָרעם
גרין דער וואָרעם איז ווי אַ גראָז.

מיין ליבסטע — זי חלומט פֿון הרים
וגבעות און שפּרינגט ווי אַ האָז.
איך נעם זי אַרום מיט אַ קומער.
און קוש איר די אויגן, די נאָז.
בשעת איר טאַטע דער פֿרומער
ציט זופּנווייז טיי פֿון אַ גלאָז.
און קוקט מיט איין אויג אין די ספֿרים.

עס ציט מיך אַהין . . . צו די קבֿרים
פֿון אַלטן בית־חיים . . . דער סטראַזש —
אַן אומעט צעגאָסן . . . די שטיינער —
און לאָזט מיך אַריינ׳עס . . . אַרום
ער עפֿנט מיר אויפֿעט דעם טויער
וויין לאַנג איז ער טויב אויף אַן אויער —
אוי־וויי — ווי פֿאַרעלטערט, ווי קרום.
ווער ווייסט וועמעס טרוקענע ביינער
זיי היטן, ווער ווייסט וויפֿל יאָר.

צעשויבערט פֿאַטיש די האָר,
אַליין מיט מיין טרויער דעם גרויסן,
אַליין מיט מיין בלאָקער דעם הייסן,
שפּאַציר איך. . . דו ליבסטע! קום, קום
צו מיר אין די אָרעמס געבויגן
איך נעם דיך ווי פֿריער אַרום.
און קוש דיר די נאָז און די אויגן.

אויפֿן זעלביקן שטייגער האָט ער געשריבן זיינע שטיפֿרייען אין רוסיש. זיי זיינען אין ערגעץ ניט געווען געדרוקט. דאָס וויטער־דיקע ליד איז וויז־ער וועגן „דעקאַדענטן" אין דעם רוסישן סטודענ־טישן קלוב („אָבשטשעסטוואָ רוסקיך סטודענטאָוו"), וואָס האָט זיך דע־מאָלט געפֿונען אויף 262 איסט בראָדוועי. אַלעקסאַנדראָוו איז געווען אַ מיטגליד אין דעם קלוב. ווי געזאָגט — דאָס ליד האָט ער געשריבן אין רוסיש. אין יידיש וואָלט עס געקלונגען אַזוי:

געווידמעט די דעקאַדענטן פֿון קלוב

דער אָוונט — אומעטיק, ווי אַ געטריישע ווייב,
מיט זעפֿלען דין איז אַלץ באַהויכט,
אין הימל זעלבסט געקרוינט זיך לויכט
בלאַס ווי אורטייל דער לבֿנהס שייב.

און די אַלייען פֿונעם דרעמלענדיקן סאַד
בלאַנדזשע איך פֿאַרבענקט, אין איינזאַמקייט.

וואו ביסטו, וואו? מיין קונצ־טרייסט און מיין געבאָט?
די רגע פון מיין סוף איז שוין ניט ווייט.

ס׳גייט אויס מיין האַרץ פון ברענענדיקע ליידן,
ס׳קומען איצט מיר אין זכרון מיינע אַלטע זינד.
אָ, קום, אָ טייערע, די ראַנדעוואו איז ווײַך פאַר ביידן,
כ׳וועל דיר אין האַנט פאַרטרויען אָט דאָס ליד, מיין קינד.

פאַראַן ביי אים אַן אַנדער רוסיש ליד — אַ ווענדונג צו פושקינען. פושקינס „בראַזשו לי יאַ וודאָל אוליץ שומניך" דינט אַלעקסאַנדראָוון פאַר אַ פּאַראָדיע. ס. אי. אין דעם ליד איז ד״ר אינגערמאַן; און וו־סקי איז ווינטשעווסקי.

אַ דיכטער־גייסט, אַ גרויסער גייסט וואָס העלפט,
פאַרגיב וואָס כ׳האָב אין ביטערן געמיט
אַ שפּיי געטאָן אויף גאַרער וועלט
און נאָכמאַכן גענומען איצט דיין ליד.

צי כ׳קוק אויף דער באַרישניע־דאַנטיסטין,
אָדער אויף אַ דאָקטער פון איסט־סײַד,
צי כ׳שרייב אַ ליבעס־צעטעלע אומיסטן,
צי באַרישקייטן כ׳טו און שנייד.

אָדער כ׳טרויער אויף די וועטשערינקעס, בעלער
אין קרייז סטודענטישן ביז אין דער פרי.
אָדער כ׳שלאָף איין יעדע רגע גרעלער,
אויף די לאַנגווייליקע לעקציעס פון ס. אי.

ווען איך דערזע דעם ליבטיקן זשאַקעט
דער קעניגינס פון מיין געהיימען האָפן,
אָדער אין אַ זשורנאַל־נאָטיץ, אויף אַ געשפּעט,
שטעל איך אַריין זיך קונדס־סטראָפן,

צי כ׳לייען דעם באַריכט פון וועטער,
אָדער ווי־סקיס (ווינטשעווסקיס — נ. ב. מ.) צייטונגס־שטאָף,

איך זאָג: די יאָרן פליען אין דעם שפּעטער.
אויף מיר און אייך חאַרט שוין דער סוף.

ווי רויך, ווי דער געשפּענץ „האַמלעט"
פליסט — דורך דער שטראָם פון אונדזער צייט,
און סיקען אויך טרעפן דעם פּאָעט —
זיין לעצטע רגע איז ניט ווייט.

פון שעהען זאַרגלאָזע און פרייך
וועלקן שוין די פרישע בלומען,
אין ברוסט — דאָס האַרץ־פייער פאַרגייט,
די טרוימען ליכטיקע — פאַרשוואומען.

אָ, ליבער, מיר האָבן געשלאָסן

אַלעקסאַנדראָווס אַפּלאַכערישע לידער און פּאַראָדיעס האָבן פאַר־שאַפט גאָר אַ סך יסורים די דעמאָלטיקע מאָדערניסטן. די דאָזיקע פּאַראָדיעס זיינען ניט וויכטיק. זיי ווייזן אונדז, אָבער, ווי פּליסיק עס איז געווען זיין פּערז, דער גראַם — גרינג און גלאַט, די פּען — לייכט און באַוועגלעך. אין זיין כאַראַקטער, ווי אין זיין שרייבן, זעט מען שטענדיק היפּוכים. מיר האָבן פריער געזען זיינע ערנסטע סאָ־ציאַלע לידער, און אויך דעם היפּוך — זיינע פּאַראָדיעס איבער די „דעקאַדענטן". פאַראַן אָבער ביי אים לידער תהומיק־ערנסטע. מער ווי דאָס: — לידער וואָס צערודערן ממש. זיין לחלוטין אומבאַקאַנט ליד „די גוואַלדגלאָק" געהערט צו אָט־דעם מין. געדרוקט איז עס געווען אין „אַרבייטער", דעם 7טן יאַנואַר, 1905. אין דעם ליד קומט צום אויסדרוק אַ סאָציאַלע אַלעגאָריע. די גוואַלדגלאָק שטורעמט — „און... וועקט און רופט". „ניט פון פלאַמען אַ ים האָט באַלאַגערט די שטאָט, ניט דער טייך האָט די קייטן געבראָכן, ניט אַ מענטש האָט צעטראָטן דעם הייליקן געבאָט, ניט עס פייערט דער פיינד אַ נצחון". אַ בעטלער איז געקומען. ער האָט געקלאַפּט אין די טירן — און קיינער האָט זיך אויף אים ניט דערבאַרעמט. איז — „ווי אַ בליץ לויפט דעם מוח אים דורך אַ געדאַנק" — ער וועט צעשטורעמען די גלאָק:

די גוואַלדגלאָק

אַ בית־עולם פֿאַרשלאָפֿענערהייט... פֿינצטער און שטיל...
ניט אַ שורך אין די גאַסן די טויטע...
ווען־ניט־ווען טוט הער ווינט מיט אַ לאָדן אַ שפּיל
און אַנטלויפֿט ווי פֿון פֿייער, דער שוטה...
פּלוצלונג... הערט נאָר... וואָס איז דאָס?.. אַ קלאַנג נאָך אַ קלאַנג
טראָגט זיך ראָש פֿון דעם טורעם דעם הויכן.
די גוואַלדגלאָק! אוי ווײ... איר מעטאַלן געזאַנג
איז פֿון שטורעם, טרעוואָגע אַ צייכן...
און ער לעכערט די לופֿט
און ער וועקט און ער רופֿט
מיט אַ ווילדער אַכזריות — דער קלאַנג;
און אַן אימה, אַ שרעק,
אַן אַ זין, אַן אַן עק,
אין די מוחות פֿאַרקריכט ווי אַ שלאַנג.

וואָס־זשע ברומט די גוואַלדגלאָק אין מיטן דער נאַכט?
האָט דאָס רויטע געשפּענץ פֿון אַ פֿייער
זיך באַוויזן אין גאַס און אַ חורבן געמאַכט
פֿון אַלצדינג וואָס איז הייליק און טייער?
איז אַ מחנה פֿון שונאים באַפֿאַלן די שטאָט,
ווי אַ כוואַליע פֿון ים זיך צעגאָסן
און די הייזער פֿאַרוויסט און געמאַכט זיי צו שפּאָט,
מיטן טויט די פֿאַרוואַנחשאַפֿט געשלאָסן?
האָט אַ חיה אַ ווילדע אין מענטשנס געשטאַלט
זיך פֿאַרקליבן אין וואוינונג פֿון שוואַכע
און געשאָכטן אַן מיטלייד וואָס יונג און וואָס אַלט,
און אַוועק פֿון געזעצלעכער ראַכע?
האָט דער הואיקער טייך פֿון אַ שטורעם צעררייצט,
אַן אַ וואָרנונג צעבראָכן די קייטן,
פֿון די ברעגעס אַרויס און די גאַסן פֿאַרפֿלייצט,
זיך געוואָרפֿן אויף שטיבער און קלייטן?

ניט פֿון פֿלאַמען אַ ים האָט באַלאַגערט די שטאָט,
ניט דער טייך האָט די קייטן געבראָכן,
ניט אַ מענטש האָט צעטראָטן דעם הייליקן געבאָט
ניט עס פֿייערט דער פֿײַנד אַ נצחון...

מיט אַ לײַדיקער טאָרבע, פֿאַרחלשט, פֿאַרשמאַכט,
האַלב פֿאַרפֿראָרן, געבויגן אין פֿירן
האָט אַ בעטלער, אַ בעטלער אַן אַלטער געשלעפּט זיך בײַנאַכט
און מיט פּחד געקלאַפּט אין די טירן.
אַ קליין ווינקעלע בעט ער בײַם אויוון, נישט מער,
כאָטש אַ ביסל די אבֿרים דערוואַרעמען...
שווין־זשע וועט זיך דאָס קיינער ניט — גאָטעניו הער! —
איבער אים, דעם פֿאַרטיילטן, דערבאַרעמען?
אָבער טויט איז אַרום, און ער הערט ניט קיין קלאַנג.
און ס׳קאָכט אויף אין זײַן האַרצן אַ שטורעם.
ווי אַ בליץ לויפֿט דעם מוח אים דורך אַ געדאַנק..
ער וועט קריכן אַרויף אויפֿן טורעם,
און וועט כאַפּן דעם שטריק און צעטרייסלען די גלאָק,
און וועט קלינגען און קלינגען כסדר...
זאָל איר דונערנדער קול, ווי די בשורה פֿון טאָג
זיך דערהערן אין איטלעכן חדר!
זאָל ער האַקן אין פֿענצטער, אין טויער, אין וואַנט,
זאָל ער רײַסן פֿון שלאָף פֿונעם זיסן,
זאָל ער ברענען דאָס האַרץ מיט אַ העלישן בראַנד,
זאָל ער וועקן דעם מענטשנס געוויסן!..
און ער לעכערט די לופֿט,
און ער וועקט און ער רופֿט,
מיט אַ ווילדער אַכזריות — דער קלאַנג,
און אַן אימה, אַ שרעק,
אָן אַ זין, אָן אַן עק,
אין די מוחות פֿאַרקריכט ווי אַ שלאַנג . . .

קלינג, גוואַלדגלאָק, אָן אויפֿהער! און זאָל דײַן געזאַנג
הילכן ווײַט פֿון איין עק ביזן צווייטן!
זאָל ער רײַסן פֿון שלומער דעם פֿרייען געדאַנק,

זאָל ער ברעכן פאַרבליבענע קייטן!
זאָל זיין שטורעמדיק קלינגען דערציילן דער וועלט,
אַז פון מיחקייט און הונגער געטריבן
ביי אַ טיר איז אַ בעטלער געשטאַנען אין קעלט,
און זיין בעטן אָן ענטפער געבליבן...
דו זאָלסט שטערן מיט העזה די רו איבעראַל,
וואו רחמנות פון האַרץ איז פאַרשוואונדן,
און אַ חשבון אַ שטרענגען זאָלסט מאָנען פון כלל
פאַר די בעטלערשע טרערן און וואונדן...

„די גוואַלדגלאָק“ איז אַ נקמה־ליד, אַ ליד, וואָס מאָנט יושר. אין דעם דאָזיקן רופליד איז פאַראַן אומגעהייערער אימפעט, יענער צע־בונטעוועטער אימפעט, וואָס שאַפט און צערודערט, וואָס וועקט און רייסט מיט: — „קלינג, גוואַלדגלאָק, אָן אויפהער!... דו זאָלסט שטערן מיט העזה די רו איבעראַל, וואו רחמנות פון האַרץ איז פאַרשוואונדן, און אַ חשבון אַ שטרענגן זאָלסט מאָנען פון כלל, פאַר די בעטלערישע טרערן און וואונדן . . .“ דאָס דאָזיקע ליד געהערט צו יענע לידער, וואָס זיינען אַליין — מעשים.

צו דעם זעלביקן תהומיק־ערנסטן מין געהערט זיין ליד „חברים אין קאַמף“. דאָס ליד איז דערשינען אין דעם ערשטן נומער „אַרביי־טער“ דעם 8טן אָקטאָבער, 1904. עס איז שפּעטער אויך דערשינען אין אַ בונדישער אויסגאַבע, אונטערגעשריבן מ. סאָרעריוועס. דאָס ליד געהערט צו די געציילטע לידער, וואו רעוואָלוציאָנערע ראָמאַנטיק איז דערהייבן צו אַ הויכער מדרגה. זייער ווייניק מענטשן קענען דאָס ליד אונטערן נאָמען „חברים אין קאַמף“. אָבער דאָס ליד געהערט צו די פּאָפּולערסטע רעוואָלוציאָנערע לידער. און באַקאַנט איז עס מיט די ערשטע שורות: „אַ, ליבער, מיר האָבן געשלאָסן אויף לעבן און טויט אַ פאַרבאַנד, מיר שטייען אין שלאַכט ווי גענאָסן, די פאָנע די רויטע אין האַנט“... ניט איין יידישער רעוואָלוציאָנער קען וועגן אָט־דעם ליד איבערגעבן זכרונות און שטימונגען, וואָס זיינען באַלויכטן מיט אַ מאַרטירער־שיין, מיט אַ גלאַנץ פון חלום־ און וואָר־העלדישקייט — ממש מיט אַ מין מעסטעריע.

אינטערעסאַנט זיינען די זכרונות פון איינעם אַלטער דער הויכער, פון נואַרק, ב״דזש, אָפּגעדרוקט אין „אַרבייטער“ פון 17טן יולי, 1909.

אין די עטלעכע שורות זכרונות בשייכות מיטן טויט פון מ. סאַרעריוועס, ווערט איבערגעגעבן אַ מערקווירדיקער עפּיזאָד ביים 6טן צוזאַמענפאָר פון „בונד“, האַרבסט, 1905, אין דער שווייץ, ווי דאָס זינגען דאָס ליד האָט אין גאַנצן געביטן די שטימונג: „פאַרצוויבערטע בלייבן מיר שטיין. רוסלאַנד, דער קאַמף, דער אמתער, דער שווידערלעכער, מיט בלוט־קרבנות. עס פינקלען אויגן, עס דריקן זיך פויסטן, און די טענער קומען טיפער און די ווערטער שטאַרקער, מעכטיקער...“

אויף דער טרויער־פאַרזאַמלונג נאָך אַלעקסאַנדראָוון, דעם 12טן יולי, 1909, האָט דער „בונד“־פאַרשטייער, ד״ר מ. גורעוויטש, זיך באַזונדערס אָפּגעשטעלט אויף דעם דערמאָנטן ליד. „אַ וואונדערבאַרע ווירקונג — האָט ער געזאָגט — האָט געהאַט אַלעקסאַנדראָווס דורכדרינגענדעס ליד אויף דעם קעמפנדן יידישן פּראָלעטאַריאַט אין דער רוסישער רעוואָלוציאָן. די פערזן „ברידער, מיר האָבן געשלאָסן, אויף לעבן און טויט אַ פאַרבאַנד“, האָבן געמאַכט די באַוואוסטזיניקע יידישע אַרבעטער פאַר העלדן...“

דאָס דאָזיקע מאַרטירער ליד צייכנט זיך אויס באַזונדערס מיט הויכער רעוואָלוציאָנערער ראָמאַנטיק:

חברים אין קאַמף

אַ, ליבער, מיר האָבן געשלאָסן,
אויף לעבן און טויט אַ פאַרבאַנד,
מיר שטייען אין שלאַכט ווי גענאָסן,
די פאָנע די רויטע אין האַנט.

און טרעפט דיר אַ קויל, מיין געטרייער,
אַ קויל פון דעם שונא — דעם הונט,
איך טראָג דיך אַרויס באַלד פון פייער
און היילן דיך מיט קושן די וואונד.

און ביסטו געפאַלן אַ טויטער,
די אויגן די ליבע פאַרמאַכט,
און וויקל דיך איין אין דער פאָנע דער רויטער
און גאַל אין דער בלוטיקער שלאַכט.

חיים אַלעקסאַנדראָוו איז געווען אַן אידעלע און ריינע פּערזענלעכ־קייט, אַ געטרייער פּאָלקספריינד, אַן איבערגעגעבענער פּאָלקסדינער. געווען איז ער אַ שרייבער מיט אויסגעהאַלטענע פּרינציפּן. אָבער אַלעקסאַנדראָווס אָרט אין דער יידישער פּאָעזיע איז געזיכערט מיט דעם אומשטערבלעכן ליד „אָ, ליבער, מיר האָבן געשלאָסן...”. דאָס ליד איז, אַגב, אויסגעקריצט אויף זיין מצבה.

עוזר סמאָלענסקין

1937 — 1863

עוזר סמאָלענסקין

ערשטע דרייסיק יאָר אין אייראָפּע

ביי יעדן פּאָעט זיינען פאַראַן בולטע פּסיכאָגראַפישע לידער. ביי אַ סך פּאָעטן זיינען פאַראַן אויטאָביאָגראַפישע לידער. אָבער ניט אַלע פּאָעטן שרייבן פּרטימדיקע זכרונות. צווישן די סאָציאַלע פּאָעטן האָט אַזעלכע זכרונות געשריבן מאָריס ווינטשעווסקי. אַ ביאָגראַ־פישן עסקיז האָט אָנגעשריבן עוזר סמאָלענסקין. דאָס איז דער אַריינ־פיר אין זיין בוך „געקליבענע לידער". דער אַריינפיר הייסט „אַ במקום הקדמה". אַגב, — דאָס בוך זיינס איז אַרויס אין פילאַדעלפיע אין 1933, און עס איז שוין אַ יקר־המציאות.

סמאָלענסקינס ביאָגראַפישע שילדערונג העלפט אונדז פאַרשטיין דעם גאַנג פון אַ געוויסן טיפּ יידישן סאָציאַלן פּאָעט אין די 90ער יאָרן פון לעצטן יאָרהונדערט. דאָס איז דער טיפּ וואָס איז געקומען פון דער ישיבה אַין, שפּעטער, פון דער משכילישער וועלט.

עוזר סמאָלענסקין איז געבוירן געוואָרן דעם 23סטן נאָוועמבער, 1862, אין אוקראַינישן שטעטל העלמיאַזעוו, פּאָלטאַווער גובערניע, ביי אָרעמע עלטערן. פון פינפטן ביזן עלפטן יאָר האָבן די עלטערן גע־האַלטן זייער בן־יחיד ביי דער באָבען, אין אַן אַנדער שטעטל, ער זאָל קענען לערנען ביי אַ גמרא־מלמד. די באָבע איז געווען אַן אָרעמע אלמנה פון איר ערשטן מאַן, סמאָלענסקינס זיידע פון טאַטנס צד, און אַן עגונה פון איר צווייטן מאַן. איר פּרנסה איז געקומען פון האַנדלען מיט געזאַלצענע פיש. אָרעם ביז גאָר, האָט זי געצאָלט שכר־לימוד פאַרן איניקל, דעם עלוי, מיט דער האָפענונג, ער וועט ווערן אַ רב.

געלערנט האָט ער ביי אַ פרומען חסידישן מלמד ש״ס און פּוסקים. פאַר זיך אַליין האָט ער געלערנט ספרי־מוסר, חסידות און קבלה. ווען ער איז אַלט געווען צוועלף יאָר האָט ער זיך צופעליק אָנגעשלאָגן אויף רד״קס „מכלול" און ער איז אין גיכן געוואָרן קלאָר אין דקדוק. דאָס האָט באַמערקט אַ יונגער לערער, אַ פאַרבאַהאַלטענער משכיל. דורך אים האָט זיך סמאָלענסקין באַקענט מיט טריף־פּסול, מיט „אהבת ציון", „אשמת שומרון" און אַנדערע השכלה־ביכער. דער דאָזיקער לערער

האָט אים צונויפגעפירט מיטן אַפּיקורס פון שטעטל און ביי אים האָט ער געפונען ממש די גאַנצע השכלה־ליטעראַטור. די געבאָרגטע ספרים האָט סמאָלענסקין געלייענט טיף אין דער נאַכט, אויפן אויוון, „ביים טונקעלן שיין פון אַ קליין, רויכערדיק, בלעכן קעראָסין־לעמפל".

איין מאָל האָט אים געטראָפן אַ גרויס אומגליק. ער איז ניט געווען גענוג אָפּגעהיט. דער רבי האָט אים געכאַפּט בעת ער האָט פאַרגעלייענט פאַר זיינע חברים אין חדר לינעצקיס „פּוילישע יינגל". סמאָלענסקין אַליין גיט איבער ווי אַזוי דער רבי האָט אים געהייסן בלייבן אויף וואַרמעס — ער דאַרף מיט אים עפּעס ריידן.

דער רבי האָט מיט אים גערעדט גוטע רייד. דאָך האָט עס ניט געהאָלפן. „דאָס פּוילישע יינגל" האָט ער טאַקע אומגעקערט דעם אַפּיקורס. אָבער ער האָט ביי אים ווייטער גענומען אַנדערע ביכלעך. צווישן זיי — מאַפּוס „עיט צבוע". דאָס שטעטל האָט אָנגעהויבן ריידן וועגן דעם שפּאָגל־נייעם אַפּיקורס. די שמועה איז דערגאַנגען צו דער אָרעמער באָבען, דער פאַרביטערטער עגונה. דער סקאַנדאַל איז געווען אַ האַרצרייסנדיקער. פאַר דער אומגליקלעכער באָבען איז עס געווען אַ בראָך, אַ שטראָף מן השמים. געענדיקט האָט זיך עס מיט קלעפּ און קללות. און דער יונגער אפּיקורס האָט אין צוויי וואָכן אַרום אויף אַלעמאָל פאַרלאָזט דער באָבעס הויז ווען זי איז געווען אויף אַ יאַריד. געווען איז ער דעמאָלט אַלט קרוב צו פופצן יאָר. טאַטע־מאַמע האָבן דעמאָלט געוואוינט אין אַ דאָרף, אַ הונדערט וויאָרסט ווייט. האָט ער געמאַכט די נסיעה צופוס און אויף גויישע פורלעך.

דער פאָטער האָט אים ניט געשטערט זיך פאַרנעמען מיט וועלט־לעכער בילדונג. ביים דאָרף־לערער האָט ער געקראָגן אַן אַריטמעטיק, אַ געאָגראַפיע, פאַרשיידענע כרעסטאָמאַטיעס. ניט ווייט פון דאָרף, אין זיין געבורט־שטעטל, האָט ער ביי אַ ווייטן קרוב, אַ שוחט, געקראָגן דעם מורה נבוכים, כוזרי, עקדה, חובות הלבבות, אברבנאלס פירוש אויף יחזקאל און דניאל. ביים רבס זון האָט ער געפונען אַלטע נומערן „המליץ" און „הצפירה".

ווען ער איז אַלט געווען זעכצן יאָר האָט זיך די קליינע משפחה איבערגעצויגן אין שטעטל. האָט ער דאָרטן אין דער ביבליאָטעק פון אַן אַלטן, אויסגעדינטן גענעראַל געפונען גאַנצע אוצרות. דאָס זיינען געווען די ווערק פון פושקין, לערמאָנטאָוו, ביעלינסקי, טשערני־שעווסקי, דאָבראָליובאָוו, פּיסאַרעוו, טורגעניעוו, טאָלסטאָי, דאָסטאָיעוו־

סקי„ ווי אויך די דעמאָלטיקע וויכטיקע זשורנאַלן: „וויעסטניק יעוו־ראָפּי“, „סאָווראַעמעניק“, „אָטעטשעסטוועניע זאַפּיסקי“, „רוסקאָיע באָ־גאַטסטוואָ“.

אין יענער צייט איז ער געוואָרן אַ פּריוואַטער לערער. ער האָט זיך פּאַרנומען מיט לערעריי אין פּאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך אין אוקראַינע ביז זיינע דרייסיקער יאָרן. אין יאָר 1893 איז ער מיט זיין פרוי און פיר קינדערלעך געקומען קיין אַמעריקע.

ערשטע איינפלוסן

ווען סמאָלענסקין איז געקומען קיין אַמעריקע איז ער שוין געווען אַ מענטש מיט אַן אויסגעפורעמטן וועלט־בליק. ער איז געווען אַ טיפּי־שער משכיל. זיין טעמפּעראַמענט איז, אָבער, געווען אַן אַגרעסיווער. יעדער אומגערעכטיקייט האָט אים געקענט שנעל אָנצינדן. ווי אַ משכיל האָט ער געוואוסט איין זאַך: געדאַנק און וואָרט זיינען די ערשטע טריט צו ראַטעווען די וועלט. אויפקלערן די פאַרפינצטערטע מאַסן — דאָס איז געווען דאָס געבאָט פון דער שעה. דאָס איז אויך געווען דער מאָראַלישער חוב פון יעדן אויפגעקלערטן. די אויפקלערונג, די דידאַקטיק, צונויפגעשמאָלצן מיט הויכער מאָראַלישער אַגרעסיוו־קייט — דאָס האָט געשאַפן אין אים: צאָרן. איז ניט קיין חידוש וואָס ער האָט אויפגענומען איינפלוסן, וואָס האָבן געשטימט מיט זיין גע־מיט.

דעם האַרציקן, סענטימענטאַלן, דעפּיטיסטישן נאַדסאָנען האָט ער ניט געקענט אויפנעמען. און נאַדסאָן האָט בשעתו באַאיינפלוסט די גאַנצע יוגנט. אויך סמאָלענסקין האָט אויך ניט געווירקט דער הויך־באַגאַבטער לירישער ראָמאַנטיקער מיכה יוסף לעבענזאָן. און מיכה יוסף לעבענזאָן האָט דאָך פּאַרמאָגט אויך יאוש־טענער. חוץ דעם — אין דער העברעאישער פּאָעזיע איז ער דאָך, בשעתו, געווען אַן אומדער־וואַרטע דערשיינונג, אַ ווירקנדיקער כוח.

אויף סמאָלענסקין האָבן שטאַרק געווירקט יהל״ס פּראָלעטאַרישע, אָנקלאָגנדיקע לידער. אויף אים האָט געווירקט יהודה לייב גאָרדאָנס קעמפעריש ליד. דאָ האָט סמאָלענסקין דערפילט זיינע אייגענע שטי־מונגען. ער איז געווען דורכגענומען מיט דעם אומקאָמפּראָמיסלעכן קאַמף קעגן אַלץ, וואָס איז געווען אָפּגעשטאַנען אין יידישן לעבן.

צעברעכן אַלע פֿאַרשימלטע צוימען — דאָס איז געווען זיין אידעאַל. צעברעכן זיי — און דורך אויפקלערונג עפֿענען די אויגן די פֿאַרשטוי־סענע און דערנידעריקטע. און דאָס האָט זיך געפּאָרט מיט יהל"לס פּראָלעטאַרישקייט. מער ווי אַלץ האָט אויף סמאָלענסקין געווירקט נעקראַסאָווס צאַרנדיקער צער און בייסיקע סאַטירע. דאָס איז, אייגנט־לעך, געלעגן אין סמאָלענסקינס טעמפּעראַמענט. צער און אָנקלאָג — מע זעט עס אין סמאָלענסקינס ערשטע לידער. צווישן זיי איז טאַקע דאָ אַ ליד „דער (דאָס) געוויין פֿון די קינדער". דאָס ליד איז טאַקע גע־שריבן נאָך נעקראַסאָווס ליד „פּלאַטש דעטעי" (דאָס געוויין פֿון קינ־דער). געדרוקט האָט זיך סמאָלענסקינס ליד אין לאָנדאָנער „אַרבייטער פֿריינד", דעם 25סטן מאַי, 1894. אויף וויפֿל עס לאָזט זיך פֿעסט־שטעלן, איז עס סמאָלענסקיס צווייט ליד. ס'איז כדאַי זיך אָפּשטעלן אויף דעם ליד.

אין 1894 האָט סמאָלענסקין שוין געהאַט געלעבט אַ יאָר צייט אין אַן ענגליש־ריידנדיק לאַנד, אין אַמעריקע. מן־הסתם האָט ער דעמאָלט נאָך ניט געקענט גענוג ענגליש. ער האָט זיכער ניט געוואוסט גענויע פּרטים וועגן נעקראַסאָווס „פּלאַטש דעטעי". וואָלט ער געוואוסט, וואָלט ער זיך געווענדט צום זעלביקן מקור, וואו נעקראַסאָוו האָט געפֿונען דעם מאָטיוו. נעקראַסאָוו האָט ניט אָנגעגעבן אין זיינע ווערק וועגן דעם לידס ענגלישן מקור. דאָס ליד האָט אָנגעשריבן די ענגלישע פּאָעטעסע עליזאַבעט באַרעט בראַונינג, די פֿרוי פֿון באַרימטן פּאָעט ראָבערט בראַונינג. ביי איר האָט דאָס ליד געהייסן „דהי קראַי אָוו דהי טשילד־רען" (דאָס געוויין פֿון די קינדער). דאָס ליד האָט זי אָנגעשריבן אין 1843. דאָס איז געווען אַן אָפּרוף און אַן אָנקלאָג. איר האָט צערודערט דער גרויל פֿון עקספּלואַטירטע קינדער אין די ענגלישע פֿאַבריקן און שאַכטעס. וועגן דער קינדער־עקספּלואַטאַציע אין די ענגלישע שאַכטעס האָט מען געוואוסט אין רוסלאַנד נאָך אין די פֿערציקער יאָרן. און נעקראַסאָוו איז געווען דערמיט באַקאַנט. דאָס האָט אָנגערירט אַ טיפֿע סטרונע ביי די רוסישע „באַראָדניקעס", די פֿאָלקיסטן. גריגאָראָוויטש האָט, אַגב, געשילדערט קינדער־אַרבעטער אין „די פֿישערס". נעקראַסאָוו האָט געהאַט אַ פּראָזאַאישע וואָרט־אין־וואָרט איבערזעצונג פֿון עליזאַ־בעט באַרעט בראַונינגס ענגליש ליד. ער האָט, אָבער, געקירצט איר ליד אויף אַ פֿערטל. פֿון אירע 160 שורות איז ביי אים געוואָרן 40 שורות. ער האָט אויך צוגעפּאַסט דאָס ליד צו דער ווירקלעכקייט אין אַ רוסישער פֿאַבריק.

געשריבן האָט ער דאָס ליד אין 1860. געדרוקט איז עס געווען אין „סאָווּרעמענני׳ק“ אין 1861. קנאַפּע צוואַנציק יאָר האָט גענומען ביז דאָס ענגלישע ליד איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ רוסיש ליד. העכער דרייסיק יאָר האָט גענומען ביז נעקראַסאָווס ליד האָט איבערגענומען עוזר סמאָלענסקין. מיר גיבן דאָס איבער ניט ווי אַ ליטעראַרישן קו־ריאָז. אין דעם ליגט עפּעס מער.

נעקראַסאָוו האָט פאַר זיין טויט צוגעגרייט אַ נייע אויסגאַבע פון זיינע לידער. האָט ער ביים ליד „פּלאַטש דעטעי“ (דאָס געוויין פון קינדער) צוגעגעבן אַ באַמערקונג וועגן דעם לידס ערשטן מקור. ער האָט אָבער אויך באַמערקט: דאָס ליד איז אין ענגלאַנד גוט באַקאַנט פונקט ווי טאָמאַס הודס „ליד וועגן העמד“. טאָמאַס הודס דערמאָנט ליד האָט באַווירקט כמעט אַלע פּראָלעטאַרישע פּאָעטן. אויך ניט־פּראָלעטאַרישע פּאָעטן. דער יידישער פּאָעט און קריטיקער ב. י. ביאַלאָסטאָצקי האָט ריכטיק אָנגעוויזן: דאָס ליד אין ווינטשעווסקיס איבערזעצונג האָט באַווירקט, למשל, י. ל. פּרצעס „דריי נייטאָרינס“ און „ביים פרעמדן חופּה־קלייד“. טאָמאַס הודס ליד האָט פרייליגראַט איבערגעזעצט אין דייטש. גלייך ביים דערשיינען, אין 1843, איז דאָס ליד געווען פּאָפּולער אין דייטשלאַנד פּונקט ווי אין ענגלאַנד. אַזוי איז אין דייטשלאַנד געווען באַוואוסט שטיקער פון עבענעזער עליאָטס „קאָרן לאָה ראַימס“ (לידער וועגן מאַאיס־געזעצן). און ניט נאָר עליאָטס, אויך לידער פון אַנדערע ענגלישע „טשאַרטיסטן“־פּאָעטן, וואָס האָבן, ווי אַלע „טשאַרטיסטן“, געפאָדערט סאָציאַלע רעפאָרמען דורך אַ טשאַר־טער, אַ פּאַרלאַמענטאַרישן אַקט.

דאָס זעלביקע איז געווען מיט בעראַנזשע. ער האָט ממש באַ־איינפלוסט די גאַנצע סאָציאַלע פּאָעזיע אין אַ סך לענדער.

דער ענין מיט עליזאַבעט באַרעט בראַונינגס ליד, אין די נע־קראַסאָוו און סמאָלענסקין־גלגולים, איז ניט קיין קוריאָז. דאָס איז איינער פון אומצייליקע ביישפּילן ווי אַזוי עס זעט אויס די פּאָעטישע מענטאַליטעט פון אַ באַטרעפנדיקער תקופה. און יעדע תקופה האָט זיך איר פּאָעטישע מענטאַליטעט.

אַ צווייטער באַוויז פון סמאָלענסקינס ערשטע נעקראַסאָוו־איינפלוסן איז זיין ליד „אַ מאָראַלישער מאַן“ („זונטאַגס פּאָלקסצייטונג“, דעם 17טן סעפּטעמבער, 1899). דאָס ליד איז געשריבן נאָך נעקראַסאָווס „בראַווּס־טוועני טשעלאָוועק“ (דער מאָראַלישער מענטש). דאָס זעלביקע ליד האָט

עוזר סמאָלענסקין אויסגעבעסערט אין 1931 און עס איז אַריין אין זיין בוך אונטערן נאָמען „אַ מאָראַלישער מענטש". דאָס ליד איז ניט קיין טרייע, נאָר אַ פרייע איבערזעצונג. סאָציאַלע פּאָעטן זיינען ניט געווען איינגאַנצן פאַראינטערעסירט צו באַרייכערן די קונסט דורך קינסטלערישע איבערזעצונגען. זיי איז געגאַנגען אין דעם שליחות, אין דעם אינהאַלט און מוסר־השכל, וואָס דאָס ליד האָט געטראָגן אין זיך.

נעקראַסאָוו האָט, למשל, צוגעפּאַסט עליזאַבעט באַרעט בראַונינגס איבערדערמאָנט ליד צו די רוסישע באַדינגונגען. אַזוי האָט אויך סמאָ־לענסקין צוגעפּאַסט זיין ליד „אַ מאָראַלישער מענטש" צו דער מענטאַלי־טעט פון זיין צייט און סביבה אין אַמעריקע.

נעקראַסאָווס „מאָראַלישער מענטש" באַשטייט פון פיר סטראָפעס. דער מאָראַלישער מענטש האָט געפּאַקט זיין ווייב מיטן געליבטן. איז ער אַנגעפאַלן אויפן הויז מיט פּאָליציי. דאָס ווייב איז פאַר גרויס חרפּה געשטאָרבן. „לעבנדיק בהסכם מיט דער שטרענגער מאָראַל, האָב איך קיינעם ניט געטאָן קיין שלעכטס אין לעבן".

אַ פריינד זיינער האָט אים ניט אָפּגעצאָלט אַ חוב צו דער צייט. האָט ער אים איינגעזעצט אין תפיסה, און דער פריינד איז דאָרטן געשטאָרבן. ער האָט אים, פאַרשטייט זיך, מוחל געווען דעם חוב גלייך אין יענער רגע. ער האָט אים באַערט מיט טרערן און מיט טרויער. „לעבנדיק בהסכם מיט דער שטרענגער מאָראַל, האָב איך קיינעם ניט געטאָן קיין שלעכטס אין לעבן".

אַ פויער זייגעם האָט ער באַשטימט צו זיין אַ קוכער. אַ גוטער קוכער געוואָרן — סאַראַ גליק. ער האָט, אָבער, ליב געהאַט צו לייע־נען ביכלעך און פירן וויכוחים. האָט דער מאָראַלישער מענטש אים „פּאַטערלעך" געשלאָגן. איז ער אַוועק, דער פויער, און האָט זיך דער־טרונקען.

אויך זיין טאָכטער איז פאַר דער צייט געשטאָרבן. זי האָט זיך פאַרליבט אין לערער און געוואָלט מיט אים אַנטלויפן. האָט ער זי איינגעצוימען, חתונה געמאַכט מיט אַן אַלטן גביר.

אויך יעדע פון די צוויי סטראָפעס ענדיקט זיך מיטן רעפרען „לעבנדיק בהסכם מיט דער שטרענגער מאָראַל, האָב איך קיינעם ניט געטאָן קיין שלעכטס אין לעבן".

ביי סמאָלענסקין זיינען פאַראַן זיבן סטראָפעס. די טעמאַטיק איז

על־פי רוב אַן אַנדערע. דער מאָראַלישער מענטש ביי אים איז „ניט קאָנסערוואַטיוו, נאָר אויך ניט ליבעראַל", „ניט קיין אַטעאיסט, נאָר ווייט פון היפּאָקריטן". דערפאַר נעמט ער אויס ביי אַלע גרעסטע לייט. „באַראָן־פאָן־געלט־זאַק" איז זייער פריינדלעך צו אים. און ער איז אַ מיטגליד אומעטום, אַפּט, אויך — פּרעזידענט. און די סטראָפע, ווי יעדע ווייטערדיקע, ענדיקט זיך מיט די ווערטער: „איך בין אַ בראַווער מאַן מיט פיינע איידעלע זיטן, און היט שטרענג תמיד אָפּ די לערן פון מאָראַל".

אָט האָט ער אָפּגעגט זיין ווייב. ער האָט בלויז אַ שטיקל חשד, זי האָט אים ניט ליב. זי איז גיך געשטאָרבן פון האַרצווייטיק. אויך זיין טאָכטער איז געשטאָרבן. ער האָט ניט געקענט פאַרטראָגן, וואָס זי האָט זיך פאַרליבט אין אַ דיכטער. געמוזט האָט די טאָכטער חתונה האָבן מיט אַ רייכן גביר. און אַזוי איז זי יונגערהייט אַוועק פון דער וועלט. דער זון זיינער איז געוואָרן אַן אַנאַרכיסט. האָט ער אים פון הויז פאַרטריבן. ט'האָט לאַנג ניט גענומען — דער זון איז פון הונגער אויסגעגאַנגען. אויך איז געשטאָרבן זיינער אַ בעל־חוב, וועמען ער האָט איינגעזעצט אין תפיסה. אויך יתומים און אלמנות האָט ער אומגליקלעך געמאַכט. ס'האָט פשוט געטראָפן, אַז ער, שוין אַ באַנקיר, האָט געמוזט, נעבעך, באַנקראָטירן. איצט האָט ער אַ פאַבריק. איז ער דאָך ניט שולדיק, וואָס די אַרבעטער האָט זיך פאַרגלוסט סטרייקן. ער האָט גערופן מיליטער, האָט זי באַנוצט געווער. אָבער ער: — „איך בין אַ בראַווער מאַן מיט פיינע, איידעלע זיטן, און היט שטרענג תמיד אָפּ די לערן פון מאָראַל".

אין אַמעריקע

קיין אַמעריקע איז עוזר סמאָלענסקין געקומען אין יאָר 1893. ער איז דעמאָלט אַלט געווען 30 יאָר, אַ מטופל מיט אַ פרוי און פיר קליי־נע קינדערלעך. אָנגעקומען איז ער אין פילאַדעלפיע, וואו ער האָט אָפּגעלעבט זיינע יאָרן. די נאָענטע קרובים האָבן אים געעצהט, ער זאָל אָנאָנסירן אין די צייטונגען מכוח אַ לערער־שטעל. סמאָלענסקין האָט אין „יודישע גאַזעטן" אַוועקגעשיקט אַ ליד און געבעטן האָנאָראַר אין פאָרם פון אַן אַנאָנס. ביידע זאַכן האָט מען אָפּגעדרוקט. דאָס ליד איז, מעגלעך, געווען זיין ערשטע געדרוקטע שאַפונג. דאָס ליד

איז אין די „יודישע גאַזעטן" דערשינען דעם 24סטן נאָוועמבער, 1893. אין דער מאָטאָ צום ליד שטייט „צו זינגען מיט דער מעלאָדיע פון לערמאַנטאָווס „ספּי מאַליוטקאַ" (שלאָף, פּיצעלע — נ. ב. מ.). עס דאַרף זיין „ספּי מלאַדיענעץ" (שלאָף יונגיטשקער — נ. ב. מ.). מיט אַט־די ווערטער הייבט זיך אָן לערמאָנטאָווס באַרימט וויגליד.

אַ וויגעלע ליד

פאַר די יידן אין אַמעריקע

(צו זינגען מיט די מעלאָדיע פון
לערמאָנטאָווס „ספּי מאַליוטקאַ")

שלאָף מיין קינד, מיין שיינער ענגעל,
איך זינג דיר אַ ליד;
דו ווערסט פון קיין גלות וויסן
כאָטש דו ביסט אַ ייד.

גאָט האָט דיר מיט דיין פאַמיליע
אין אַ לאַנד געבראַכט,
וואו עס זיינען אַלע פעלקער
גלייך און אייניק געמאַכט.

אומעטום אַלץ טאָן און וואוינען
מעג אָן אונטערשיד
יעדער מענטש, פון יעדער גלויבן,
קריסט און הייד און ייד.

אויך דיין אומגליקלעכער פאָטער,
פון מיין קאָפּ די קרוין
קען אין דיזע פרייע וועלט
אָטמען פרייער שוין.

אמת, ער איז נאָך אַ גרינער,
און נאָך שטום און טויב;
דאָך ניט אייביק וועלן זיך פּלאָגן
מיר, איך האָף און גלויב.

כ׳גלויב, אים וועט זיין קלוגער מוח
דינען טריי און גוט,
זאָל נאָר גאָט אים געבן כוח
און געדולד און מוט.

ער וועט קענען ענגליש ריידן
לעזן, שרייבן אויך,
און ער וועט מיט גאָטעס הילפע
שטייגן אין דער הויך.

אמת, יעצט גייט ער נאָך טרייען (פּרוּאוון),
זוכט אַן אַרבעטס־פּלאַץ...
אַך, זיי רואיק, הער אויף שרייען!
שלאָף מיין קינד, מיין שאַץ!

גאָט וועט אים מסתמא העלפן —
ער זעט אונזער נויט —
וועט אים צושיקן אַן אַרבעט,
וואָס וועט געבן ברויט.

דו מיין קינד וועסט פריי זיך וואַקסן
אין דער פרייער לאַנד,
און וועסט גיין מיט אַלע בירגער
רואיק האַנט אין האַנט.

אויב דו ביסט פון גאָט באַשאָנקען
מיט אַ גוטן קאָפּ,
דאַן דעם העכסטן גליק ערייכן
קענסטו „האָרי אָפּ“.

דאַרפסט דערצו זיך ניט אָנטזאָגן
פון דיין אַלטן שטאַם,
וועלכן ס'האָט ניט פאַרדאָרבן
יאַסער, דונער, פלאַם . . .

מעגסט אַ ייד זיין, לערנען יידיש;
ס'וועט ניט שאַדן דיר,
ווען דו וועסט דיין פאָלק זיין ניצלעך,
גליק פאַרשאַפן מיר.

שטיצן זאָלסט אויך דיינע ברידער
פון דער אַלטער וועלט,
וועלכע ליידן נויט און צרות,
ווייל זיי פרייהייט פעלט.

זאָלסט מיט אַלע גלייך זיך שטעלן
קעגן קאַפיטאַל,
וועלכער אַלע אַרבעטסלייטע
דריקט שטאַרק איבעראַל.

וועלכער באָדט אין זייער שווייס זיך
טרינקט אויס זייער בלוט
און זיי קענען זיך ניט ווערן,
ס'פעלט זיי נאָך דער מוט.

אין צייט ווען זייערע פרויען, קינדער
ליידן הונגער, קעלט,
זאָגט מען זיי דערפאַר צו גליק!
נאָר... אויף יענער וועלט!

גליק ווי גאָט וויל מענטשן זאָלן
טרינקען מענטשן־בלוט,
טויזנט זאָלן הונגערס שטאַרבן,
איינעם זאָל זיין גוט!

אויך פאַרגעס ניט, אַז דיין פאָטער,
האָט געליטן פיל,
דיך, מיין קינד, צו מאַכן גליקלעך,
ברענגען צו אַ ציל.

און די מוטער האָט פאַרגאָסן
טרערן אָן אַ שיעור
בעת זי האָט געוויגט דיין וויגל
און געוואַכט ביי דיר.

שלאָף־זשע, שלאָף, מיין קינד, מיין לעבן
מאַך די אייגעלעך צו!
דו וועסט, האָף איך, גליקלעך לעבן,
כאָטש אַ ייד ביסטו.

פאַר אָט־דעם ליד האָט ער געקראָגן אַן אַנאָנס אין דער צייטונג. אַדאַנק דער דאָזיקער מודעה האָט ער געקראָגן אַ לערער־שטעל אין אַ פּראָווינץ־שטאָט. לאַנג האָט אונדזער דיכטער זיך דאָרטן ניט גע־האַלטן. ער האָט ניט פאַרשטאַנען, אַז ער איז אַ מלמד אין אַ תלמוד־תורה. „די פאַרוואַלטונג, ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן" — שרייבט סמאָלענסקין אין זיין בוך־הקדמה — איז באַשטאַנען פון . . . „אַלע מיטגלידער פון דער קהילה — ליטוואַקעס, פּוילישע, רומע־נישע, גאַליציאַנער, אונגאַרישע און אוקראַיִנישע יידן, און יעדער „באַלעבאָס" האָט געוואָלט, איך זאָל לערנען מיט זיין קינד, ווי מען לערנט דאָרט, אין דער אַלטער היים". חוץ דעם האָבן זיי געפאָדערט, דער לערער זאָל פּרייטיק־צו־נאַכטס און שבת זיין אין שול און אַכטונג געבן, די תלמידים זאָלן דאַווענען.

אונדזער דיכטער האָט אין זאַך ניט געוואָלט באַנעמען, די טענה פון די באַלעבאַטים: מען קען ניט זיין אַ מלמד אין אַ רעליגיעזער שול און אין דער זעלביקער צייט אויסדריקן „שטענדיק, פריי און אָפן, מיט מויל און שריפט... אַנטי־רעליגיעזע און סאָציאַלע איינ־שויאונגען". איז ניט קיין וואונדער, וואָס אין די ערשטע פיר יאָר אין אַמעריקע איז סמאָלענסקין, ווי אַ לערער, דורכגעגאַנגען אַלע שבעה מדורי גיהנום. ער איז געווען עקשנותדיק נאַאיוו צו גלויבן,

ער וועט קענען געדייען איז דער פּראָפּעסיע פון אַ רעליגיעזן לערער. ער איז דערצו געווען שטרענג פּרינציפּיעל: ער האָט זיך ניט געקענט מאַסקירן ווי אַנדערע לערער.

אין 1897 איז עוזר סמאָלענסקין געוואָרן אַן אַרבעטער. ער האָט פיר יאָר געאַרבעט, „און שווער געאַרבעט, אין איינעם פון די גרעסטע הורטאָוונע אַפּטייק־געשעפטן אין פילאַדעלפיע. גאָר אַן אַנדער ליד האָט סמאָלענסקין דעמאָלט געזונגען. אין 1897 האָט זיך באַוויזן סמאָ־לענסקיס אַ צווייט וויגליד, אויך נאָך דער מעלאָדיע פון לערמאָנטאָווס וויגליד.

עס דאַרף אונדז ניט חידושן, וואָס אין די ערשטע יאָרן פון זיין שרייבן האָט ער געדרוקט צוויי וויגלידער. דאָס וויגליד לערמאָנטאָווס האָבן דעמאָלט געקענט זינגען אַלע פאָלקסמענטשן, וואָס האָבן געקענט אַ ביסל רוסיש, באַזונדערס — די פאָלקס־אינטעליגענטן. דאָס ליד, האָט, אָבער, אויך געהאַט הינטער זיך אַ טראַדיציע. זי האָט אויך געהאַט הינטער זיך אַ טראַדיציע ווי סאָציאַלע טעמאַטיק. מען האָט אָנגעהויבן איבער־פראַזירן דאָס ליד אין פאַרשיידענע טעמעס, באַ־זונדערס — אין סאָציאַלע טעמעס. לערמאָנטאָווס ליד איז געווען אַ „קאָזאַקיש וויגליד” — וועסט אויסוואַקסן, מיין קינד און ווערן אַ קאָ־זאַק, ווי דיין טאַטע; אַ העלד וועסטו זיין אין אויסזען און אַ קאָזאַק אין דער נשמה. דאָס ליד איז דערשינען אין 1840 אין „אָטעטשעס־טוועניע זאַפּיסקי”. דאָס ליד איז געוואָרן אַזוי באַרימט, אַז זעקס יאָר שפּעטער, אין 1846, איז אין „פּעטערבורגסקי סבאָרניק” דערשינען נעקראַסאָווס „וויגליד” — נאָכגעמאַכט לערמאָנטאָוון. נעקראַסאָווס ליד איז אַ ליד געצילט גאָר קעגן דער ביוראָקראַטיע. „דו וועסט זיין אַ טשינאָווניק נאָכן אויסזען און אַ פּאָדלעץ אין דער נשמה” — אַזוי כאַ־ראַקטעריזירט די מוטער איר קינד. ער וועט קענען חנפענען, בייגן דעם רוקן — דערווייל — שלאָף כל־זמן דו האָסט זיך נאָך ניט אויסגע־לערנט גנבענען.

דאָס ליד האָט אַרויסגערופן סקאַנדאַלן. עס זיינען אָוועק מסירות, וואָס זיינען דערגאַנגען צום בילדונג־מיניסטער אואוואַראָוון. עס האָבן אַריינגעכאַפּט אַ גאַב די, וואָס האָבן דורכגעלאָזן דאָס ליד. יאָרן נאָכ־אַנאַנד האָט מען ניט דערלויבט איבערדרוקן דאָס ליד, מיט איין אויס־נאַם, ווען דאָס ליד איז דערשינען נאָכאַמאָל אין 1851, אין „מאָסקווי־טיאַנין”. דער מאָסקווער צענזאָר האָט געקראָגן אַ שאַרפן אויסרייד פון

בילדונג־מיניסטער, ערשט אין 1868, 22 יאָר שפּעטער נאָכן ערשטן אָפּדרוק, איז עס ווידער דערשינען.

כמעט אַלע סאָציאַלע פּאָעטן האָבן געוואוסט וועגן נעקראַסאָווס איבער־פּראַזירן דאָס ליד אין אַ שאַרפער געזעלשאַפטלעכער סאַטירע. דאָס האָט זיי אונטערגעזאָגט צו שאַפן ווי גלידער אין סאָציאַלן נוסח. און אַזעלכע לידער זיינען דאָ ביי אַ סך סאָציאַלע פּאָעטן.

אויך אונדזער עוזר סמאָלענסקין האָט כלומרשט געשריבן זיינע וויגלידער נאָך לערמאָנטאָוון נאָך. אָבער דאָס איבער־פּראַזירן די טעמע — דאָס האָט ער גענומען ביי נעקראַסאָוון.

עוזר סמאָלענסקינס צווייט וויגליד איז דערשינען אין „אַרבייטער צייטונג", דעם 2טן מאַי, 1897. ווי דאָס ערשטע וויגליד, איז אויך דאָס איצטיקע ליד ניט אַריין אין סמאָלענסקינס לידער־בוך. דאָס ליד האָט ער אָנגעשריבן ווען ער האָט זיך געזעגנט מיט זיין לערערישער פּראָפעסיע און געמוזט ווערן אַן אַרבעטער.

אין דעם ליד זינגט סמאָלענסקין גאָר אַנדערש וועגן אַמעריקע. די מוטער וויגט דאָס קינד, וואָס ציטערט ווי אין פיבער — ניטאָ „קיין געלט אויף האָלץ און קוילן". דער טאַטע איז געוואָרן אַן אַפּי־קורוס, — דערפאַר האָט זיך גאָטס צאָרן אויסגעגאָסן אויף אים. דער טאַטע האָט „געלערנט גאָטס תורה לאַנגע, לאַנגע יאָר. זי קען דאָ אונדז געלט פאַרשאַפן, כיבוד אויך דערצו". די „מחנות פרומע יידן", וואָס קומען אַן יעדן טאָג „מאַכן אַ לעבן גאָר נשקשה, שפּאָרן געלט דערצו". „איינער ווערט אַ גרענד־ראַבינער—הכשרס שרייבט אַן אַ צאָל, און אַ צווייטער קוילעט הינער, זינגט זיך אַלעמאָל, ער איז שוחט און בעל־תפילה, מוהל אויך דערצו". איינער ווערט אַ שמש, „טראָגט אַ הויכן הוט", יענער „דרשנט, פּריידיקט, רעדט טיף דייטש דערצו". סמאָ־לענסקין צילט זיינע סאַטירישע פיילן אויף די אַלע „גבאים, מלמדים". און די מאַמע פאַרוויגט איר קינד און דערציילט אים וואָס פאַר אַ שלימזל עס איז דער טאַטע: ער קען גוט לערנען, אָבער ער האָט די כלי־קודש און „רעדט, דומע, פּוסטע ווערטער..." :

איך וועל מיינע אידעאַלן
די פּרינציפּן מיין,
ניט פאַרבייטן אויף מעטאַלן,
אויף קיין גלאַנץ און שיין.

כאָטש פֿאַראָרעמט מער נאָך װערן
מער פֿאַרנאַרט דערצו
װעל איך נאָר מײַן גאָט פֿאַרערן.
אַי־ליו־ליו־ליו־ליו.

און מײַן גאָט, מײַן אידעאַל איז —
אַלץ װאָס רעכט און װאַר,
און גערן אָפּפֿערן אַלעס
אויף מײַן גאָטס אַלטאַר.
און בײַ די כלי־קודש האָרטן
גײען אימער צו
לומפּערײען אַלע סאָרטן
אַי־ליו־ליו־ליו־ליו.

די מאַמע דערציילט דעם קינד, זי „ווייס ניט וואָס פּרינציפּן הייסן, וואָס איז אידעאַל". זי ווייס נאָר — די קעשענע איז אַ פּוסטע. דערפאַר טרייבט מען זי פון דער דירה, ס'איז ניטאָ מיט וואָס צו הייצן, און ניטאָ קיין פּרוטה צו קויפן ברויט און מילך. און וואו צו באָרגן איז אויך ניטאָ.

אַזוי לאָזט אונדז וויסן סמאָלענסקין וועגן זיין טרויעריקן מצב ווען ער האָט געמוזט ווערן אַן אמתער פּראָלעטאַריער.

מזמור לתורה

ווי יעדער עקסטרעמער משכיל־ראַדיקאַל, איז עוזר סמאָלענסקין געוועזן קעגן אַלע כוחות, וואָס פאַרהאַלטן דעם מענטשלעכן פּראָגרעס. נאָכן באַגריף פון אַלע עקסטרעמע ראַדיקאַלן בשעתם האָט אויך סמאָלענסקין געזען דריי עיקר־שונאים, וואָס זיינען שולדיק אין אַלע געזעלשאַפטלעכע אומגליקן: „גאָלד־זאַק און קירך און רעגירונג". זיין פאַרביטערט האַרץ האָט ער אויסגעגאָסן אויף זיי. דער עפעקטיוועסטער מיטל איז געוועזן — סאַטירע. די ביטערקייט, דער צאָרן — זיי האָט גענערט דאָס מאָוימדיקע אימיגראַנטישע לעבן.

דער אימיגראַנט האָט שנעל פיינט געקראָגן דאָס לאַנד פון זיין טרוים. דער גרויסשטאָטישער טומל און האָרמידער האָט אויך באַ־

ווירקט דעם אימיגראַנטס אינערלעך לעבן. די פרעמדע זיטן, דאָס בי־טערע עקאָנאָמישע לעבן — פאַרן אימיגראַנט האָבן זיי אויסגעזען כאַאָ־טיש, אומגערעכט און ברוטאַל. אַ סך אימיגראַנטן האָבן זיך געפילט ווי אָפּגענאַרט. זיי האָבן טאַקע ניט פאַרגעסן די עקאָנאָמישע צרות אין זייער געבוירנאָרט. זיי האָבן ניט פאַרגעסן די פּאָגראָמען, פאַרפאָל־גונגען און אונטערדריקונגען. דאָך האָבן זיי געבענקט נאָך דעם פריער־דיקן לעבן אין זייער אייראָפּעאישער היים. עוזר סמאָלענסקין האָט באַטראַכט זיין פריערדיקע היים פאַר אַ גן־עדן. בלויז אַ בייזער גע־וויטער האָט דאָרטן צעשטערט זיין לעבן. אין זיין ליד „וואָס טוט מען?" („פרייע אַרבעטער שטימע", דעם 23סטן מאַי, 1902) שרייבט דער דיכטער וועגן זיך און זיין היים אין אייראָפּע:

און איך האָב געטראַכט שוין,
אַז איך בין אַ מאַכט שוין —
געוואַגט שוין פון פרייהייט צו רייקדן...
קומט אָן אַ געוויטער,
צעשטערט מיינע גיטער,
און וואַרפט מיך אַרויס פון גן־עדן...

פאַרוואָגלט, פאַרטריבן
פון פאָטערלאַנד ליבן
צוזאַמען מיט ווייב און מיט קינדער.
בין איך אין דער מדינה
פון צאָללאָזע גרינע
אַוועק זוכן רוע געשווינדער.

און געטראַכט האָט ער וועגן אַמעריקע:

אָט דאָרט וועל איך לעבן,
און האָפן און שטרעבן,
מיט אַלע מיינע לאַנדסלייט צוזאַמען:
דאָס לאַנד איז אַ נייע,
געזעצן דאָרט פרייע
פאַר אַלע נאַציאָנען און שטאַמען.

אָבער אויסגעלאָזט האָט זיך, אַז דער אַמאָליקער אימיגראַנט האָט זיך יאָרן און יאָרן „געפּילט ווי אַ גר”. נאָך ערגער — ער האָט זיך ניט געקענט צופּאַסן צום נייעם לעבן. ער האָט געפילט אין זיך שטענ־דיק „אַ פּונק פון אידייען, צעפלאַקערנד זיך אָפּטמאָל אין פלאַמען”. „וואוהין נאָר איך קער זיך — מיין נשמה איז אַלץ נאָך אַ גרינע...” און דער אימיגראַנט קלאָגט און וויינט, וואָס „דאָ קען מען ניט זייען — צו טרוקן, צו האַרט איז דער באָדן”. אַלץ, וואָס ער האָט געזען אין אַמעריקע, איז געווען אין זיינע אויגן — באַרבאַריש, רויבעריש און מערדעריש:

די יוגנט דערציִען?
(איך זע זי דאָ בליִען
מיט פוילע, פאַרשטונקענע בליטן —
זי ציט אין זיך לייחות,
פון גיפטיקע כוחות —
באַרבאַרישע לערן און זיטן).

און אַלץ ברענגט מען דאָ ווי אַ קרבן „אויף מאַרסעס און מאַמאָנס מזבחות”.

אין זיין ביטערער סאַטירע לאַכט ער אויס אַמעריקע. אין זיין ליד „לבני קורח מזמור” (אַפּריל, 1898) שילדערט דער דיכטער דעם פּראָ־טעסט פון די רייכע צו גאָט קעגן מאָריס ראָזענפעלדס „תפילה לעני”. זייער בקשה איז: „רייס אויס זיי די צונגען, אָט זיי, די קבצנים, די אַרבעטער יונגען”. מיר — טענהן די גבירים פאַרמאָגן דאָך אַלץ. „ווען מיר וואָלטן זיי, אָט די שנאָרערס, קבצנים אויס מיטלייד, רחמנות, קיין אַרבעט געגעבן... וואָלטן זיכער זיי אַלע געהונגערט, געשמאַכט”. און זייער דאַנק איז גאָר: זיי האַסן אונדז:

אָט קומט אַ פּאָעטל, נאָר הויט און נאָר ביינער,
און תפילהט אין נאָמען פון אַלע דלפנים,
אַז... דו זאָלסט אונדז אָפּמעקן פון דער ערדס פּנים.

פאַרוואָס קומט עס אונדז? „מיר גיבן זיי יעדע פיר יאָר פּרעז־זידענטן... און רעפּרעזענטאַנטן און סענאַטאָרן”. מיר בויען דאָך קאַ־

זעמאַטן פאַר די פאַרברעכער, „אונדז קאָסטן מיליאַרדן מיליץ, פּאָלי־ציאַנטן, די אַרמייען און די פלאָטע מיט די קאָמענדאַנטן, צו שיצן פון פיינט זיי אין געפערלעכע שטעלן, און האַלטן אין אָרדענונג די היצקעפּ, רעבעלן...”

די סאַטירישע קריטיק גייט דאָ אויף דעם שטאַט, אויף די פּאָלי־טיקענער, וואָס האַלטן די גאָלדזעק, אויף די גייסטלעכע, וואָס פאַר־טיידיקן די זעלביקע גאָלדזעק:

אין דער עיקר... יאָ! זאָרגן מיר פאַר זייער נשמה,
זי זאָל, ריין און געלייטערט, פאַר דיר זיין אַ נתמה:
מיר בויען פאַר זיי סינאַגאָגן און שולן...

— — — — — — — — — — — — — — —

און יעדער איז פריי אַהין קומען דיך בעטן,
דו זאָלסט דיין נשמה, די זינדיקע, רעטן,
פון שטראָפן פאַרדינטע אויפן עולם, אוי, יענעם:
פון חבוט־הקבר, פון גלגול, פון גיהנום.
מיר צאָלן די גייסטלעכע גרויסע געהאַלטן,
זיי זאָלן אָפט דרשות און פריידיקטן האַלטן
און לערנען דעם עולם דאָס הייליקע גלויבן
און אַלץ, וואָס פאַרבאָרגן, וואָס אונטן און אויבן...
מיר דרוקן פאַר זייערטוועגן הייליקע ספרים,
וואָס זיי האָבן די סגולה צו טייטן דעם וואָרעם
פון צווייפל אין גאָט, אין דעם כוח הכוחות

— — — — — — — — — — — — — — —

און... דאָך טוען תפילה די היגט, עזי־פּנים,
אַז דו זאָלסט אונדז אָפּמעקן פון דער ערדס פּנים.
ניין... העד בעסער אונדז, גאָט! רייס אויס זיי די צונגען,
אָט זיי, די קבצנים, די אַרבעטער־יונגען.

סמאָלענסקין, ווי אַ געטרייער, אַמאָליקער אַנאַרכיסט, נוצט די שאַרפסטע כלי־זין קעגן די דריי „שונאים פון דער מענטשהייט” — קאַפּיטאַל, שטאַט און אָרגאַניזירטע רעליגיע.

סמאָלענסקין לאַכט אויס די אַמעריקאַנער „וואַלן”, אין אַ ליד, וואָס הייסט טאַקע „די וואַלן” („פרייע אַרבעטער שטימע”, דעם 10טן

באָוועמבער, 1899). ער דעקט־אויף די גאַנצע קאָרופּציע ביי די אַמאַ־ליקע וואַלן. און דאָס פאָלק אין טאָג פון וואַלן —

עס האָט די בייטש אַרויסגעריסן
ביים אַלטן שמייסער פון דער האַנט,
און אָפּגעגעבן זי מיט חשק
צום ניי־דערוויילטן — אָן פאַרשטאַנד.

עס האָט פון לייב אַראָפּגעריסן
די אַלטע פּיאַווקעס, פול מיט בלוט,
און צוגעטשעפּעט נייע, פרישע —
אָן פּיאַווקעס פילט עס זיך ניט גוט.

אַ תל־תל מאַכט סמאָלענסקין אויך פון דעם שיינעם, איינגאַרטיקן אַמעריקאַנער יום־טוב „טהענקסגיווינג דעי", דעם דאַנק־זאָגן טאָג, איינגעפירט פון די ערשטע פּילגרימען, וואָס האָבן זיך דערשלאָגן צום אַמעריקאַנער ברעג. דאָס טוט סמאָלענסקין אין זיין ליד „מזמור לתורה", געדרוקט אין דער „פרייע אַרבעטער שטימע", דעם 8טן דע־צעמבער, 1899.

אין דעם ליד דאַנקט דער דיכטער דעם איבערשטן פאַר זיינע גרויסע חסדים. אים פעלט אויס „אויף ברויט און בגדים"; ערליידט פון היץ און קעלט; און קראַנקייטן צעשטערן אים דאָס לעבן. ער דאַנקט, וואָס מ'פאַרזאָרגט אים מיט כלי־קודש, מיט רייכע, וואָס רויבן זיין פרייהייט, —

נעם אָן־זשע, אָ גאָט, מיינע האַרצלעכע דאַנקען
פאַר דיזע אומשעצבאַרע, גרויסע גענאָדן!
און... איך זאָל נאָך מער און נאָך מערער דיר דאַנקען
און לויבן דיין נאָמען, אַלמעכטיקער אָדון!

הער אויס און פאַרנעם אויך מיין האַרצלעכע תפילה:
אויפן אָרט פון גנידישע ליבשאַפט און טריקהייט,
אויפן אָרט פון די געטלעכע דהשות אפילו —
גיב מוט און קוראַזש מיר צו קעמפן פאַר פרייהייט!

האָסן די גאַנצע אומגערעכטע אָרדענונג, האָסן די וואָס האַלטן־אויף אַזאַ אָרדענונג — דאָס איז געווען דאָס צאַרנדיקסטע געפֿיל אין די הערצער פֿון עקסטרעמע ראַדיקאַלן. און ניט בלויז פֿון עקס־טרעמע ראַדיקאַלן. ביי אַלע אַמאָליקע אימיגראַנטן האָט געלעבט די בענקשאַפֿט נאָכן פֿריערדיקן לעבן אין אייראָפּע. און דאָס האָט ניט גע־שטימט מיט דער ברוטאַלער ווירקלעכקייט. איז די טענדענץ געווען — באַשולדיקן אין אַלץ אַמעריקע. די אידעאַלע אַמעריקע, דאָס לאַנד פֿון הויכע גייסטיקע אַספּיראַציעס — דאָס האָט מען ניט געזען. און אויב מ׳האָט אַמאָל דערזען אַ ליכטיקן אויפֿבליץ, איז עס געווען ווי אַ ליכ־טיקער אויפֿשטראַל, אויף אַ רגע, אין דער ממשלה פֿון פֿינצטערניש. אָבער די ממשלה פֿון פֿינצטערניש פֿון צביעות, גניבה און גזילה — דאָס און בלויז דאָס איז אַמעריקע. אַזוי האָט אויסגעזען אַמעריקע אין די אויגן פֿון די אומגליקלעכע אימיגראַנטן. נאָך מער — אין די אויגן פֿון די עקסטרעמע ראַדיקאַלן. אָט די טעמע האָט מען פֿאַנאַנדערגע־שפּילט אויף פֿאַרשיידענע אופֿנים.

ווען מ׳וועט אַמאָל וועלן באַהאַנדלען, אויף אַ ברייטער קאַנווע, דאָס ייִדיש־אימיגראַנטישע געמיט אין לעצטן יאָרהונדערט, וועט מען געפֿינען אַ סך מאַטעריאַלן אין דער ייִדישער דערציילונג, און נאָך מער — אין ייִדישן ליד.

חוץ אין די אויבנדערמאָנטע לידער האָט עוזר סמאָלענסקין פֿאַר־צייכנט די דאָזיקע שטימונגען, קעגן דער קאַפּיטאַליסטישער אַמעריקע, אין זיינע לידער: „דאַנק־זשע גאָט״ (1906), „אַ חלום״ (1908), „בעיז־באָל״ (1924), „אונדזער פּלאַטע״ (1930).

אַ פּ י ק ו ר ס י ם

כמעט אַלע סאָציאַלע פּאָעטן זיינען געווען רעאַליסטן. דער רעוואָלוציאָנערער ראָמאַנטיזם האָט אויפֿגעוואַכט אין זיי בעת זיי האָבן געשילדערט זייער טרוים: די צוקונפֿטיקע גליקלעכע געזעלשאַפֿט, באַשטראַלט מיט יושר און גערעכטיקייט. וועגן דעם הייסט, אָבער, האָבן זיי געטראַכט אין טערמינען פֿון קעמפֿער און מאַטעריאַליסטן. עוואָלו־ציע — דאָס איז געווען אין הינטערגרונט ביי אַ סך פּאָעטן. אמת, — ניט אַלע האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט בפֿירושע אַפּיקורסות. על־פּי־רוב איז אַפּיקורסות אויפֿגעקומען ביי יענע פּאָעטן, וואָס האָבן געשטאַמט

פון ישיבות. זיי זיינען דאָס געווען די גרעסטע „בעזבאָזשניקעס” (גאָטלאָזע). אין גרונט האָט זיי די טעמע „גאָט” זייער שטאַרק באַ־שעפטיקט, ניט ווייניקער ווי די אמתע פרומע. דער אונטערשייד איז געלעגן אין דעם, וואָס איין צד, דער פרומער, האָט ניט געצווייפלט אין גאָטס עקסיסטענץ, און דער צווייטער האָט דאָס געלייקנט. אָבער ביידע האָבן געהאַט אַ בשותפותדיקע טעמע. די דאָזיקע טעמע איז ביי ביידן געווען אַן עיקר־מחשבה,וואָס האָט זיי אינגאַנצן באַוועלטיקט.

צווישן די שאַרפע פאָעטן־אַפּיקורסים האָט זיך אויסגעצייכנט עוזר סמאָלענסקין. פּונקט ווי די קאַפּיטאַליסטישע אַמעריקע איז געווען די ציל־ברעט פאַר זיינע שאַרפע פיילן, אַזוי איז עס אויך געווען די אַמע־ריקאַנער „פרומע” ייִדישקייט. ער האָט אויף דער דאָזיקער טעמע אָנ־געשריבן אַ היפּשע צאָל לידער. ער האָט די אַמעריקאַנער „פרומע” ייִדישקייט באַטראַכט ווי אַ שטיק פּינצטערניש. אין זיינע אויגן איז זי געווען פאַרפירעריש, סאָציאַל־צוריקגעשטאַנען און רעאַקציאָנער.

אין זיין ליד „יום־כיפור” דערציילט אונדז דער פּאָעט ווי זיין „הייס־געליבטע”, „טרייע” מוזע קומט צו אים צושוועבן: „אין איין האַנט די פרייהייטס־פאָן, אין דער צווייטער אַ מתנה פאַר מיין גייסט — מיין אַלטע לירע...” צו זינגען שירה. זיינען זיי אַוועק אין דער ייִדישער געגנט „עפּעס אַלעס איז דאָ שטום”. ער וואונדערט זיך:

וואו זשע זיינען יענע מאַסן,
וואָס זיי פילן אָן די גאַסן,
וועמעס קולות רעשן, רוישן,
ווי די כוואַליעס פון דעם גרויסן
פונעם טיפן אָקעאַן?
איז דאָ קיינער היינט פאַראַן?

פלוצעם דערזעט ער אַ געשטאַלט „הויט און ביין”. זאָגט אים די פיגור:

היינט... היינט איז דאָך... יום כפּורים...
יעדער ייִד מוז היינט יסורים
זיין פאַרגרעבטן גוף פאַרשאַפן
כדי מלאכים זיך באַשאַפן,
זיי זאָלן מליצים זיין פאַר אים
דאָרט, פאַר כסא אלקים.

און דאָס געשטאַלט באַקלאָגט זיך:

עס האָט אויך געוואָלט תשובה טאָן אויף די אייגענע זינד. האָט עס אָבער דעם בילעט פאַרלאָרן.

„און אָן בילעטן — זאָגט נאָך ווער איבערטרעטן די שוועל פון שול, פון גאָטעס הויז, — וואַרפט אים פּאָליציי אַרויס...” און דער דיכטער, אַ דערשראָקענער, געזעגנט זיך מיט דער מוזע.

וואָס־זשע טויג מיר איצט די לירע?
ווער וועט הערן היינט מיין שירה?
וועמען גייט איצט פרייהייט אָפּ?

אויך אין סמאָלענסקיס ליד „הקפות” (1925) לאַכט ער אָפּ פון אַמעריקאַנער פרומקייט על־פּי נוסח „יענקי־דודל”. דער שול־פּרעזידענט פּליסטערט דעם שמש אין אויער אַריין וועמען אויפצורופן צו הקפות. רופט אויס דער שמש „אַ שניידער־באָס (אַמאָל אַ גרויסער עני)”. קען דאָס ניט פאַרטראָגן דעם פּרעזידענטס אַ קאָנקורענט „פון לאַנג שוין זיינס אַ שונא”:

אַ חוצפּה פון אַ גראָבן יונג,
אַ בור, אַן עם הארץ!
אים חלומט זיך: אַ פּרעזידענט
איז דאָ אַ גאַנצער פּריץ. —

און בעת די „אלופים האָבן זיך געדרייט אַרום דער בימה”, האָט געטראָפן אַן אומגליק:

„האָב פלוצים איך אַ רעש דערהערט:
„אַ קלאָג! אַ בראָך! אַ ספר...
אַ ספר, אוי! ליגט אויף דער ערד . . .”

אין שול איז געוואָרן אַן איבערקערעניש. צווישן די געשרייען און געוואַלדן, האָט מען אָנגעוויזן אויף דעם שולדיקן — „ס׳האָט ער געמאַכט, אַז דיזער דאָ זאָל פאַלן מיט דער תורה!” — און אַלע האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אויפן זינדיקן. ווען ס׳האָט זיך געגאָסן בלוט

פון דעם חוטא, זיינען אָנגעקומען „אַן אַמבולאַנס און פּאָליציי־פּאַטראָלן“. דעם חוטא האָט מען אַוועקגעפירט אין שפּיטאָל, דעם פּרעזידענט מיט אַלע „התורנים“ — אין פּאָליציי.

די דאָזיקע סאַטיריש־אַפּיקורסישע לידער האָט סמאָלענסקין געשריבן נאָך אין די 90ער יאָרן. דאָס שאַרפסטע ליד פון דעם מין איז — „רבי מאיר בעל־נס אין חרם“. דאָס ליד איז געווען געדרוקט אין „אבענד־בלאַט“, דעם 6טן יאַנואַר, 1897. אין זיין בוך „געקליבענע לידער“ (1933) איז דאָס ליד פאַרגרעסערט — פון 80 שורות אויף 178 שורות. דער תוך־איה‎הַאַלט פון ליד איז דער זעלביקער. דער הייליקער רבי מאיר בעל־נס האָט פאַרלאָזן זיין קבר, כדי פאַרשטעלטערהייט דורכפירן אַ שטילע נסיעה. „ניט לאַנג האָט דערשפּירט ער — ס׳ווערן עוולות באַגאַנגען מיט די פאָנדן, וואָס טראָגן זיין נאָמען און זיגל“. „האָט תיכף ביי גאָט אַ פולמאַכט געקראָגן, און ער איז אַוועק איבער דער וועלט באַזוכן די צעוואָרפענע גלות־קיבוצים פונעם אייביק־פאַרוואָגלטן יידישן פאָלק, און וואָרענען די ווייבער... ניט לאָזן די פּושקעס אויף פרעמדער השגחה... נאָר זעלבסט זיי באַוואַכן און שטרענג קאָנטראָלירן די זאַמל־משולחים, און אָפּט רעווידירן די בוכהאַלטונג־סיסטעמע מיט שכל און טאָלק“.

ווען דער צדיק איז געקומען קיין ניו־יאָרק האָט ער תיכף איינגעאָרדנט אַ „מאָנסטער־אַסיפה“ אין דעם גרעסטן וועלט־זאַל, אין מעדיסאָן סקווער־גאַרדען. ער דערציילט דער גרויסער אַסיפה ווייבער, וואָס פאַראַ שווער־פאַרהאָרעוועטע געלטער זיי וואַרפן אַריין אין די פּושקעס, ווי עס ליידן די הייליקע, „וואָס תפלהן טאָג־טעגלעך פאַר אייך דאָרט, ביים כותל מערבי“, „ווי זיי קריגן (ניט) קיין הילף, און שמאַכטן אין דחקות, און שטאַרבן פון הונגער“. זיי קריגן דאָס, וואָס קומט זיי, ווי אַ נדבה, „דאַן גיט מען זיי... חתמנען עפעס פאַפירן“. און ווען ר׳ מאיר בעל־נס וויל דערציילן די נשים צדקניות „וואו איז דאָס געלט“, „דאָס... געלט... נעמען צו... די...“ און דאָ בלייבט דער צדיק שטיין, ווערט אָפּהענטיק, „ווי זיין שטימע וואָלט פּלוצלונג פאַרשטומען“. און נאָכדעם קומט די באַשרייבונג:

אַ מנין רבנים, מיט בערד און מיט פאות,
און לאַנגע ארבע־כנפתן, שניי־ווייסע זאָקן,
אין זיידענע זשופּיצעס, סויבלנע שטריימלעך,
אין טלית און קיטלען, אָט ווי צו כל־נדרי,

מיט ברענענדע ליכט און מיט בלאָזנדע שופרות, —
איז ווי פון דער ערד דאָרטן פּלוצלונג דערשינען
און, פאַרגלאָצנד מיט הבקות די אויגן צום הימל,
באַפוילן די ווייבער באַלערנד און שטרענג:
„גייט, נשים צדקניות, תיכף אַהיים!
די הענט ניט פאַרגעסט נאָר צו דריי מאָל צוואַשן...
און טויטנס פיר איילן טאָר קיינער ניט שטיין: —
מיר... וואַרפן אים... די רגע... אין חרם אַריין!!!"

די נשים צדקניות האָבן זיך קוים מיטן לעבן געראַטעוועט פון דעם געלאַף, פון דעם „אומגעלומפּערט־גיגאַנטישן קנויל". און דער צדיק ר' מאיר בעל־נס איז צוריק אַוועק אין זיין רו.

אַט־די מאָטיוון זיינען געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר די ראַדיקאַלע־אַפּיקורסים, וואָס האָבן זיך בשעתּם אויסגעצייכנט מיט די באַרימטע „יום־כיפּור־בעלער".

כדי צו זיין גערעכט צו סמאָלענסקין, מוז מען אויך דערמאָנען זיינע אַנדערע לידער, וואו ער שילדערט יידישן לעבנסשטייגער אויף אַ נייטראַלן אופן, אָן דעם אַפּיקורסישן אויסטייטש — ווי אַ מין נאָסטאַלגיע נאָך פאַרגאַנגענע צייטן. אַזעלכע לידער זיינען: „ביים סדר" און „חנוכה".

עס וואָלט געווען ניט ריכטיק זיך פאָרצושטעלן די אַמאָליקע ראַדיקאַל־אַפּיקורסים ווי בכיוונדיקע צו־להכעיסניקעס. פאַרקערט, — זיי האָבן קיין שום הנאה ניט געהאַט פון זייער אַפּיקורסות. אַ סך ראַדיקאַלן האָט דער גאַנצער ענין ניט אינטערעסירט. ביי אַנדערע איז עס, אָבער, געווען אַ פראַגע פון לעבן און טויט. זיי זיינען געווען ביז גאָר אויפגערעגטע אַפּיקורסים. זייער קאַמף קעגן רעליגיעזער „פאַרשקלאַפונג" האָט זיי ממש געקאָסט געזונט. פול מיט צאָרן און צער איז געווען זייער קאַמף קעגן די „אונטערדריקער, פאַרשקלאַפער און ברוטאַלע אונטער־יאָכער". דעם שטאַט און די אָרגאַניזירטע רעליגיע האָבן זיי דאָך באַטראַכט פאַר די זיילן, וואָס אויף זיי האָט דער אונטערדריקער — דער קאַפּיטאַל, — זיך געשטיצט. זיי האָבן זיי באַטראַכט אויך ווי אַקטיווע מיטשולדיקע אין דעם בלוטיקן שפּיל. איז די, וואָס האָבן אויך אין קינדהייט געליטן פון צופיל פרומקייט, — זיי האָבן עס רעוואָלטירט אין די עלטערע יאָרן. אין איין קנויל האָבן זיך דאָ צונויפ־

געמישט יחידישע איבערלעבונגען און סאָציאַלע פּסיכאָלאָגיע. די שאַרפסטע אַפּיקורסים זיינען טאַקע געווען יענע, וואָס זיינען געקומען פון די ישיבות און וואָס זיינען געווען דורכגעווייקט מיט לומדות. זיי זיינען דאָס געווען די גרעסטע „בעזבאַזשניקעס". צו די דאָזיקע ראַדיקאַלע לומדים־אַפּיקורסים האָט געהערט עוזר סמאָלענסקין.

ואתם אומרים שירה

זיין ליד „איך זינג ניט קיין שירה" האָט עוזר סמאָלענסקין אָפּגעדרוקט אין דער „פרייער אַרבייטער שטימע", דעם 5טן אָקטאָבער, 1900. אָנגעשריבן האָט ער דאָס ליד אין מאַי אין דעם זעלביקן יאָר. די מאָטאָ צום ליד האָט ער גענומען פון מדרש שמות רבה. דאָס איז אַן אגדה אין סנהדרין לט: ע"ב — „מעשי ידי טובעים בים, ואתם אומרים שירה?" (מיינע באַשעפענישן טרינקען זיך אין ים, און איר זינגט שירה?).

דעם דיכטערס מוזע דערשיינט, ברענגט אים די לירע און רעדט אים צו, ער זאָל אויפהערן טרויערן און גיין זען ווי די נאַטור האָט דערוואַכט און — „גיס עס דאַן אויס אין אַ ליד". דער דיכטער פאַרלאָזט „אונדזער בבל", „וואו אַלעס: מיין געסל, מיין שכן, מיין דירה, זעט אויס אַזוי וואָכעדיק, פּראָסט". אויף דער שויס פון דער נאַטור זעט ער באַצויבערנדיקע בילדער. „און זינגען אַ שירה, אין האַנט מיט דער לירע, צום פרילינג בין איך שוין באַרייט". נאָר פּלוצעם דערהערט ער „געשרייען פון שרעקלעכע וויען, פון לעצטן, פון טויטלעכן שמערץ": אַ סאָווע האָט געכאַפּט אַ שוועלבל ביים האַלדז. די גרויזאַמע סצענע דערמאָנט אים אין „מחנות וואַמפּירן, וואָס מאַכט אין זיך שפּירן, און פינצטערניש איז פאַר זיי גוט, באַפאַלן די שוואַכע, ניט פירכטנד קיין ראַכע, און זויגן מיט דורשט זייער בלוט".

„די נאַטור האָט דערוואַכט פון איר דרימל: עס שטורעמט . . . עס דונערט... עס בליצט..." די פינצטערע בילדער פאַרשווינדן, „דאָך בלייבן אין האַרצן די פיינלעכע וואונדן: דער טרויער, טיף, טיף, דאָרטן זיצט".

> און טרויעריק שטייג איך אַראָפּ אין הער בידער,
> מיט מיקקייט שווערער פון בליי אין די גלידער,
> און גיי — ביין, איך שלעפּ זיך — צוריק.

צוריק אין מיין געסל, צוריק אין מיין דירה,
וואו זינגען זינג אָפט איך, נאָר קיינמאָל קיין שירה
פון פרילינג, פון פריידן, פון גליק.

די דאָזיקע טעמע האָט שוין געמאַטערט סמאָלענסקין בעת ער האָט געשריבן זיינע ערשטע לידער. אין 1897 האָט ער פאַרלאָזן זיין לערערײַ. עטלעכע יאָר האָט ער געאַרבעט, „און זייער שווער געאַרבעט", „אין איינעם פון די גרעסטע הורטאָווע אַפּטייק־געשעפטן אין פילאַדעלפיע". אין יענער צייט שוין האָט ער אָנגעשריבן דאָס ליד „דער אַרבייטער צור נאַכטיגאַל" (אין בוך הייסט דאָס ליד „דער אַרבעטער צום סאָלאָוועי") אין דעם ליד דריקט אויס דער דיכטער דעם זעלביקן עיקר־געדאַנק ווי אין ליד „איך זינג ניט קיין שירה", וואָס ער האָט אָנגעשריבן מיט דריי יאָר שפּעטער. די דאָזיקע טעמע איז ביי די סאָציאַלע פּאָעטן געווען אַ קאַרדינאַלע טעמע: ווי קען מען זינגען שירה, ווען גאָטס באַשעפענישן טרינקען זיך אין בלוט, גייען־אויס אין יאָמערטאָל? אויך סמאָלענסקין האָט די טעמע ניט געלאָזן צורו. סענטימענטאַל איז סמאָלענסקינס ליד. אָבער עס איז אַן עכטער אויסדרוק פון זיין צייט. מיר גיבן דאָ איבער דעם אָנהייב פון ליד:

אָ, גאָטלעכע זינגערין, ליבלינג אַווראָראַס!
דו רופסט מיך צום יום־טוב פון מוטער־נאַטור:
דו זאָגסט, כ'זאָל, צוגלייך מיט נגידים און שׂררהס,
אַרויסגיין באַוואונדערן מאַיס גרינע פלור.
דו הייסט מיר דעם שאַפּ און די אַרבעט פאַרלאָזן,
און גיין אין וואַלד הערן דיין הימלישן שיר,
און גיין אין פעלד שמעקן פיאַלן און ראָזן,
וואָס מישן זייער דופט מיטן לייכטן זעפיר,
און צוהערן זיך צו דעם קוואַלס פלוידערייען,
און הערן די בלעטלעך זיך סודען אין וואַלד...
דו זאָגסט: מיינע קרעפטן וועל איך דאָרט באַנייען,
ווי מאַמע־נאַטור, וואָס ווערט קיינמאָל ניט אַלט.

אַך, ליבינקע פייגעלע! כ'בעט מיר פאַרצייען...
דיין וואונש צו דערפילן איז ניט אין מיין האַנט:

ווי קאָן איך, ווי קאָן איך די קרעפטן באַנייען,
ווען איך בין אין שקלאַפן־יאָך אייביק געשפּאַנט?!
ווי קאָן איך, זאָג, בליקן אויף בליענדע בלומען,
ווען... ווײ! מײנע קינדער יונג וועלקן אין שאַפּ?!
ווי קאָן איך גאָר הערן פון בינען דאָס זשומען,
ווען פון דער מאַשין אייביק זשומעט אין קאָפּ?!
ווי קאָן איך אַרויסגיין אין וואַלד און אין פעלד גאָר,
געניסן דעם שיינעם, דעם ליבלעכן מאַי,
ווען צייט אויפן עסן, אויפן שלאָפן מיר פעלט גאָר,
ווען איך — בין נאָר אַרבעטן, אַרבעטן פריי?!

די זעלביקע טעמע חזרט זיך איבער ביי סמאָלענסקין אין ליד „צו מיין מוזע" (אַרבייטער צייטונג", דעם 10טן יוני, 1900) דער אונטערשייד איז, אין דעם דאָזיקן ליד זוכט דער דיכטער כאָטש אַ ביסל רו פאַר זיין „געפּלאָגטן גייסט". ער וויל אַוועקפליען אין „לאַנד פון פאַנטאַזיע, וואו אָרט און צייט פאַרשווינדן ווי אַ רויך". און ער בעט זיך ביי זיין מוזע:

קום־זשע, פריינדין, קום! און זעץ אויף דיינע פליגלען
מיין שוואַכן גייסט אַרויף און לאָמיר פליען הויך,
אין לאַנד פון פאַנטאַזי אויף אירע שיינע היגלען,
אַהין, וואו אָרט און צייט פערשווינדן ווי אַ רויך.

פיליכט פון דאָרט וועל איך די ווייטע צוקונפט זען,
באַגילט מיט יענער זאַך פון חכמה איבעראַל,
ווען אַלץ אין מענטשן־רייך וועט אימער נאָר געשען
צו ברענגען פרייד, גליק פאַר יעדן און פאַר אַל.

און קוקנדיק אַהין, אויף צוקונפטס ליבע בילדער,
וועל איך די קעגנוואַרט פאַרגעסן אויף אַ וויל;
מיין הערצנס שאַרפער ווי וועט ווערן לייכטער, מילדער,
און מיין געפּלאָגטער גייסט וועט רוען כאָטש דערווייל.

סתם זינגען שירה וויל ניט דער דיכטער. אָבער „צוקונפטס ליבע־בילדער" — דאָס וויל ער זען. דאָס שילדערט ער. ער האָט בשעתו אָפּגעדרוקט אַזאַ פֿאַנטאַזיע, וואָס הייסט „אַ וואונדערלאַנד" („פֿרייע אַרבייטער שטימע", דעם 11טן מאַי, 1901).

אַ סך לידער זיינע האָט סמאָלענסקין מיט יאָרן שפּעטער איבער־געשריבן, טייל איבערגעאַנדערשט, געקירצט. אַזוי האָט ער אויך געטאָן מיטן ליד „וואונדערלאַנד", אַן ערך דרייסיק יאָר שפּעטער. שטאָט „פֿאַנטאַזיע" איז דאָס אונטערקעפּל אין ליד — „אוטאָפּיע". דער עיקר־געדאַנק אין ליד איז: ס'איז פֿאַראַן אַ ווייט וואונדערלאַנד. זיינען דאָרטן ניטאָ די אַלע אומגליקן, וואָס פֿאַרפֿינצטערן אונדז דאָס לעבן:

און מען זעט דאָרט קיין וואַך, קיין פּאָליץ, קיין אַרמיי
(וועלכע, זעלבסט קיין זאַך שאַפֿנדיק, פּרעסן ווי דראָגנען),
און קיין פֿעסטונג אַרום, קיין געווער, קיין קאַנאָגנען,
קיין געפּאַרבטע, געשטרייפֿטע, געשטערנטע פֿאָנען, —
דאָך הערשט איביקע רו דאָרט און פֿרידן ביי זיי:
קיינער ווייס פֿון קיין גוואַלדטאָט, פֿון שטרייט און פֿון קריג,
קיינער ווייסט פֿון נצחון, עראָבערונג, זיג.
איביקע האַרמאָניע הערשט אין וואונדערלאַנד:
קיינער ווייס פֿון קיין יאָך, קיינער הערשט, קיינער שקלאַפֿט...
פֿאַר זיך זעלבסט און פֿאַר אַלעמען יעדערער שאַפֿט.

סאָציאַלער דלות און פֿרייהייט

דער סאָציאַלער פּאָעט האָט זיך זעלטן דערלויבט אַנטלויפֿן פֿון דער ווירקלעכקייט. ער האָט עס געטאָן בלויז אין געציילטע פֿאַלן: ווען ער האָט געשילדערט זיין ציטווייליקע מידקייט; ווען ער איז אַנטוישט געוואָרן אין די מאַסן אין רגעס פֿון גרויסן יאוש. אָבער אָפֿטער ווי אַלץ איז עס געשען, ווען ער האָט געשילדערט דעם שיינעם צוקונפֿט־טרוים. דאָס איז געווען דער היפּוך פֿון דער פֿינצטערער און ביטערער וואָר. דאָס איז געווען ווי אַ מיטל: שילדערן קאָנטראַסטן, פֿריידיקן וועגן סאָציאַלן גליק און סאָציאַלן אומגליק.

איינע פֿון סמאָלענסקינס גאָר ערשטע לידער האָט שוין געהאַט

אין זיך אָט־דעם נוסח — קאָנטראַסטן. דאָס ליד האָט געהייסן „די קינדער" דאָס ליד איז געווען געדרוקט אין לאָנדאָנער „אַרבייטער פריינד", דעם 11טן מאַי, 1894. ווי גאָר אַ סך לידער זיינע, האָט סמאָלענסקין דאָס ליד איבערגעשריבן אין יאָר 1931.

דער אינהאַלט פון ליד איז אַן אַנטנומענער. „אַ ליכטיק וואַרעם צימערל, ווינטער אויף דער נאַכט. פול מיט קינדער־שטימעלעך: מ'שפּילט זיך, מ'שטיפּט און לאַכט". די מוטער קומט אַריין, דערציילט זיי מעשהלעך „שפּאַסיקע מסתּם". זי שפּילט זיי שפּעטער לידער אויף דער פּיאַנאָ.

„אין אַנדער צימער, אין דער זעלבער נאַכט, ווייגען קליינע קינ־דער, הונגעריק, פאַרשמאַכט". „קאַלט, אַ שרעק, אין צימער", און די קינדער שרייען „גי' מיר, מאַמע, ברויט". די מאַמע זוכט ברויט אין שאַפע און געפינט ניט. אויף דער יאָמער ווערט גרעסער.

דער דאָזיקער קאָנטראַסטן־נוסח איז אויך גיכר אין אַזאַ ליד ווי „געוויטער", געדרוקט אין דער „אידישער אַרבעטער וועלט", דעם 14טן אויגוסט, 1914. סמאָלענסקין האָט איבערגעשריבן דאָס ליד אין יוני 1930.

אין „געוויטער" שילדערט דער דיכטער די פינצטערע כּוחות אין דער נאַטור — כמאַרע, ווירבל־ווינט, דונערן, בליצן. זיי קומען־ביי די ליכטיקע כּוחות — „וואונדערלעך לייכטע... די ראַנדן מיט זילבער באַפּוצט". די פינצטערע כּוחות באַהערשן און צעשטערן די ליכטיקע כּוחות. צום סוף, אָבער, פאַרשווינדן די פינצטערע כּוחות. די נאַטור לייטערט זיך אויס.

דער קאָנטראַסטן־געדאַנק האָט געדינט די סאָציאַלע פּאָעטן ווי פּערסאָניפיקאַציע. וואָס פּאַראַ מיטלען די ראַדיקאַלע פּיאָנערן־פּאָעטן זאָלן ניט האָבן גענוצט — איין זאַך איז קלאָר: זיי זיינען געווען איב־גאַנצן דורכגענומען מיט סאָציאַלער שליחות:

„און אַנשטאָט צו שאַפן „שטילע באַהאַרציקטע, ווייכע און צאַרטע לידער, וואָס מיט זייער פאַרוויגנדן ריטם און האַרציקע אויסדרוקן שאַפן זיי אַ ליבע אַטמאָספערע, מיט ווייכע קושנס צום אָפּרו פאַר אַן אויסגעמאַטערטן גייסט — האָב איך נאָך מיט פיל יאָרן צוריק כמעט ווי אַ נדר געטאָן צו ווידמענען מיינע קליינע, באַגרענעצטע שאַפנדע כּוחות אויף צו גיסן ליכט אין די פאַרנעפּלטע מוחות פון די דערשלאָ־גענע, פון אַלעמען און פון אַלע זייטן עקספּלואַטירטע מאַסן, און צו

וועקן זייערע, זיין לעטאַרגישן שלאָף פון גלייכגילטיקייט פּאַרזונקענע, גייסטער, צו קאַמף און באַפרייאונג".

דאָס זיינען סמאָלענסקינס שורות. ער האָט זיי אָנגעשריבן ווי אַ פּוסנאָטיץ צום קריטיקער אב. גאָלדבערגס „במקום הקדמה". די „במקום הקדמה" געפינט זיך אין עוזר סמאָלענסקיס בוך „געקליבענע לידער".

סמאָלענסקין איז סאָציאַל כמעט אין זיין יעדן ליד. ער שילדערט דעם שרעקלעכן דלות אין אַזעלכע לידער ווי „דער גיהינום פון די בעקער" („ווארהייט", דעם 22טן מאַי, 1909). ביטערע סאָציאַלע סאַ־טירע שילדערט ער אין אַזעלכע לידער ווי „ס'איז קיינעמס, קיינעמס שולד" („געקליבענע לידער", ז' 225).

ס'האָט געטראָפן אַן אומגליק, אַן אייזנבאַן־צוזאַמענשטויס, אַ סך מענטשן האָבן פאַרלאָרן זייערע לעבנס. די אונטערזוכונג האָט פעסט־געשטעלט: ס'איז קיינעמס שולד. אמת, דער באַן־וועכטער אַרבעט לאַנגע שעהען. ער איז פאַרמאַטערט, מיד און שוואַך. איז ער אויף אַ רגע פאַרזונקען אין שלאָף. אָבער די באַן־מאַגנאַטן קומט דאָך ניט קיין שטראָף דערפאַר. אַן אומגליק האָט אויך געטראָפן אין אַ פאַבריק אַ פייער־פאַסטקע, אויך אין קוילן־גרובן. אַזויפיל פאַרלאָרענע לעבנס. מ'פאַרשט, מ'זוכט, „און... נאָך גרויס מי געפינט מען אויס — ס'איז קיינעמס, קיינעמס שולד".

ס'איז כאַראַקטעריסטיש — סמאָלענסקין זעצט־איבער און דיכט־איבער אַזעלכע לידער, וואָס זיינען סאָציאַל, וואָס רופן צו פרייהייט. מיט דער דאָזיקער כוונה זעצט ער איבער פיאָטר וויינבערגס „מאַריע" (ים). מחמת דער זעלביקער כוונה זעצט ער איבער פּוירסי ביש שעליס „די מאַסקע פון אַנאַרכיע".

ס'איז זייער כאַראַקטעריסטיש ווי ער בייט אַפילו שורות, כדי צופּאַסן די איבערזעצונגען צו זיין סאָציאַלן איינשטעל. ער זעצט אי־בער פריי פּושקינס „נביא". ענדיקט זיך דאָס ליד ביי פּושקינען ווי דעם אייבערשטנס שטים רופט דעם נביא „שטיי־אויף, דו נביא, און זע, און הער, ווער אָנגעפילט מיט מיין ווילן, און וואַנדערנדיק דורך ימען און לענדער ברען די מענטשן־הערצער מיט מיין וואָרט". ביי סמאָ־לענסקין ענדיקט זיך עס גאָר אַנדערש, לויט זיין פרייהייט־נוסח:

און צינד־אָן מיט פרייהייטס וווערטער־פלאַמען
די הערצער פון אַלע מענטשן־שטאַמען.

„איך און מיין מוזע"

פאַראַן לידער ביי סמאָלענסקין, וואָס זיינען ווי אויסגעשרייען פון טיפן צער, שולד און חרטה. זיי שילדערן סמאָלענסקינס שווערע פער־זענלעכע איבערלעבונגען. זיי זיינען, אָבער, ניט אינגאַנצן קיין יחידישע לידער. דער הינטערגרונט איז שטענדיק סאָציאַל. אַפילו די סיבה פון די דאָזיקע לידער איז, צום טייל, אַ סאָציאַלע.

ווען סמאָלענסקין איז אין 1893 געקומען קיין אַמעריקע, איז ער פיר יאָר צייט געווען אַ לערער אין די תלמוד־תורהס. נאָכדעם האָט ער פיר יאָר, פון 1897 ביז 1901, געאַרבעט אין אַ הורטאָוונעם אַפטייק־געשעפט. שפּעטער איז ער געווען ביז 1904 אַן אַגענט פון אַ פאַרזי־כערונג־געזעלשאַפט. פון 1904 ביז 1926 האָט ער זיך פאַרנומען מיט „ריל עסטעיט" — אומבאַוועגלעכע גיטער. און אין די גאָר שפּעטע יאָרן איז ער געווען אַ באַנק־אַנגעשטעלטער.

ווען ער איז געוואָרן אַ סוחר פון באָדן און הייזער, איז דאָס געווען בלויז אויף אַ ווייל. ער האָט געטראַכט: ער וועט אַנזאַמלען געלט, כדי זיך קענען אָפּגעבן מיט דיכטונג. האָט זיך, קאָנטיק, פון ביידע זאַכן אויסגעלאָזן אַ טייך. ניט ער איז געוואָרן רייך, ניט ער האָט גע־האַט מנוחה צו שרייבן. און דאָס האָט דעם דיכטער פאַרשאַפט אַ סך עגמת־נפש. דאָס איז ביי אים געוואָרן ממש אַ קאָמפּלעקס.

שוין אין 1902 האָט ער וועגן דעם אָפּגעדרוקט אַ ליד „איך בין אַ גרוש" („פרייע אַרבייטער שטימע", דעם 19טן סעפּטעמבער, 1902). די מוזע האָט אים פאַרלאָזן, דערציילט ער אין דעם ליד: „איך זעלבסט, אוי ווי, האָב זי פאַרטריבן, פאַרשאַפנד איר פיל שמערץ און פּיין". געיאָגט און געמאַטערט פון פליכטן, פלעגט ער שטענדיק פאַריאָגן די מוזע פון זיך. צוזאַמען מיט זיין מוזע, איז, אָבער, אויך פאַרשוואונדן זיין גליק.

דעם זעלביקן מאָטיוו ברייטערט ער אויס אין זיין ליד „איך און מיין מוזע" (פרייע אַרבייטער שטימע", דעם 22סטן אַפּריל, 1906):

און יעדעס, יעדעס מאָל ווען מענטשן, טרערן און בלוט
פאַרביי מיין גייסטיק אויג ווי כוואַליעס בייזע שטראָמען,
דערהייבט זיך אין מיין האַרץ אַ ברויזנדיקע פלוט —
מיט שרעק און טרויער פול געדאַנקען טיפע תהומען.

עס דריקט מיר שווער דאָס האַרץ דער גרויסער וועלטן־שמאַרץ,
מיין נשמה אין מיר ברענט מיט פלאַמענדיקן צאָרן;
און ס׳ווילט זיך אין אַ ליד מיר אויסגיסן דאָס האַרץ,
פיליכט וואָלט אויף אַ וויל מיר לייכטער כאָטש געוואָרן.

טאַ־קום־זשע, מוזע מיין! דיין גייסט מיר ברענג צוריק!
(צו גרויזאַם איז די שטראָף פון גייסט צו זיין געשידן),
קער אום דאָס גלויבן מיר אין אַלגעמיינעם גליק,
און לאָמיך, ווי אַמאָל, געפינען רו און פרידן!

אָבער די מוזע שטויסט אים אָפּ פון זיך:

ווילסט דעם קאַלב, דעם גאָלדענעם, דינען —
דין אים! דו ביסט פריי...
אָבער ווייס: אומזיסט דיין האָפן,
איך זאָל זיין דיר טריי.

די גליקלעכסטע טעג אין זיין שפּעטערדיק לעבן איז געווען ווען ער האָט געחלומט, געשריבן און איבערגעשריבן זיינע לידער. זיין שענסט ליד איז „דער שטראָם פון לעבן" (געשריבן דעם 30סטן מערץ, 1907). אין בוך איז דאָס ליד שטאַרק געקירצט:

דער שטראָם פון לעבן

ווען מאַמע־ערד, נאָך זומער אַרבעט,
הורך האַרבסט און ווינטער נעמט זיך רו,
און מיט באַנייטע, פרישע קרעפטן
צו נייער שאַפונג גרייט זיך צו;

— — — — — — — — — — — — — — —

דאַן דרעמלט, שלאָפט אויך מיין נשמה:
מיין האַרץ, פאַרגליווערט, קוים זיך רירט;
מיין גייסט, וואָס שטעלט מיך פון חיה העכער,
זיין אייגנעם זיין קוים, קוים דאַן שפּירט.

***

נאָר אַט, פון פריליִנגס זון געצערטלט,
האָט שניי און אײַז די ערד פאַרלאָזט,
און... שנעל באַוועגט זיך שוין מײַן מוח,
מײַן גייסט האָט זיך באַפרײַט פון פראָסט.

— — — — — — — — — — — — — — —

און כאָטש אין גרינעצלאָזן וועלט־אַל
אַן אומבאַדײַטנדער אַטאָם,
אַ נישטיק טײלכל פונעם גאַנצן,
אַ וואַסער־טראָפּן אין אַ תהום.

דאָך פיל איך: מײַן פרידן ז׳ענג פאַרבונדן
מיטן אַלגעמיינעם מענטשן־גליק:
פאַרוואָלקנט זיך דער מענטשהייטס הימל,
פאַרטונקלט ווערט מײַן לעבנס בליק.

***

טאָ זײַ־זשע, פרילינג, מיר ווילקאָמען!
שטראָמט, לעבנס־כוואַליעס, אין מײַן האַרץ!
מיט אײַך וועט תמיד דאָרט פולסירן
די וועלטן־פרייד, דער וועלטן־שמאַרץ.

אין 1927 איז סמאָלענסקין קראַנק געוואָרן. די לעצטע יאָרן פון זײַן לעבן האָט ער אַ סך געליטן. אין זײַנע לעצטע לידער באַקלאָגט ער זיך שטאַרק אויף זײַנע קראַנקייטן, אומגליקן און אויף דער גאַנצער וועלט. געשטאָרבן איז דער דיכטער אין פילאַדעלפיע, אין יאָר 1937, אין עלטער פון 74 יאָר.

נייטן לעמפערט

1899 — 1875

נ י י ט ן   ל ע מ פ ע ר ט

פריער טויט

טראַגיש איז געווען דאָס לעבן פון די יידישע אימיגראַנטן אין די לעצטע צוויי צענדליג יאָרן פאַריקן יאָרהונדערט. די גרעסטע טראַגעדיע זיינען געווען די שוויץ־פאַבריקן. אויך די פעדלער האָבן שווער און ביטער געשלעפט זייער יאָך. דערצו זיינען נאָך צוגעקומען די ענגע טענעמענט־הייזער, די שטענדיק־ליאַרעמדיקע גאַסן. דאָס אַלץ האָט פאַרשניטן טויזנטער, טויזנטער יונגע לעבנס. באַזונדערס שטאַרק פאַרשפרייט איז געווען די פּראָלעטאַרישע קראַנקייט — שווינדזוכט.

ווען מ׳דערמאָנט זיך ז. ליבינס עטלעכע ווערטער וועגן זיין מוזע, שטייען־אויף פאַר אונדז שוידער־בילדער פון גיהנום. „אין פינצטערן סוועטינג־שאָפּ, שרייבט ליבין, איז געבוירן געוואָרן מיין מוזע, לעבן דער זינגער־מאַשין האָט זיך דערהערט איר ערשטער שמערצלעכער אויסגעשריי; אין די פינצטערע טענעמענט־קברים האָט זי זיך דערצויגן״. דאָס דאַנטע־בילד פון „פינצטערן סוועטינג־שאָפּ״, פון די „טענעמענט־קברים״ — דאָס מאַכט אונדז קלאָר די סיבה פאַרוואָס דער אומגעזעטיקטער גאָט מאַמאָן האָט פאַרשלונגען אַזויפיל יונגע קרבנות.

די יידישע ליטעראַטור אין יענער צייט האָט געטריי אָפּגעשפּיגלט די דאָזיקע גרויסע טראַגעדיע. זי האָט ניט נאָר אָפּגעשפּיגלט, זי האָט אויך געטיילט דעם ביטערן גורל. די יונגע אויפגייענדיקע יידישע פּאָעטן, אויך זיי האָבן צוגעשטעלט זייער חלק קרבנות. עדעלשטאַט שטאַרבט צו זעקס און צוואַנציק יאָר. באָוושאָווער איז צו זעקס און צוואַנציק יאָר אין אַן אַנשטאַלט פאַר גייסטיק קראַנקע. בנימין ראָזענבלום שטאַרבט צו ניין און צוואַנציק יאָר, נאָכדעם ווי ער פאַרענדיקט זיין שטודיע און אַרבעט שוין ווי אַ ציוויל־אינזשיניער. נחום מ. באַבאַד שטאַרבט צו איין און דרייסיק יאָר, איידער ער האָט נאָך באַוויזן צו פּראַקטיצירן מעדיצין. די דאָזיקע רשימה איז אַ סך אַ לענגערע. יצחק ריינגאָלד שטאַרבט צו דריי און דרייסיק יאָר. דער סאַמע יינגסטער קרבן איז געווען דער דיכטער נייטן (נעיטן) לעמפערט. נאָך איידער ער האָט באַוויזן געפינען זיין פּאָעטישן וועג, האָט דער טויט

אים פּאַרזעיט אויף דער נייער ערד. ער איז אַ סימבאָל פון אַן אומ־גליקלעך, פּאַרצערנדיק לעבן אין דעם נייעם לאַנד.

עס איז באמת אומפאַרשטענדלעך ווי אַזוי דער יונגער פּאָעט האָט געפונען צייט — לייענען אַזויפיל וויפל ער האָט געלייענט, שרייבן, זיין זייער טעטיק אין דער פּאַרטיי (ער האָט געהערט צו דער דע־ליאָן פראַקציע) און אויך אויפטרעטן אויף אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען און מיטינגען מיט לידער, ווי דאָס איז דעמאָלט געווען דער מנהג.

זיינע נאָענטסטע, וואָס האָבן אים נאָך געדענקט ווי אין אַ חלום, האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ זייער סימפּאַטישן יונגנמאַן, אַן אינטעלי־גענטן, אַ קלוגן און אַ באַלאַנסירטן. ער איז געווען פול מיט ענערגיע, קעמפעריש, אַ מענטש מיט אידעאַלן און הויכע טרוימען.

לעמפּערט איז געווען אַן אייגנאַרטיקער טאַלאַנט. ער האָט פאַר־מאָגט אַ שאַרף אויג, אַ חוש פאַר סאַטירע. ער איז געווען אַ מענטש מיט באַשטימטע פּרינציפּן, אַן איבערצייגטער רעוואָלוציאָנערער סאָ־ציאַליסט.

זיין גאַנצע ליטעראַרישע אַרבעט האָט געדויערט אַן ערך דריי יאָר, און אפשר ווייניקער ווי דריי יאָר. און דערצו — ניט געגוג אינטענ־סיוו. די לידער זיינען אין אים אויפגעקומען זייער אָפט — מיט יעדער געשעעניש. אָבער ער איז געווען אַ שקלאַף צו זיין טאָג־טעגלעכער שווערער אַרבעט—פון קאַיאָר ביז שפּעט אין דער נאַכט. האָט ער ניט געקענט פאַרשרייבן יעדער ליד, וואָס איז אין אים אויפגעקומען. ס'איז בכלל אַ חידוש ווי אַזוי ער האָט באַוויזן שרייבן דאָס, וואָס ער האָט אָנגעשריבן. צו אַלע זיינע שווערקייט איז נאָך צוגעקומען דאָס שווער־סטע — זיין קראַנקייט. די שווינדזוכט האָט אים שטענדיק געמאַטערט. די לעצטע זעקס חדשים פון זיין יונג לעבן זיינען געווען טעג און נעכט — ממש גיהנום. די גאַלאָפּירנדיקע שווינדזוכט האָט אים באַפרייט פון זיינע גרויסע ליידן, דעם 5טן אַפּריל, 1899. געשטאָרבן איז ער אין עלטער פון 23 יאָר און פיר חדשים.

פיר טעג נאָך זיין טויט, דעם 9טן אַפּריל, 1899, איז אין „אַרביי־טער־צייטונג" דערשינען מאָריס ראָזענפעלדס קלאָגליד אויפן טויט פון זיין קאָלעגע, וועמען ער האָט הויך געשעצט:

אויף דעם טויט פון נייטן לעמפּערט

נאָך אַ פּראָלעטאַריער איז פאַרגאַנגען,
נאָך אַ שיינע זעלע האָט די גרוב געפאַנגען,
נאָך אַ זינגער קנאַפּער פאַר די שקלאַפן,
נאָך אַ קעמפער האָט געלייגט די וואַפן,
נאָך אַ פריינד אַוועק פון אונדזער מיטן,
נאָך אַ בלומע האָט די צייט פאַרשניטן,
נאָך אַ מאַן מיט איין מאָל ניט געוואָרן;
נאָך אַ גייסט אויף אייביק אונדז פאַרלאָרן: —
נייטן לעמפּערט איז אַוועק — ניטאָ מער!
גרויסער שמערץ! אָ, גרויסער, גרויסער יאָמער!

ביאָגראַפישע פּרטים

דעם ערשטן נאָמען נייטן האָט לעמפּערט געקראָגן אין אַמעריקע. ביז אַמעריקע האָט ער געהייסן נחום. געווען איז ער דער עלטסטער זון אין דער משפחה. ער איז געבוירן געוואָרן דעצעמבער 1875 אין סטויפּץ, אין רוסיש — סטאָלבצי, מינסקער גובערניע, לעבן דער מיר.

זיינע עלטערן, וואָלף און מירקע לעמפּערט, האָבן נאָך זיין געבורט זיך אַריבערגעקליבן פון סטויפּץ אין דעם ישוב רוזשיצע, אַרום דריי ווערסט פון קאָידענאָוו. די משפחה האָט זיך מפרנס געווען פון מילכיקס. מ׳האָט געהאַט בהמות, געמאַכט פּוטער און קעז, און געגאַנגען אין קאָידענאָוו פאַרקויפן די פּראָדוקטן. מיט אָט־דער פּרנסה האָבן זיי קוים דערהאַלטן די נשמה.

ניט געקוקט אויף דער גרויסער אָרעמקייט האָט מען נייטענען געלערנט, ווי דאָס איז געווען דער מנהג ביי יידן. אָנגעהויבן לערנען האָט ער צו פיר יאָר. מען האָט געדונגען אַ מלמד פאַר אים און פאַר זיין ייִנגערער שוועסטער. דער מלמד איז, אַגב, געווען אויך אַ שניידער, וואָרן פון קנעלן האָט ער ניט געקענט אויסקומען. נייטן האָט אַרויסגעוויזן גרויסע פעאיקייטן ביים לערנען. אַזוי האָט ער געלערנט ביים מלמד ביז ער איז אַלט געוואָרן זיבן יאָר. דער מלמד האָט שוין מער ניט געהאַט קיין תורה פאַרן פעאיקן ייִנגל. האָט מען נייטענען אַוועק־

געשיקט קיין סטויפץ צו זיין זיידן און באָבען. אין סטויפץ האָט ער זיך שוין געלערנט ביי גרעסערע מלמדים. פיר יאָר האָט ער ביי זיי געלערנט. צו עלף יאָר האָט מען אים אַוועקגעשיקט אין דער מירער ישיבה. דאָרטן האָט ער זיך געפונען אונטער דער השגחה פון דעם באַוואוסטן ראש־ישיבה ר׳ חיים־לייב. אין דער ישיבה איז ער געווען אַן אָנגעזעענער תלמיד, מחמת די גרויסע פעאיקייטן, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן. חוץ דעם — זיין זיידע, ר׳ יעקב מאיר העלער, איז געווען אַ משולח פאַר דער מירער ישיבה. דריי יאָר האָט נייטן געלערנט אין דער ישיבה. נאָכדעם האָט ער ווייטער געלערנט אין סטויפץ ביים באַרימטן מלמד פון שטעטל ר׳ יהושוע.

ווען נעיטן איז אַלט געווען עלף יאָר, דאָס מיינט אין 1886, איז זיין פאָטער אַוועק קיין אַמעריקע. מפרנס זיין די משפחה פון מילכיקס איז פשוט געווען איבער די כוחות. ווען נייטן איז אַלט געוואָרן פערצן יאָר האָט מען אים געוואָלט אַוועקשיקן צו זיין פאָטער קיין אַמעריקע. מען איז אָבער געבליבן ביים ווען. ס׳איז פשוט ניט געווען קיין געלט מיט וואָס אים אויסצוריכטן אין דעם ווייטן וועג. דער טאַטע האָט אין אַמעריקע אויך ניט געמאַכט קיין גליקן. און שיקן דעם קליי־נעם זון אויף הוצאות האָט ער ניט געקענט. איז נייטן געבליבן שטעקן אין סטויפץ ביז ער איז אַלט געוואָרן פופצן יאָר.

צו יענער צייט האָט זיך געמאַכט אַ גוטע געלעגנהייט. אַ באַ־קאַנטער ייד איז געפאָרן קיין אַמעריקע און ער האָט גראָד איינגע־שטימט מיטצונעמען דעם יונגן נייטענען מיט זיך. ער האָט אים פאַר־שריבן פאַר זיינעם אַ זון און אים גענומען אויף זיין פאַס. אַזוי איז דאָס פופצן־יאָריקע בחורל געקומען קיין אַמעריקע, אין יאָר 1889. דער טאַטע האָט אים געטראָפן ביי דער שיף. און פון דעמאָלט אָן האָט זיך אָנגעהויבן דאָס שווערע לעבן פון צוקונפטיקן פאָעט. דער איין און דרייסיק יאָריקער פאָטער איז געווען אַ פרעסער אין אַ שוויץ־פאַבריק, ער האָט קוים פאַרדינט אויף אַ לעבן. איז העלפן דעם זון האָט ער בשום אופן ניט געקענט.

נייטן האָט אָבער געהאַט אַ פעטער אין ניו־יאָרק, אַן אייגנטימער פון אַ גראָשעדיקן סאָדע־וואַסער שטעלכל אין באַיאַרד און עליזאַבעט סטריט. האָט דער פעטער אים צוגענומען צו זיך, ער זאָל אים העלפן ביים שטעלכל. פערצן שעה אַ טאָג האָט דאָס בחורל געאַרבעט ביים פאַרקויפן סאָדע־וואַסער. געשטאַנען איז ער אין דרויסן, ווינטער אין די פרעסט און זומער אין די גרויסע היצן.

דער דראַנג צו לערנען איז אָבער געווען זייער גרויס ביי אונדזער צוקונפטיקן דיכטער. נאָכן אָפּשטיין אַן ערך פערצן שעה אַ מעת־לעת — צייטנווייז אין שניי און אין רעגן — האָט ער געפונען צייט זיך אַריינכאַפּן אין דער נאַכטשול זיך צולערנען אַ ביסל ענגליש. זיין לערער אין יענער שול איז געווען דער באַוואוסטער סאָציאַליסט מיכאַאיל זאַמעטקין. פיר יאָר צייט האָט דער וויסן־דאָרשטיקער נייטן זיך גע־פּלאָגט ביים פּעטערס סאָדע־וואַסער שטעלכל, און ביינאַכט האָט ער אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם אין דער ענגלישער נאַכטשול.

נייטן איז שוין אַ בחור פון אַכצן יאָר. די משפּחה איז שוין געווען בכוח צונויפשלאָגן אַ קליינעם קאַפּיטאַל און אים קויפן אַן אייגן סאָדע־וואַסער שטעלכל. די לאַגע פון דעם האָרעפּאַשנעם יונגנמאַן האָט זיך ווייניק־וואָס געביטן. חוץ דעם וואָס ער האָט געהאָרעוועט פּונקט אַזוי ביטער ווי פריער, האָט ער נאָך געמוזט טראָגן די זאָרגן פון אַ געשעפט־מאַן, אויך די פאַרפאָלגונגען מצד אַ קאָנקורענט קעגנאיבער זיין שטעלכל. נייטן סאָדע־וואַסער „געשעפט" האָט זיך געפונען אויף נאָרפאָלק און סטענטאָן, אויפן דרום־מערב ווינקל. קעגנאיבער נייטנס שטעלכל האָט אַ ייד פאַרקויפט סאָדע־וואַסער נאָך פון פריער. דער עלטערער „סוחר" האָט זיך באַקלאָגט פאַרן דיסטריקט־פירער פון טעמעני, מיט וועמען ער איז געווען אַ גאַנצער שמעלקע. טעמעני, ווי באַוואוסט, האָט דע־מאָלט געהאַט אין אירע הענט די שטאָט־רעגירונג. האָט דעריבער לאַנג ניט גענומען, און אין איין שיינעם בייטאָג איז צו נייטנס שטעלכל צוגעפאָרן אַ וואָגן פון „סאַניטאַרישן דעפּאַרטמענט", אָפּגעריסן נייטנס שטעלכל פון דער וואַנט און עס אַוועקגעפירט. נייטן איז געבליבן שטיין אַ פריטשמעלעטער. דער אויסרייד פון „סאַניטאַרישן אָפּטייל" איז געווען: נייטנס שטעלכל פאַרנעמט צופיל פּלאַץ אויפן טראָטואַר און דאָס איז אַ סכנה פאַר די דורכגייער. קיין שום ויצעקוס האָבן ניט געהאָלפן. אַ לעבן אָבער האָט מען געמוזט מאַכן, און סאָדע־וואַסער פאַרקויפן איז געווען נייטנס ספּעציאַליטעט. האָט ער, אינאיינעם מיט אַ שותף, געעפנט אַן אַנדער סאָדע־וואַסער שטעלכל, אויף עלדרידזש און קאַנאַל סטריט, אויפן צפון־מזרח ווינקל. דאָ, ביי דעם דאָזיקן סאָדע־וואַסער שטעלכל, האָט די מוזע אויפגעוואַכט אין נייטן לעמפּערטן.

אַכצן יאָר איז נייטן אַלט געווען ווען אַ נייע וועלט האָט זיך פּלוצעם אַנטדעקט פאַר אים. ער האָט זיך באַקענט מיט שרייבער, פּאָעטן, אַרבעטער־פירער, טרוימער און פּראַקטישע אידעאַליסטן פון

דער וואַקסנדיקער אימיגראַנטישער ניו־יאָרקער געטאָ. ער האָט זיך צוגעהערט צו די רייד וועגן ליטעראַטור, קונסט, סאָציאַליזם, אַנאַרכיזם. עס האָט לאַנג ניט גענומען און ער האָט זיך געפונען אין סאַמע מיטן קאַמף צווישן די ראַדיקאַלע פּאַרטייען אין יענער צייט. וואָרן די ליטעראַטור און דער קאַמף צו באַפרייען „דאָס אונטערדריקטע פאָלק" זיינען דעמאָלט געווען איינס און דאָס זעלביקע. געהערט האָט נייטן צו דער „ס. ל. פּ.", „סאָושעליסט לעיבאָר פּאַרטי" — די סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי. אַ ניי לעבן האָט זיך אָנגעהויבן פאַר נייטענען. און דאָס אַלץ איז געווען אַ דאַנק זיין סאָדע־וואַסער קרעמל, זיין שטעלכל. די סיבה איז געווען אַ גאַנץ פּשוטע.

אַנטקעגן נייטן לעמפּערטס סאָדע־וואַסער קרעמל האָט זיך געפונען די דעמאָלטיקע ליטעראַרישע קאַפע. דאָס איז געווען איזידאָר סאַקס קאַפע. געפונען האָט זיך עס אויף 86 קאַנאַל סטריט, אינעם דרום־מערב ווינקל עלדרידזש און קאַנאַל סטריט. די ליטעראַטן און אַרבעטער־פירער האָבן טעג און נעכט פאַרבראַכט אין סאַקסעס קאַפע. אויך לעמפּערט סאָדע־וואַסער שטעלכל איז געוואָרן אַ זאַמלפּונקט פאַר די ליטעראַטן און ראַדיקאַלן. פון דער קאַפע איז מען אַריבערגעגאַנגען צו כאַפּן אַ שמועס מיט לעמפּערטן. און מיט לעמפּערטן איז געווען אַ פאַרגעניגן צו רעדן. צווישן די פּאָעטן אין יענער צייט איז ער געווען איינער פון די סימפּאַטישסטע, זויבערסטע און אידעאַליסטישסטע מענטשן. באַזונדערס האָט מען זיך צוזאַמענגעקליבן ביי זיין סאָדע־וואַסער קרעמל אין די הייסע זומערדיקע נעכט. צוויי יאָר צייט האָט לעמפּערט געהאַלטן דאָס קרעמל, און צוויי יאָר צייט איז דער ראָג ביי זיין שטעלכל געווען אַ זאַמלפּונקט. דאָרטן האָט מען זיך געאַמפּערט וועגן ליטעראַרישע און סאָציאַלע פּראָבלעמען, דאָרטן האָט מען געפירט פייערדיקע דיסקוסיעס. דאָ האָט לעמפּערט זיך באַפריינדט מיט מאָריס ראָזענפעלדן, מיט יאָנאַטאַנזאָנען (קל וחומר), באַבאַדן, וויליאַם קייזערן, לעאָן קאָברינען, מיט די פירנדיקע שרייבער און ראַדיקאַלן פון די נייַנציקער יאָרן. דער פּאָעט שאַרקאַנסקי האָט אַפילו געוואוינט ביי די לעמפּערטס. ביי זיי אין הויז האָט ער געשריבן זיינע ווערק „ונתנה תוקף" (אַ דראַמע אין פיר אַקטן), און „כל נדרי" (אַ היסטאָרישע אָפּערעטע אין פיר אַקטן), וואָס זיינען גלייך געוואָרן אַ גרויסער דערפאָלג אויף דער יידישער בינע. אַלע ליטעראַרישע און געזעלשאַפטלעכע נייס האָבן זיך גלייך דערטראָגן צו לעמפּערטס סאָדע־וואַסער

שטעלכל. פון דאַנען האָט זיך עס צעטראָגן איבער דער שטאָט. ווען אברהם ליעסין, למשל, האָט נאָך ניט באַטראָטן דעם אַמעריקאַנער באָדן, ווען ער האָט זיך נאָך געפונען אויף דער שיף, האָט מען שוין ביי לעמפערטס „סאָדע־וואַסער" געוואוסט, אַז עס קומט אָן פון מינסק אַ באַרימטער יידישער פּאָעט.

לעמפערטס זאַמלפּונקט איז אונטערגעגאַנגען ווען ער האָט חתונה געהאַט. ער איז דעמאָלט אַלט געווען צוואַנציק יאָר. נאָך דער חתונה מיט חנה עפּשטיין האָט ער פאַרביטן זיין סאָדע־וואַסער געשעפט אויף אַ דעליקאַטעסן־קראָם. די דעליקאַטעסן־קראָם האָט ער געעפנט מיט זיין חבר קרעטשינסקין. קרעטשינסקי איז שפּעטער געשטאָרבן אין קאָלאָראַדאָ פון דער דעמאָלט־פאַרשפּרייטער שווינדזוכט. זייער דעליקאַ־טעסן־קראָם האָט זיך געפונען אויף 80 קאַנאַל סטריט. מער ווי אַ יאָר האָט זיך דאָס געשעפט ניט געהאַלטן. לעמפערט האָט שפּעטער ווידער געעפנט אַ דעליקאַטעסן־קראָם, דאָס מאָל אויף 97 מאָנראָו סטריט. אין דער צווייטער קראָם איז ער געווען באַשעפטיקט ביז ער איז שטאַרק קראַנק געוואָרן. מחמת זיין קראַנקייט זיינען זיינע פאַר־דינסטן שטאַרק געפאַלן. ער האָט זיך געמוזט אַרויסציען פון זיין „רחבותדיקער" דירה אויף 38 עלדרידזש סטריט, וואו ער האָט געהאַט דריי קליינע צימערלעך אויפן פינפטן שטאָק. ער האָט גע־צאָלט די דעמאָלט גרויסע סומע — אַכצן דאָלאַר אַ חודש. האָט זיך דער קראַנקער דיכטער אַריינגעצויגן מיט זיין פרוי און קליינעם זון, דריי חדשים אַלט, צו די עלטערן אויף 175 מעדיסאָן סטריט. אין די פיר קליינע צימערלעך ביי די עלטערן האָבן זיך, אַזוינאָך, געפונען: טאַטע־מאַמע, די יונגע פרוי לעמפערט מיטן קליינעם זון און דעם קראַנקן פּאָעט. צו ענג איז זיי אַלעמען געוואָרן אין דער דאָזיקער דירה. מ'מוז אָבער ראַטעווען דעם חולה־מסוכן. האָט מען זיך איבער־געצויגן אין דעם דיכטערס לעצטע דירה אויף 60 פּייק סטריט. דאָרטן איז געווען אַ ביסל גראַמער, דאָרטן זיינען געווען פינף חדרימלעך. די גרעסערע דירה האָט אָבער ווייניק־וואָס געהאָלפן דעם דיכטער. די משפחה האָט ניט פאַרשטאַנען די גרויסע סכנה פון נייטן לעמפערטס קראַנקייט. ער איז אָפּגעלעגן אין בעט זעקס חדשים און איז געשטאָרבן פון דער גאַלאָפּירנדיקער סוכאָטע. ווי דערמאָנט — אין עלטער פון דריי און צוואַנציק יאָר און פיר חדשים. בעת ער איז געווען קראַנק, האָבן אים די חברים זיינע זייער אָפט באַזוכט. אַ שטענדיקער באַזוכער איז געווען זיין פריינד, דער נאָוועליסט לעאָן קאָברין.

ביי זיין לוויה זיינען געווען אַלע מיטאַרבעטער פון „אַבענד־בלאַט", די מיטגלידער פון „אַרבייטער צייטונג פּאַבלישינג אַסאָסיאיישאַן", קאָלעגן־שריפטשטעלער און פאַרערער. מען האָט אים באַערדיקט אויפן „יוניאָן פילד סעמעטערי", אויף סאַיפּרעס היל, אין ברוקלין.

די ערשטע לידער

אויף וויפל עס לאָזט זיך באַשטימען האָבן לעמפערטס לידער זיך אָנגעהויבן באַווייזן אין שמ"רס וועכנטלעכן בלאַט „דער יודישער פּאָק", אין 1895. „דער יודישער פּאָק" איז געווען אַ הומאָריסטיש בלאַט (1894 — 1896). דאָרטן זיינען, אָבער, געווען געדרוקט אויך ערנסטע לידער. צווישן זיי — לעמפערטס לידער.

שוין אין זיינע ערשטע פּרואוון זיינען פאַראַן קלאָרע סאָציאַלע רייד. זיין ליד „לאָזט מיך שטאַרבן" געהערט, מן־הסתם, צו זיינע ערשטע לידער, — און אפשר איז עס גאָר זיין ערשט ליד. געדרוקט איז עס דעם 17טן נאָוועמבער, 1895, אין „יידישן פּאָק". ער רעדט אין דעם ליד קעגן „קנאה, שנאה צווישן מענטשן און נאַציאָן", קעגן מלחמות „אין דעם נאָמען פון רעליגיאָן". ער שטעלט זיך איין פאַרן באַרויבטן אַרבעטער, פאַר דעם פאַרפאָלגטן יידן. דאָס איז אַ פּראָטעסט־ליד, אָבער אויך זייער אַ פּעסימיסטיש ליד:

לאָזט מיך שטאַרבן

כ'וויל ניט לעבן, לאָזט מיך שטאַרבן,
שטאַרבן שנעל, — איך האָס די וועלט,
בעסער דאָרטן אונטן ליגן
זיין פון מענשן וויט פאַרשטעלט,

בעסער דאָרטן אין דער פינצטער
און פון ווערעם — אַ געצעלט,
איידער לעבן און צו ליידן,
אין דער שיינער, שלעכטער וועלט.

איידער לעבן און צו קוקן,
ווי פיל לייד אויף יעדן טריט,
בעסער אין דעם נאַסן קבר,
וואו מע זעט קיין צרות ניט...

וואו מען זעט קיין קנאה, שנאה,
צווישן מענטשן און נאַציאָן,
וואו מען פירט קיינע מלחמות —
אין דעם נאָמען רעליגיאָן.

וואו מע זעט ניט קיינע בעטלער,
און קיין רייכע אויך דערצו,
וואָס באַרייסן, און באַרויבן
פון דעם אַרבעטער זיין רו...

וואו מע זעט ניט קיינע יידן,
ליידנדיק אומזיסט זאָ פיל.
ווי מע האָסט זיי, און מע טרייבט זיי
עפּענטלעך און אין דער שטיל...

שטאַרבן! לייגט מיך גיך אין קבר,
אין דער פינצטער, אין דער קעלט —
גלייבט מיר, ברידער, בעסער דאָרטן,
אַלס אין אונדזער שיינער וועלט.

(„דער יודישער פּאַק", דעם 17טן נאָוועמבער, 1895)

אין לעמפּערטס אַ צווייט ליד זעען מיר זיינע אַנדערע כאַראַקטע־ריסטישע סימנים. די דאָזיקע סימנים דערציילן אונדז וועגן לעמפּערטס בייגונג צו פּאָליטישער פעלעטאָן־פּאָעזיע. דאָס איז אַ זשאַנער, וואָס מען האָט גאַנץ דערפאָלגרייך קולטיווירט אין דער ליטעראַטור. אויך אין דער יידישער ליטעראַטור. ביי לעמפּערטן זעט מען עס גלייך אין זיינע ערשטע לידער.

זיין ליד „העלפּט אים" איז אַ סאַטירע וועגן דעם אַנטיסעמיט

אָהלוואַרט. עס איז אינגאַנצן געשריבן אין דעם פעלעטאָן־סטיל. דאָס ליד דערציילט קלאָר און בולט ווער דער אָהלוואַרט איז, דעם דיכטערס באַציאונג צו אים, ווי אויך דעם דיכטערס פירוש:

העלפּט אים

פאַסט תעניתים, ציונס קינדער,
קלאָגט איצט אויף דער בייזער שעה,
ווען דער יידן־פרעסער אָהלוואַרט,
איז שוין איצט ביי אונדז אויך דאָ.

ער איז געקומען מיט דעם אויסרייד,
אייך פאַרטרייבן פון דער וועלט,
מיינען מיינט ער עפּעס אַנדערש:
איר זאָלט אים שענקען עפּעס געלט...

ווייל אין דייטשלאַנד, זעט ער מער
קיין פעניג פאַר די אויגן ווען,
ער איז אַהער צו אונדז געקומען,
ווייזן, וואָס אַ לומפּ נאָר קען.

אַלזאָ, ברידער, צו דער אַרבעט!
העלפּט אים אין זיין גרויסער נויט.
גייט אים גיכער, שנעלער הערן,
ווען אויב ניט — האָט ער קיין ברויט...

(„דער יודישער פּאָק״, דעם 15־טן דעצעמבער, 1895)

צווישן לעמפּערטס ערשטע פּרואוון זיינען פאַראַן אויך לירישע לידער. זיי ענדיקן זיך אַלע מיט אַ סקעפּטישן טאָן. ווי אַ משל קענען מיר אָנווייזן אויף זיין ליד „דער פרילינג קומט״ („דער יודישער פּאָק״, דעם 22טן מערץ, 1896). ער באַשרייבט דאָרטן ווי עס וואַכט אויף די גאַנצע נאַטור — די גראָזן, די ביימלעך, די פייגל. אָבער ער ענדיקט דאָס ליד זייער טרויעריק:

דער פרילינג קומט, דער פרילינג קומט,
דער זומער איז באַלד דאָ,
אין דער נאַטור זיך אַלעס זומט
נאָר אין מיין האַרץ אַליין עס ברומט:
— — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — —
דאָס איך בין באַלד ניטאָ....... ....

אַזוי זיינען אויך די לידער: „מיין געליבטע", פריי נאָך יודזשין פילדן (דאַרטן, פעברואַר 22, 1896) און „ווען ליבע רעגירט", פריי נאָך לאָרד בייראָנען (דאַרטן, דעם 19טן יאַנואַר, 1896).

אינעם ליד „מיין געליבטע" דערציילט ער זיין געליבטער ווי ער האָט זי „געליבט, געאַכט און געשעצט", אָבער זי האָט אים פאַרלאָזן. און ער ענדיקט דאָס ליד מיט די ווערטער:

איך האָב צו דיר גאָרנישט — איך וויל דיר זאָגן נאָר:
אַז דו — ווי די בלום —קענסט ליבן אַ האַלב יאָר..

און אינעם ליד „ווען ליבע רעגירט" דערציילט ער אונדז:

דאַן ווייזט אונדז די וועלט אויס ווי אַ גן עדן,
די מענטשן אין מלאכימלעך גאָר,
דאַן זעען מיר אַרום זיך נאָר הוילע פריידן,
— קיין צרות, קיין זאָרגן — גאָר ניט אַ האָר.

אָבער אַלע גליקן „ווען ליבע רעגירט" ענדיקן זיך זייער טרויעריק:

דערוויל דערפילט מען, אַז יעדער אבר
שטאַרבט ביסלעכווייז אָפּ מיט דעם געזונט,
נאָך אַ ווײַלע — און ס'ווינקט שוין דיין קבר,
עס שלאָגט אומדערוואַרטעט די לעצטע שטונד....

קאַמף-לידער

נאָכדעם ווי לעמפּערט האָט אָפּגעדרוקט זיינע ערשטע לידער אין שמ״רס „יודישן פאָק״, האָבן זיך זיינע לידער באַוויזן אין „אַרבייטער צייטונג״ און אין „אָבענד־בלאַט״. אין דער דאָזיקער אַרבעטער־פּרעסע איז קלאָרער געוואָרן זיין פּאָעטיש פּנים.

ווען מען באַקענט זיך נאָענט מיט אַלע זיינע לידער, איז מען גע־נייגט זיי צו טיילן אין דריי מינים: אין קאַמף־לידער, פּאָליטישע לי־דער און ליריק.

זיינע קאַמף־לידער זיינען ניט קיין אַבסטראַקטע שורות וועגן קאַמף. זיי זיינען על־פּי־רוב אָפּרופן אויף געשעענישן. דעריבער זיינען זיי געשריבן קלאָר, זאַכלעך, דערקלערעריש. דאָס איינציקע, וואָס דער־הייבט זיי צו אמתער קאַמף־פּאָעזיע איז זייער שוואונג. לעמפּערט האָט פאַרמאָגט אַ הייסן טעמפּעראַמענט פון אַ טיף־גלויביקן אין דעם אַר־בעטער־קאַמף.

אינעם כאַראַקטער פון קאַמף־לידער איז געלעגן רעטאָריק. מען דאַרף אָבער פאַרשטיין, דאָס האָט גאָר אַנדערש געקלונגען ווען מ׳האָט די לידער פאָרגעטראָגן. דער אימפּעט ביים שאַפן אַ קאַמף־ליד האָט זיך געניי געהערט בעת מ׳האָט דאָס ליד דעקלאַמירט. און די דאָזיקע רעטאָריק איז טאַקע געווען דער הויפּט־כוח, וואָס האָט עמאָציאָנעל באַווירקט די מאַסן.

לעמפּערטס צוויי לידער „צום אַרבעטער״ האָבן אין זיך אַלע סימנים פון ברייטער רעטאָריק. זיי זיינען דערקלעריש און זיי קלינגען ווי אַ צורוף. אָן טיפן ערנסט און אַבסאָלוטן גלויבן קענען זיך אָט־די אַלע עלעמענטן ניט צונויפשמעלצן.

די וואַלן אין יאָר 1897 האָבן אַרויסגערופן אין לעמפּערטן די דער־מאָנטע צוויי לידער:

צום אַרבעטער

ווידער איז אַ יאָר פאַרגאַנגען,
ווידער קומען אָן די וואַלן
ווידער זייט איר אויסגעגאַנגען,
ווידער זייט איר טויט געפאַלן,

ווידער האָט איר נאָך געליטן ;
ווידער אייער בלוט פאַרגאָסן,
ווידער האָט מען אייך געשניטן,
ווידער האָט מען אייך געשאָסן.

ווידער איז אַ יאָר פאַרגאַנגען,
ווידער קומט שוין אָן אַ נייער —
ווילט איר אימער זיין געפאַנגען ?
ווילט איר גאָרניט ווערן פרייער ?
ווילט איר אימער זיין נאָך שקלאַפן ?
ווילט איר פון קיין לעבן וויסן ?
ווילט איר אימער שאַפן, שאַפן,
און די פראַצע ניט געניסן ? !

ברידער ! ווילט איר וויסן ווינטער,
וואָס וועט קומען אין דעם זומער,
מוזט איר שנעל אַ קוק טאָן הינטער,
און דערזען דעם ים פון קומער.
ווייסט, איר האָט ניט וואָס צו האָפן,
אויף קיין גליקלעכערע צייטן ;
ווייסט, ווען איר וועט ליגן, שלאָפן,
וועט דאָס לעבן זיך ניט בייטן.

*
**

עס קומט דער טאָג, עלעקשאָן קומט,
דער שונא פליט, דער שקר ברומט :
„פאַר אַרבעטער !״ שרייט יעדער אויס —
זיי פילן ווי זיין מאַכט איז גרויס ;
עלעקשאָן קומט, זיי ריידן איין :
אייך אַרבעטער וועט בעסער זיין ;
אָ, שטימט פאַר זיי, עלעקט זיי נאָר,
איר׳ט גליקלעך זיין דאָס נעקסטע יאָר.

זיי ריידן און זיי זאָגן צו
איך, אַרבעטער, נאָר גליק און רו, —
נאָר איר געגאַרטע אַלערליי,
איר ענטפערט ענדלעך מוטיק זיי:
— — — — — — — — — — — — — —
מיר האָבן גענוג שוין געוואַרט און געליטן,
צופיל פון זיסינקע ווערטער פאַרזוכט,
מיר האָבן געאַרבעט, געזייט — און געשניטן,
האָט איר אונדזער זריעה, האָט איר אונדזער פרוכט.

מיר ווערן פון איצטער שוין אוים מחותנים,
מיר ווילן מיט אייך שוין ניט האָבן צו טאָן,
מיר נעמען צוזאַמען זיך אַלע קבצנים,
און הייבן שוין הויך די גערעכטיקייט־פאָן.

מיר גייען אין וואַל־קאַמף אַרויס, און מיר גיבן
דעם ערשטן סיגנאַל צום אַלוועלטלעכן שטרייט,
און קעמפען זאָ לאַנג ביז מיר וועלן דערלעבן
די פרייהייט און גלייכהייט און ברידערלעכקייט.

זוי פריער דערמאָנט — דאָס דאָזיקע ליד איז דערשינען בעתן וואַל־קאַמף („אבענד־בלאַט", דעם 23סטן אָקטאָבער, 1897). מיט זעקס טעג שפּעטער, דעם 29סטן אָקטאָבער, איז דערשינען דאָס צווייטע ליד „צום אַרבעטער":

2.

הייבט דעם האַמער, פּראָלעטאַריער!
הייבט אים אין דעם גאַנצן לאַנד,
לערנט אייערע ברידער, שקלאַפן,
לערנט זיי איצט מיט פאַרשטאַנד
דאָס זיי קענען איצטער ברענגען
שנעל דעם לאַנג־דערוואַרטן מאַי.

הייבט דעם האַמער, פּראָלעטאַריער!
הייבט אים אין דעם גאַנצן לאַנד,
נעמט צונויף איצט די פאַרשקלאַפטע,
דריקט זיי ברידערלעך די האַנט,

זאָגט זיי דאָס אין ליידן אימער
זענט איר נאָר איין קלאַס געווען;
זאָגט זיי דאָס די פריידן מוזן אויך
נאָר צוזאַמען איצט געשען.

הייבט דעם האַמער, פּראָלעטאַריער!
הייבט אים אין דעם גאַנצן לאַנד,
זאָגט די ברידער, די פאַרשקלאַפטע;
דאָס מיר שטייען איצט ביים שטראַנד;
איין וועג ציט זיך נאָר אין וואַסער,
אין אַ טיפן זומפּ אַ וועג,
און דער צווייטער — דורך פון בלומען
אויסגעטראָטענער שיינער וועג...

הייבט דעם האַמער, פּראָלעטאַריער,
הייבט אים אין דעם גאַנצן לאַנד,
זאָגט די ברידער, דאָס די בודלער
שיטן נאָר אין אויגן זאַמד,
זאָגט זיי דאָס מיר האָבן אַלע
אַלס אַ קלאַס געליטן נאָר,
זאָגט זיי, רופט זיי, צו באַפרייאונג,
איצט אין איינעם דיזן יאָר.

דער ערשטער, וואָס האָט געשריבן קאַמף־לידער, איז געווען מאָ־ריס ווינטשעווסקי. אויף דער שיקאַגער הײמאַרקעט־טראַגעדיע האָט ווינטשעווסקי זיך אָפּגערופן מיט אַ רוף־ליד „עס רירט זיך". דאָס איז געווען אין יאָר 1886. דאָך איז דאָס קאַמף־ליד נאָך אַלץ געלעגן אין די וויקעלעך. דאָס וויכטיקסטע דערביי איז: די קאַמף־לידער זיינען על־פּי־רוב אויפגעקומען ווי אַ רעוואָלוציאָנערער אָפּרוף אויף אַק־טועלע געשעענישן. ביי נייטן לעמפּערטן זעט מען עס זייער בולט. די אויבן־געבראַכטע לידער זיינען אַ גוטער ביישפּיל. זיי זיינען אויפ־געקומען בעת די וואַלן אין יאָר 1897. אַזוי, למשל, זעען מיר די זעל־ביקע זאַך אין זיין ליד „דער גאָלדענער ווייץ־זאַק".

מען דאַרף געדענקען איין זאַך: די קאַמף־לידער האָט דער דיכטער ניט געשריבן סתם אין אַ חלל, פאַר זיך אַליין. ווען אַ געלונגען קאַמף־ליד איז דערשינען, איז עס אַוועק צווישן עולם ווי אַ פייער אין פלאַקס.

דער עולם האָט עס אויפגעכאַפּט. מ׳האָט דאָס ליד דעקלאַמירט אין די לאָקאַלן ביי מיטינגען, קיין מיטינג, קיין זיצונג אין אַ יוניאָן, פאַר־איין און קלוב האָט זיך ניט אָנגעהויבן אָן דעקלאַמירן אַרבעטער און רעוואָלוציאָנערע לידער.

דער פּובליציסטישער עלעמענט אָדער די פּובליציסטישע אָנצוהערעניש איז שטאַרק ניכּר אין לעמפּערטס קאַמף־לידער. זיי זיינען אָפּרופן אויף וויכטיקע טאָג־געשעענישן, וואָס האָבן ממש געריסן די אויגן. זיינע פּאָעטישע אָפּרופן זיינען געווען קלאָר, שאַרף און ביטער. אַזוי איז טאָקע געווען זיין ליד „דער גאָלדענער ווייץ־זאַק".

דאָס אונטערקעפּל אינעם ליד דערציילט קלאָר דעם פּאָעטס כוונה: צו געבן „אַ ריכטיק בילד פון דעם איצטיקן יקרות אויף דער גאַנצער וועלט, צוליב די גאָלדענע געשעפטן פון אַ מ"ר לייטער און אַנדערע ספּעקולאַנטן אויף מאַסן־הונגער".

אַזאַ מין ליד האָט מען געדרוקט אין דער צייטונג אויף דער ערשטער זייט, אין סאַמע מיטן. איבער דעם ליד איז אָפט געווען אַ קאַרטון. דער קאַרטון האָט גראַפיש איבערגעגעבן דעם תּמצית פון ליד.

אַזוי, למשל, — איבער דעם ליד „דער גאָלדענער ווייץ־זאַק", געדרוקט אין צוויי עמודים, איז געווען אַ קאַרטון: — אַ זאַק מעל, וואָס זיצט אויפן טראָן מיט אַ גאָלדענער קרוין אויפן קאָפּ. הינטערן טראָן — אַ גראָטעסקע לאַבעדיקע פיגור, אַרומגערינגלט מיט זעק דאָלאַרן. אין פאָרנט פון טראָן שטייט אַן אָרעמע פרוי אויף די קני מיט אַ הונגעריק קינד אויף דער האַנט און בעט ברויט ביים גאָלדענעם ווייץ־זאַק וואָס אויפן טראָן. דער עפּיגראַף צום ליד באַשטייט פון טאָמאַס הודס באַרימטע שורות: „אָך, גאָט! פאַרוואָס איז ברויט אַזוי טייער, און פליייש און בלוט אַזוי ביליק?" און דאָס איז דאָס ליד:

דער גאָלדענער ווייץ־זאַק

אַרבעטער! איר האָט געזייט און געשניטן
אַרבעטער! איר האָט נאָך אימער געליטן
פון רעגן, פון שטורעם, פון היץ און פון פייער,
ביז איר האָט געבראַכט אַל די תּבואה אין שייער.

אַרבעטער ! איר האָט אין שייער געשאָסן,
אַרבעטער ! איר האָט דעם ברויט אויך געקנאָטן !
מיט אייערע כוחות, דאָס טייערסטע הויוון, —
ביז איר האָט אים פאַרטיק געמאָט פאַר די אויגן.

און דאַך, איר געדריקטע, אַך עפנט די אויגן !
און זעט אייער פרוי אויף די קני דאָ געבויגן.
אַך הערט, ווי זי וויינט און זי בעט זיך מיט טרערן :
„אַ שטיקעלע ברויט כאָטש דאָס קינד צו דערנערן !"

אַ שטיקעלע ברויט ! אַך, דאָס קינד האַלט ביים שטאַרבן !
אָ זאָגט מיר, וואו זיינען, פון פעלד יענע גאַרבן ?
אַוואו איז די תבואה, וועלך' איר האָט געשאָטן ?
אַוואו איז דער ברויט וועלכן איר האָט געקנאָטן ?

אַוואו איז די אַרבעט ? אַוואו איז דער כוח ?
אָ,זעט כאָטש, פאַרפירטע, אָט עפנט דעם מוח !
איר זעט ווי ער האַלט עס פאַרשלאָסן אין זעקל
און לאַכט, ווען איר קומט צו אים בעטן אַ ברעקל ?

ער לאַכט ? ער מעג לאַכן, וואָס פאַרא פראַגע.
ווי קומט, ער זאָל הערן פון אייך גאָר אַ קלאַגע ?
פון אייערע ליידן, פון טרערן, פון וויינען,
אָ זאַמלט ער גאָלד דאָך, און קויפט זיך אָן קרוינען.

ער לאַכט — ער מעג לאַכן : איר האָט קיין רחמנות
אויף זיך, אויף דער פרוי און קינדער קרבנות —
פון אייער געדולד און לאַנגיאָריקן שוויגן,
פון אייער ניט וועלן אַלס מאַכט זיך צו צייגן...

פון אייער ניט וועלן ! אָ, ברידער אין ליידן,
ווי לאַנג נאָך, ווי לאַנג, וועט איר זייען און שניידן
פאַר זיי, פאַר די רייכע, די אוצרות און אַלעס,
און לאָזן אַליין זיך דעם פייניקן דלות ?

ווי לאַנג נאָך געדריקטע ! ? גענוג שוין צו טראָגן
דעם דלות, די צרות, די נויט און די פּלאָגן,
דערוואַכט שוין אַמאָל דאָך ! שטירצט נידער די חיה !
זאָל לעבן אַ מענטשהייט אַ זאַטע, אַ פרייע . . .

צו לעמפּערטס קאַמף־לידער דאַרף מען צורעכענען דאָס ווייטער־דיקע ליד, גענומען פון דייטש:

אַן אַרבעטער־מאַרש

אין מזרח ווייזט זיך שוין דער טאָג,
און מאָרגן־ווינטן ווייען ;
די לערכע זינגט איר מאָרגן־ליד,
און מיר, געדריקטע, גייען.
מיר גייען מוטיק, גייען שטאָלץ,
דעם מאָרגן־ליכט אַנטקעגן,
מיר גייען און אַ ווידער־קול
הילכט אָפּ אויף אַלע וועגן :

שלאָפט רואיק נאָר, איר רייכע לייט,
און לאָזט אַליין אונדז זאָרגן ;
מיר, סאָציאַליסטן, ציען איצט
און אונדז געהערט דער מאָרגן !

מיט אונדז אינאיינעם גייט דאָס רעכט,
די וואַרהייט און די פרייהייט,
אין יעדער שטאָט, אין יעדן הויז
נעמט מען אונדז אויף מיט פרייהייט,
מיר קומען לינדערן די נויט
פון די געדריקטע מאַסן ;
מיר קומען און דער ווידער־קול
הילכט אָפּ אין אַלע גאַסן :

שלאָפט רואיק נאָר, איר רייכע לייט,
און לאָזט אַליין אונדז זאָרגן ;
מיר, סאָציאַליסטן, ציִען איצט
און אונדז געהערט דער מאָרגן.
און אויב איר שטעלט זיך אונדז אין וועג
די וואָרהייט צו פערדריקן
זייט רואיק, דאָס מיר וועלן דאָך
דעם פאָלק די וואָרהייט שיקן.

(„אַרבייטער־צייטונג", דעם 1טן מאַי, 1898)

כמעט אַלע זיינע קאַמף־לידער זיינען רוף־ און וועק־לידער. דאָך — אין זייער רוב זיינען זיי געלעגנהייט־לידער. אַזוי זיינען געווען זיינע לידער „צום אַרבעטער", געשריבן אין שייכות מיט וואַלן. אַזוי איז אויך דאָס נאַרוואָס ציטירטע ליד. געשריבן איז עס לכבוד דעם ערשטן מאַי.

ווען מען לייענט זיי, דערפילט מען ניט דעם פולן עמאָציאָ־נעלן באַטייט. וואָרן געשריבן האָט מען אַזעלכע לידער — זיי פאָר־צוטראָגן, דעקלאַמירן. די פאָרלייענער ביי די פאַרזאַמלונגען — אָפט די פּאָעטן אַליין — האָבן באַטאָנט די לידער אַ סך לעבעדיקער ווי דער לייענער בעת ער האָט געלייענט די לידער אין שריפט. די ווענדונגען, אויסרופן, די רעטאָרישע פראַגעס אין דעם פאָרלייענערס מויל האָבן געהויבן און געשטאַרקט די עמאָציאָנעלע שטייגערונג. אַזוי אויך האָבן געווירקט די אַנאַפאָרישע שורות, די איבערחזרונג פון אַ שורה.

נאָענט צו די קאַמף־לידער זיינען געשטאַנען לעמפערטס פאָליטישע לידער.

פאָליטישע לידער

דער נאָמען פאָליטישע לידער איז אפשר ניט אינגאַנצן פּאַסיק פאַר לעמפערטס געוויסע געלעגנהייט־לידער. זיי שטייען נאָענט צו זיינע קאַמף־לידער טאַקע דערפאַר, וואָס זיי באַהאַנדלען אַקטועלע גע־שעענישן. לעמפערט רירט שטענדיק אָן אַזעלכע אַקטועלע געשעענישן, וואָס האָבן אַ דירעקטן שייכות מיטן אַרבעטער־קלאַס. אויך זיי זיינען אַרבעטער־לידער. זייער טעמע אָבער איז מער לאָקאַליזירט. זי גייט

ניט אַריבער די גרענעצן פון אַ ציטווייליקער געשעעניש, הגם די געשעעניש איז איין רינג אין אַ גאַנצער קייט געשעענישן אין דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם. זי לאָזט אויך איבער אַן איינדרוק פון אַ ציטווייליקער געשעעניש.

אין דעם דאָזיקן זשאַנער איז פאַראַן בייסיקע סאַטירע, דער בלענד פון שאַרפן פעלעטאָן. די טעמע איז קלאָר, ציל־באַשטימט.

בעת דער שפּאַניש־אַמעריקאַנער מלחמה, למשל, האָט אַ גרויסער טייל יידישע ראַדיקאַלן באַטראַכט די מלחמה ווי אַ קאַפּיטאַליסטישע אַוואַנטורע. ביי לעמפּערטן האָט די מלחמה אַרויסגערופן אַ שאַרף און אויסערגעוויינלעך טעמפּעראַמענטפול ליד — „מי ומי ההולכים״. דאָס איז אַ גאַר פיינער מוסטער פון פּאָליטישער פּאָעזיע. בשעתו האָט דאָס ליד געמאַכט אַ גרויסן רושם.

מי ומי ההולכים

ווער שרייבט זיך איין אַלס וואָלאָנטיר.

אונ וויל איצט גיין אין קריג —

פאַר דעם שטייט אָפן פרייהייטס־טיר ;

זי בעמט אים אויף אַלס פריינד צו איר

און פירט אים שנעל צום זיג.

נאָר וויסן זאָל אָט דער וואָס וויל

און איז בעריט צו גיין :

דאָס ניט אַ נאַציאָנאַל־געפיל

איז פרייהייטס גרויסער שטרעבונג־ציל,

איז פרייהייטס קאַמף אַליין.

אין דיזער גרויסער יאָמערטאַל

אין דיזער וועלט פון נויט,

וואו ס'הערט זיך קרעכצן איבעראַל

פון שווערן דרוק, פון טויטן קוואַל,

פון אַלטן קאַמף פאַר ברויט ;

אין דיזער וועלט, וואו אַרבעט שווער,
גענישן רייכע נאָר —
האַן גיבן קיין נאַציאָנען מער,
נאָר קלאַסן צוויי, דער קנעכט און דער,
און מערער — ניט אַ האָר.

דאַרום, איר וואָלאָנטירן, קנעכט
איר ווילט איצט גיין גאַנץ פריי?
טאָ גייט אַרויס פאַר אייער רעכט
און שטירצט אַרונטער אַל־דאָס־שלעכטס,
און שטירצט די טיראַניי!

אָ, גייט אַרויס פון שאָפּ, פון שאַכט!
עס רופט אייך דאָ די נויט
צו שטירצן דיזע ווילדע מאַכט,
וואָס האָט פאַר שקלאַפן אייך געמאַכט,
וואָס דריקט אייך ביז צום טויט.

אָ, גייט איר, וואָלאָנטירן אַל'!
דערהייבט די רויטע פאָן!
און קעמפן זאָלט איר איבעראַל
נאָר קעגן שונא קאַפּיטאַל,
די פיינדלעכע נאַציאָן,

ווער שרייבט זיך איין אַלס וואָלאָנטיר,
און וויל באַלד גיין אין קריג?!
פאַר דעם שטייט אָפן פריקהייטס־טיר:
זי נעמט אים אויף אַלס פריינד צו איר,
און פירט אים שנעל צום זיג!

(„אַרבייטער־צייטונג", דעם 19־טן יוני, 1898)

אויף דער זעלביקער טעמע האָט ער נאָך אַ ליד: „קיל זיך אָפּ, אַנקל סעם!" געדרוקט אין „אַרבייטער־צייטונג", דעם 27סטן פעברואַר, 1898.

אין דעם ליד עצהט ער אַנקל סעמען צולייגן איין צום מוח, זיך אָפּקילן און ניט „בלאָפן מיט דיין (זיין) כוח״:

אַך, „אַנקל סעם״, וואַרט אַ ווײַלע
קיל זיך אָפּ אַ ביסל;
פאָלג מיך, קריך ניט מיט דיין לעפל
אין אַ פרעמדער שיסל,
ווייל דער שפּאַניער ליבט קיין בלאָף
און עס קען נאָך — ווי! דיין שטראָף
קומען... און...אַך, „אַנקל סעם״,
מאַך שנעל אַ סוף פון דעם!....

פאָליטיש שאַרף טרעט לעמפּערט אַרויס אויך אין זיין ליד „זיי דאַרפן סאָלדאַטן״. דאָס ליד איז פול מיט בייסיקער סאַטירע אויף די רייכע, וואָס זייערע רייכטימער דאַרף דאָס פאָלק „באַשיצן, באַהיטן״. און די ווענדונג מצד די רייכע איז צום זעלביקן פאָלק, וואָס האָרעוועט פאַר זיי „ביטער, מיט בלוט און מיט שווייס״. און דער דיכטער ענדיקט דאָס ליד ציל־באַוואוסט:

זיי דאַרפן סאָלדאַטן, זיי מעגן אויך האָבן,
דאָך ציטערט ניט, ברידער, און האָט ניט קיין קלעם
זיי פילן דער קבר איז באַלד אויסגעגראָבן
פאַר זיי, פאַר דעם געלט, פאַר דער גאַנצער סיסטעם.

פאַראַן פאָליטישע לידער ביי לעמפּערטן, וואָס זיינען באַענט צום פעלעטאָן אין פערזן. עס איז נאַטירלעך זיין דערנעענטערן זיך צום פעלעטאָן. על־פּי־רוב זיינען דאָך זיינע לידער געשריבן אויף אַק־טועלע טעמעס וואָס שפּיגלען אָפּ אַ וויכטיקע געשעעניש. אַזוי איז זיין ליד „טאַמאַניס גדולה״. דאָס איז אַ סאַטירע אויף די מעשים תעתועים פון דער לאָקאַלער ניו־יאָרקער דעמאָקראַטישער אינסטיטוציע, וואָס האָט קאָנטראָלירט די שטאָט־רעגירונג. אַן ענלעך ליד איז זיין „פערד־אויסשטעלונג״ — אַ מוסטער פון זיין פעלעטאָן אין פערזן:

די פערד־אויסשטעלונג

פאַרפּוצט איז דער „גאַרדען״
מיט ראָזן, מיט בלומען;
די רייכע — ווי זיינען
צוזאַמענגעקומען
צו שפּילן אין פערדלעך,
צו ציגן דעם פּראַכט,
וואָס בלוטיקע אַרבעט
באַשאַפט האָט, געמאַכט.

עס שפּילט דער אָרקעסטער
מעלאָדישע טענער,
עס קוועלן די דאַמען,
עס שמייכלען די מענער,
עס פליען די פערדלעך,
די רייטער גאַלאָפּ,
עס הילכן די בראַוואָס
פון טויזנטער אָפּ.

זאָ שפּילט מען אין פערדלעך,
יאָר איין און יאָר אויס;
זאָ וואַקסט אויך דער דלות
ביים אַרבעטער גרויס,
דאָרט טרינקט מען שאַמפּאַניער,
דאָרט לאַכט מען פון דעם —
אַ פלוך יענער באַנדע,
אַ פלוך דער סיסטעם.

לעמפערטס נטיה צום פּאָליטישן ליד האָט געקענט פירן צו גאָר גרויסע דערגרייכונגען אין דעם געביט. ער איז געווען דער טעמפּע־ראַמענטפולער פּאָליטישער פּאָעט. און עס איז אַ שאָד, וואָס די יידישע פּאָעזיע האָט אים אַזוי יונג פאַרלאָרן.

יידישע טעמאַטיק

צו אונדז זיינען דערגאַנגען עטלעכע לידער זיינע מיט אַ יידישער טעמאַטיק. זיי זיינען אָבער אויך סאָציאַלע לידער. די לידער זיינען „שמחת־תורה" („אָבענד־בלאַט", דעם 19טן אָקטאָבער, 1897), „תשעה־באָב", „כל דכפין", און „צו מענדעלען". די דאַטעס פון די לעצטע דריי לידער — ניט פעסטגעשטעלט.

אין „שמחת־תורה" און אין „תשעה באב" רעדט אַן אַמאָליקער „בעזבאַזשניק". אין „שמחת־תורה" פאַרזיכערט ער דעם רבונו־של־עולם, אַז ער וואָלט וועלן אים ליבן, זיין תורה, פסוקים, משפטים און חוקים. ער וואָלט עס אַלץ געטאָן ווען דעם רבונו של עולמס תורה וואָלט געשטראַלט „פון אַ פריהייטס־גאָלדענע זאַנגע, פון אַ לעבן, גליק און וואָנגע". אָבער „איצטער איז מען נאָך אויף קלאָגן; און צו טאַנצן אַ געדריקטער, דאַרף מען זיין גאָר אַ פאַרריקטער!"

ניט וויניקער „בעזבאַזשניק" איז ער אין זיין ליד „תשעה־באב". ביידע קלאָגן, ביידע פאַסטן אום תשע־באב — ר' יאַנקעלע דער רב און דער אַפּטרייטער חיים יאַשעס. „איינער פאַסט נאָר, ווייל אַ חורבן איז געווען אַמאָל, אַ שרעק; און דער צווייטער — ווייל, אַך, ברידער, ס'איז פּראָסט ניטאָ פון ברויט אַ לעק" . . .

אין ליד „כל דכפין" פאַרזאָגט ער דעם קבצן, ער זאָל ניט מאַכן קיין שהיות און זיך לאָזן גיין צום עושר — „ער בעט, עס איז אַ יושר" . . . אָבער ער זאָגט אים אַן: „איידער דו גייסט עסן, זאָלסטו אין זאַך ניט פאַרגעסן: דאָס פאַר די גליקן אַן אַ שיר, איז פאַרשלאָסן איצט די טיר" . . .

דאָס פערטע ליד אויף אַ יידישער טעמע איז דאָס ליד געווידמעט מענדעלע מוכר ספרים. דער שאַרפער סאָציאַלער מאָטיוו ביי מענ־דעלען איז געווען זייער שטאַרק אָנגעלייגט ביי לעמפערטן. דאָס ליד אַליין איז סאָציאַל שאַרף. הגם דער ריטם פון ליד דערמאָנט אין ווינטשעווסקין, איז ער אָבער זייער אינטערעסאַנט. ער איז זייער באַ־וועגלעך. און דאָס גאַנצע ליד איז געשריבן געשיקט און מיט גאָר אַ פיינעם חוש פאַר פאָרם:

צו מענדעלען

געווידמעט דעם ליבן מענדעלע מוכר ספרים

ר׳ מענדעלע, ר׳ מענדעלע!
דיין יעדער וואָרט אַ רענדעלע,
אַ רענדהעלע, ר׳ מענדעלע,
איז ווערט דיין יעדער וואָרט;

דו קענסט זיי גוט דעם יידעלע,
זיין טרויער און זיין לידעלע,
זיין לידעלע, זיין טרויערל
פון דאַנען און פון דאָרט.

דו קענסט דעם יידנס הערצעלע,
דו שפילסט אים אויף דער טערצעלע —
אַ טערצעלע, אַ שמערצעלע,
וואָס שטעכט אין יעדן ביין;

דו קענסט אויך וויינען זינגענדיק,
ווען דיין האַרץ צעשפּרינגענדיק,
צעשפּרינגענדיק, דורכדרינגענדיק
מיט טרערן און געוויין.

דו קענסט גוט די רבנימלעך
רבנימלעך, דיינימלעך,
דיינימלעך, חזנימלעך
וואָס טוען ניט אַ האָר;

וואָס מאַכן אָן די קריגענעס,
די קריגענעס, די ליגענעס
די ליגענעס, באַטריגענעס
ביים יידן אַ גאַנץ יאָר.

דו קענסט אויך די קאַראַבקעלעך,
די קונצן און די האָפּקעלעך,
די האָפּקעלעך, קאַראַבקעלעך
אין יעדער יידיש שטאָט ;

דו ווייסט אויך ווי די פּרומינקע,
די פּרומינקע, די קרומינקע,
די קרומינקע, די דומינקע,
ווי זיי ציטערן פאַר גאָט....

דו קענסט די „בני רחמנימלעך"
די „כל ישראל" פּנימלעך,
די פּנימלעך רחמנימלעך
ווי יענער שוואַרצער ייד,

וואָס מאַסט זאָ לייכט די געלטעלע
און האָט פאַר זיך די וועלטעלע,
די וועלטעלע, די געלטעלע,
און זינגט אַ צדקה־ליד.....

דו קענסט אויך די „יהודימלעך"
וואָס מאַכן אָן ירידימלעך
ירידימלעך, געריהערלעך
אין דעם עלעקשאָן טאָג ;

וואָס זאָגן צו די פּיעלע
און קויפן אָפּ די קיעלע
די קיעלע, די פּיעלע
וואָס האָט נאָכער אַ קלאָג....

דו קענסט אויך די רעהאַקטערלעך,
די „כל ישראל" פאַקטערלעך,
די פאַקטערלעך, רעהאַקטערלעך
מיט זייער האָב און גאָב :

ווי זיי שרייבן כלומרשט וויינענדיק,
דעם יידנס שטאָלץ באַשיינענדיק,
באַשיינענדיק, באַוויינענדיק
און אַלעס פאַרן דזשאַב . . .

דו קענסט זיי גוט ר׳ מענדעלע
זיי קענען — חוץ אַ רענדעלע
אַ רענדעלע צו צאָלן דיר
פאַר דיין שרייבן ווען :

דאָך דיין לוין, מיין טייערער,
קריגסטו ווען דער פרייערער
זאָגט אַ מאָל זיך שטיל :
„רב מענדעלע ער קען ! . . .״

(„אָבענד־פּאָסט״, דעם 17־טן יאַנואַר, 1897)

לירישע לידער

לעמפערט האָט אָנגעהויבן מיט לירישע לידער. אָבער קיין סך לירישע לידער איז אים ניט אויסגעקומען צו שרייבן. ס׳איז בכלל אַ חידוש ווי אַזוי ער האָט באַוויזן אַרבעטן פון פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט, לערנען, אָנטייל נעמען אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, אויפטרעטן מיט זיינע לידער אויף פאַרזאַמלונגען און אָנשרייבן דאָס, וואָס ער האָט אָנגעשריבן.

די עטלעכע לירישע לידער זיינע צייכענען זיך אויס מיט טיפער שטימונג, דינעם ליריזם און מיט אמתער פּאָעזיע.

פאַראַן ביי אים אַ ליריש ליד, וואָס איז צוגלייך אויך אַ סאָציאַל ליד. דאָס איז אַ שטיל געוויין אויף אַ מאַרטירערס טויט, און אויך אַ שבועה. דער מאַרטירער איז געווען מ. שוואַב, איינער פון די אומשולדיקע קרבנות אין דער שיקאַגער היימאַרקעט־טראַגעדיע (1886). דאָס ליד האָט בשעתו געמאַכט אַ גרויסן רושם, — און ניט אומזיסט. דאָס ליד געהערט צו לעמפערטס שענסטע לידער :

אויף דעם טויט פון מ. שוואַב

שטיל ליגט דאָס האַרץ, וואָס האָט אַזוי געשלאָגן
פאַר ליכט און פאַר דעם פּראָלעטאַריערס רעכט,
אַ האַרץ, וואָס נאָר דעם אונטערדריקטנס קלאָגן
האָבן ניט געלאָזן רוען טאָג און נעכט.

אַ האַרץ, זאָ פול מיט ליבע, טרייהייט,
אַ האַרץ, זאָ פול מיט זאָ פול וואוט און האַס,
אַ האַרץ, וואָס האָט אַזוי געהאַסט דעם רייכן קלאַס,
שטיל ליגט דאָס האַרץ, אַך פרי, צו פרי געשטאָרבן.
פרי פון אונדז אַוועק, דו טרייער, טרייער פריינד,
דו האָסט געוואָלט און ליידער ניט דערוואָרבן
צו זען דעם גרויסן שיינעם מאָרגן — היינט.

האָרום שווערן מיר דיר צו אַן אייביק טרייע,
מיר אַלע אונטערדריקטע שקלאַפן, קנעכט,
מיר וועלן קעמפן ביז די מענטשהייט ווערט אַ פרייע
און זיגן פאַר דעם אַלגעמיינעם רעכט.

רירנדיק זיינען אויך לעמפּערטס לירישע לידער, וואָס אין זיי שאַטנט אַ מאָדנער פאָרגעפיל וועגן פריצייטיקן טויט. איינס אַזאַ ליד איז „הערבסט״, געדרוקט אין „אַרבייטער צייטונג״, דעם 26סטן סעפּ־טעמבער, 1897.

הערבסט

דער הערבסט, ער קומט, די בלעטער פאַלן,
דער וואַלד, ער רוישט אַן אָפּשייד־ליד, —
צום פרילינג און צו נאַכטיגאַלן,
צו אַלץ, וואָס האָט געלעבט, געבליט.

דער הימל ליגט שוין איינגעצויגן
אין שוואַרצע וואָלקנס גרויס און שווער:

די בלום — אַ קריפּל — שטייט געבויגן,
דער טאָל איז וויסט, ער גרינט ניט מער!

אין מיר — מיין יוגנט ווי דער זומער
פאַרגייט שוין אויך, געזעגנט זיך;
עס קומט דער הערבסט, איך פיל אַ קומער, —
דער הערבסט, דער טויט באַגעגנט מיך....

און אַט איז אַ צווייט ליד מיט די זעלבע שטימונגען:

און ווער איך אין טרוימען פאַרזונקען,
און חלום פון פרילינג, פון גליק,
דאַן קומט, אַך, דער הערבסט־ווינט דער קאַלטער
און וועקט מיך מיט כעס צוריק.

דאַן גיי איך מיר אום אַ דערוואַכטער,
און וויין שטיל, און קלאָג אויף דאָס ניי,
דער הערבסט־ווינט — מיר דאַכט, אַז ער זאָגט מיר:
„דיך וועט שוין ניט גריסן קיין מאַי!...“

עלף טעג נאָך לעמפּערטס טויט, דעם 16טן אַפּריל, 1899, איז אין דער „אַרבייטער־צייטונג“ דערשינען זיינס אַ ליריש ליד, וואָס מ׳האָט געפונען צווישן זיינע מאַנוסקריפּטן. די שטימונג אין דעם ליד איז די זעלביקע ווי אין זיינע אַנדערע לעצטע לידער: האַרבסטיקע וואָר, אונטערגאַנג, „עס העלפן קיין ווערטער“.

הערבסט־געדאַנקען

צעוויאַנעט די בלעטער, פאַרשוואונדן די בלומען,
פון זומער ניטאָ מער קיין שפּור;
דער הערבסט — אַך, דער קאַלטער, איז שוין אָנגעקומען
געענדערט האָט זיך די נאַטור.

דער הימל דער בלויער, ער ליגט איינגעצויגן
אין וואָלקנס אין שווערע — אַ גוואַלד;

דער בוים, אַ פאַרדאַרטער, שטייט איינזאַם געבויגן
אין איינזאַמען, עלנדן וואַלד.

אַוועק איז דער פרילינג, דער זומער, די צייטן
די גאָלדענע גליקלעכע צייט ;
עס קומט אָן דער ווינטער, נאַטור מוז זיך בייטן,
עס העלפן קיין ווערטער, קיין שטרייט.

עס העלפט ניט קיין וויינען, קיין קלאָגן, קיין בעטן,
עס העלפט ניט אין האַרצן דער דריק ;
אַוועק איז דער פרילינג ; ווער ווייס אויב באַטרעטן
וועסטו נאָך אַ פרילינג צוריק ?....

זאָ, לויפן, זאָ פליען די בליענדע יאָרן,
זאָ לויפט אויך די יוגנט — אַ שרעק !
עס קומט אָן דער ווינטער, מאַרש ! מענטש דו מוזט פאָרן
אַהין —אַך, אין שרעקלעכן עק...

N. B. MINKOFF

PYONERN FUN YIDDISHER POEZIE IN AMERIKE

DOS SOTSIALE LIED

TSVEITER BAND

●

New York, 1956

N. B. MINKOFF

PIONEERS OF YIDDISH POETRY IN AMERICA

THE SOCIAL POETRY

Volume 2

New York, 1956